STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04782

DER SHTARKER VILN

Rachel Kantor-Szwarcbard

Permanent preservation of this book was made possible
by David Gordon & Donna Schwarzbach
in memory of
Phineas Chrabolowski Gordon from Bielsk Podlaski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רחל קאַנטאָר־שוואַרצבאַרד

✶

דער שטאַרקער ווילן

רחל קאַנטאָר־שוואַרצבאַרד

דער שטאַרקער ווילן

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב תשמ״ב 1982

RACHEL KANTOR-SZWARCBARD

DER SHTARKER VILN

רהל קאַנטאָר־שוואַרצבאַרד / דער שטאַרקער ווילן

י. ל. פרץ־פאַרלאַג ברנר 14, תל־אביב 65246

טל. 281751

I. L. PERETZ Publishing House

14, Brener St. Tel-Aviv

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel

נדפס בישראל תשמ"ב

נסדר בדפוס א. ינקלביץ תל־אביב

נדפס בדפוס מ. ערבה תל־אביב



אינהאַלט

ערשטער טייל
ווילנע 1932 — 7
צווייטער טייל
קיבוץ באַראַכאָוו לאָדזש — 42
דריטער טייל
יוגאָסלאַוויע 1937 — 97

ביאָגראַפישע נאָטיצן — 128

ערשטער טייל

ווילנע 1932

.1

דאָס שטעטל ה. איז ווי ניי ־געבוירן. פרילינג! אַלץ האָט אויפגעלעבט. די פּנימער פון די מענטשן זענען פרישער, שמייכלדיקער. די גרינע שפּראָצונגען שטעקן אַרויס זייערע קעפּלעך פון דער נאָך פייכטער ערד, נייגעריקע צו דערוויסן זיך, צי ס'לוינט אָנהייבן לעבן פון דאָס ניי. דאָס טייכל לעבן דאַמפּמיל איז פול, פרויען וואַשן וועש, שטייען באָרוועסע אין וואַסער. די קנאָספּן אויף די צווייגן זענען אָנגעשפּיצט פאַרן אויפפּלאַצן. צווישן טאָג און נאַכט הערט זיך ווידער אַ פייגל־געזאַנג.

אין קליינעם צימערל איז האַלב־טונקל. אויף די ווייסע ווענט זעט מען אַ שאָטן פון די וואַזאָנעס, וועלכע שטייען אין ווינקל צימער. דער היל־צערנער דיל — ריין, געוואַשן. ביים פענצטער שטייט אַ טישל, פאַרשפּרייט מיט אַ ווייס טישטעכל. אויף דער צעראַטעוועטער סאָפקע ליגט די בלאָנדע ביילע, מיט אירע גלייכע פלאַקסענע האָר. איר צופוסנס ליגט די קאַץ, שוואַרץ ווי סאַזשע. ביילע טראַכט פון איר געוועזענעם פריינד, בענקט: „דרייסיק יאָר בין איך אַלט; וואָס וועט פון מיר זיין? אַוועקגעפּטרט די בעסטע יונגע יאָרן אין דעם קליינעם שטעטל. פאַר וועמען לעב איך? נאָך וואָס? ווער האָט מיך? און וועמען האָב איך? קיין נדן האָב איך ניט. — אַלע האָבן ליב געלט...״

ביילע האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן. די טיר האָט זיך געעפנט און ס'איז אַריין שמעון, איר ייִנגערער ברודער. ער האָט זיך אונטערגעפּיפן דעם ניגון „העבודה היא חיינו״ — אַרבעט איז אונדזער לעבן. ער האָט אָנגעצונדן די ליכט און אויפן קול זיך געוואָנדן צו ביילען:

— ביילע, פאַר וואָס ליגסטו? ניט געזונט, אָדער חלומסט וואָס דער קייזער עסט?

— ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר. זי האָט אים אומעטיק אָנגעקוקט. שמעון האָט אַ ווײַלע געשוויגן, און דערנאָך דערציילט:

— דו ווייסט, כ'האָב באַשלאָסן צו פאָרן אויף הכשרה.

ביילע איז געבליבן דערשטוינט. זי האָט זיך אויפגעזעצט און מיט זאָרג געטראַכט: „ווער וועט אויסהאַלטן די מאַמע? איך פאַרדין ווייניק. ער פאַרדינט. אַרבעט אין דער בעקערייי".

— איז וואָס זאָגסטו דערויף? — האָט שמעון אַנגעשטעלט אויף איר זיין בליק. זי האָט זיך באַמיט צו שטאַרקן און שטיל געזאָגט:

— אויב דו האָסט שוין באַשלאָסן, איז זאָל זיין מיט גליק.

— כ'האָב שוין אויסגעפילט אַ שאלון — האָט ער אַ פאַרטראַכטער געזאָגט.

— די מאַמע וועט זיך ערגערן.

— כ'האָב פון אַלץ געטראַכט, נאָר אַלע פאָרן זיך פונאַנדער פון שטעטל. איך קאָן אויך ניט איינזיצן. נאָך זעקס-זיבן חדשים אויף הכשרה, וועל איך עולה זיין קיין ארץ-ישראל און אַריבערנעמען די מאַמען. אויב דו וועסט וועלן, אויך דיך, — האָט ער זי געמוטיקט — זיכער האָב איך ניט קיין ריינעם געוויסן, וואָס איר וועט אונטערליידן ביז איך וועל אייך קאָנען אַריבערנעמען. אָבער קיבוצים פאָדערן מענטשן. איך בין שוין לאַנג אין סניף. איצט גיי איך אַ קוק טאָן וואָס מ'הערט דאָרט אין סניף.

ער איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און דאָך באַמערקט זיצן אויף אַ באַנק אונטער די ביימער דינהן מיט אירער אַ חברטע. דינה האָט אים געפרעגט:

— האָסט שוין דעם שאלון?

— אַזוי שנעל? — און ווען פאָרסטו אויף הכשרה? — האָט ער זי געפרעגט.

— איך? איך בין אַלט 15 יאָר, וועט מען מיך אָננעמען? זיכער ניט פאַר 18 יאָר! דאָס איז איינס. צווייטנס, איז מיין שטאַרקער ווילן צו לערנען. נאָר לערנען! שפעטער וועל איך פאָרן אויף הכשרה.

— ס'איז דאָ געוונג געלערנטע. פאָר אויף אַ זומער-קאָלאָניע, פאַראַן דאָרט סעמינאַרן, וועסטו לערנען וועגן החלוץ. מיר זענען יונג, שטאַרק!

מירן בויען אַ ניי לעבן! מיט נייע פאָרמען פון לעבן. מיר האָבן אַן אידעע! אַ שטרעבונג! — האָט שמעון התלהבותדיק גערעדט.

— און איך וויל פאָרן קיין ווילנע לערנען. כ'האָב פּשוט מורא צו בעטן מיין פאָטער, ער זאָל מיך שיקן קיין ווילנע. דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז ער וועט מיך נישט וועלן הערן. און ער, אַז ער זאָגט ניין, איז ווי מיט אַ האַק אָפּגעהאַקט.

— צינע, קום צו אין סניף, — האָט ער זיך געוואָנדן צו איר חברטע.

— איך גיי טאַקע — האָט זיך צינע אויפגעשטעלט, אויסגלייכנדיק דעם ווייסן קראַגן פון איר בלוזע. אָנגעטאָן אין אַ גראַנאַט רעקל און ברוינע ספּאָרטשיך, אירע טונקעלע האָר געשוירן קורץ; די אויגן פון קאַשטאַן־קאָליר געעפנט ברייט, געזעגנט זי זיך מיט דינהן. זיי זענען אַוועק. שוין פון ווייטן האָבן זיי געהערט דעם רעש פון לאָקאַל. ווו חברים האָבן געזונגען „איזה פלא" און אַנדערע חלוצישע לידער. אַנדערע האָבן דיסקוטירט, גע־שמועסט. ווען שמעון מיט צינען זענען אַריינגעקומען, האָט דער סעקרע־טאַר, זעליג, גערופן צו אַ שמועס. ס'איז געוואָרן שטיל. מען האָט זיך אויס־געזעצט אויף די בענק אין אַ ראָד. און זעליג האָט געמאָלדן:

— היינט איז דער שמועס וועגן א.ד. גאָרדאָן.

שמעון האָט זיך איינגעהערט מיט אַלע חושים. ס'איז אַריינגעקומען אַ חבר פון וועד, אַ קלאַפּ געטאָן שמעונען אין פּלייצע און איינגערוימט אים אַ סוד. חברים האָבן פּראָטעסטירט וואָס דער חבר שטערט אין מיטן שמועס. זיי זענען אַריין אין צווייטן צימער און שמעון האָט איבערגעפרעגט נאָך אַ מאָל צי ער האָט גוט געהערט, אַז די באַשטעטיקונג איז שוין פאַר אים אָנגעקומען.

— האָב איך שוין דעם אישור! — האָט שמעון אויסגערופן מיט איבער־ראַשונג.

✶

דינה איז געזעסן ביים טיש און געטראַכט וועגן אירע פּלענער צו פאָרן קיין ווילנע און לערנען אין לערער־סעמינאַר.

— ווילסט מאַכן אַ פּאַרטיע שאַך? — האָט איר פאָטער זי געפרעגט.

אברהם איז געווען פון מיטעלן וווקס, אין אַ קליין שוואַרץ היטעלע אויפן קאָפּ, די שוואַרצע באָרד שיין צעקעמט, זיינע אויגן, ווי שוואַרצע קוילן, האָבן געשמייכלט. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס שאַכברעטל אויפן דעמבענעם טיש, צעשטעלט די שאַך־פיגורן. דינה איז געווען צופרידן וואָס איר טאַטער איז אין אַ גוטער שטימונג. זי האָט זיך געזעצט צום טיש און איז אַרויס דווקא פריִער מיטן פערד.

— כ׳בין מיד, כ׳דאַרף זיך אַ ביסל אָפּרוען — האָט איר פאָטער ווי זיך פאַרענטפערט וואָס ער לערנט ניט אין בית־מדרש אויך איצט, נאָר בלויז אין דער פרי. ער האָט אַ רייב געטאָן דעם ברייטן שטערן, און מיט אַ שאַרפן בליק זי אָנגעקוקט. נאָך עטלעכע געגנג האָט דינה געוואָרנט:

— שאַך — מלכּה! טורעם!

— נו, מיין מלכּה פאַרשפּילט!

דינה האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, מיט אַ ציטערדיקער שטים האָט זי געזאָגט:

— טאַטע, איך וויל דיך עפּעס בעטן.

אברהם האָט זי פריינדלעך אָנגעקוקט. זי האָט דערציילט:

— שוין אַ חודש ווי איך טראָג זיך אַרום מיטן שטאַרקן ווילן צו פאָרן קיין ווילנע לערנען.

ער האָט זיך נישט איבערראַשט. ער האָט שוין געהערט פון דעם פּלאַן, געמיינט, אַז ס׳אַ פאַנטאַזיע און ער האָט רויִק געזאָגט:

— צו וואָס דווקא ווילנע? ווילסט ווערן אַ ליטוואַטשקע? אין וואַלין איז שלעכט צו לערנען?

— בלויז אין ווילנע איז דאָ אַ העברעיִשער סעמינאַר און בכלל איז ווילנע אַ ייִדישער קולטור־צענטער. איך האָב פיל געהערט וועגן ווילנע.

— האָסט געענדיקט די פּוילישע פאָלקסשולע, לערנסט ביי אַ פּריוואַטן לערער שפּראַכן. וואָס ווילסטו נאָך?

— איך וויל לערנען ניט אין סעמינאַר, נאָר אין גימנאַזיע און שטודירן פּסיכאָלאָגיע.

אברהם האָט זיך שוין ניט איינגעהערט, נאָר געטראַכט וועגן זיין עקאָנאָמישער לאַגע. די שטייערן זענען גרויס, די פּרנסה — אַ שוואַכע, דאָס

געשעפט גייט ניט. אַ גרויסע פאַמיליע. ער האָט די דריטע פרוי, פון דריי פריִען קינדער. ער וועט ניט קאָנען אויסגעבן די גרויסע הוצאות. און אַ מיידל אַליין אַזוי ווייט אוועקשיקן.

— ס'קומט ניט אין באַטראַכט. שלאָג זיך עס אַרויס פון קאָפּ.

— טאַטע, וויל מיך פאַרשטיין. איך מוז פאָרן.

ער האָט זיך באַמיט צו באַהערשן, ניט רעאַגירן שטרענג. ער האָט געוווּסט אַז זי איז אַ גרויסע עקשנטע, מיט שלעכטן וועט ער ניט פועלן ביי איר, אַז זי זאָל רעזיגנירן פון דעם פאַרלאַנג, איז ער אוועק צו זיך אין צימער. זיין פרוי — אַ דיקע, מיט אַ רויט־רונדן פּנים, האָט זיך נייגעריק נאָכגעפרעגט:

— וואָס האָסטו איינגעטענהט מיט דיין טעכטערל?

— געלט דאַרף מען צו זיי האָבן. די לערערס רימען זיי שטאַרק, טייערע קינדער מיינע.

— אַרנטלעכע, שטילע, לייטישע קינדער, אָן עין־הרע, קיין בייז אויג זאָל מען זיי ניט געבן, — האָט זי געלאַכט. — צאַצקעס. דינהלע האָט שוין איין מאָל אַ מויל...

— וואָס פאַר אַ מויל, אַלע אין שטעטל זענען איר מקנא. וויפל עלטערן האָבן מיך געבעטן, אַז זייערע קינדער זאָלן קומען מאַכן די לעקציעס מיט איר צוזאַמען.

— יאָ, לערנען וויל זי ביזן גראָען צאָפּ. ווען מיינע קינדער קענען העלפט פון איר, וואָלט געווען גענוג, — האָט ברײנע גערעדט מיט כּעס. אברהם! דו וועסט דינהן ניט שיקן לערנען! איך וועל ניט דערלאָזן! — און זי איז אַרויס פון צימער.

— ווען איר מוטער זאָל לעבן, וואָלט זי געבעטן זי שיקן לערנען, — האָט אברהם געטראַכט.

דינה האָט יענע נאַכט ניט געקאָנט איינשלאָפן, זי האָט געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן איר שטרעבונג.

2.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער ריח פון צעבליטע רויזן דערטראָגט זיך

דורכן פענצטער, זיי פאַרשיכורן. דינה טראַכט: „ווען מען האָט דער לערער געמיינט מיט זיין זאָג, אַז בלי׳ענדיקע בלומען ווערן צעטראָטן אין די קליינ־שטעטלדיקע בלאָטעס״. רבקה, איר עלטערע שוועסטער, האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ רויִקן בליק:

— דינה, וואָס ביסטו אַזוי בלאַס? ערגער זיך ניט. האָסט דאָך געוווּסט, אַז דער טאַטע וועט דיר ניט דערלויבן אַוועקפאָרן פון דער היים. איך וועל נאָך אויך האָבן אַ שווערן קאַמף מיט אים. ער וועט מיר ניט דערלויבן צו פאָרן אויף הכשרה. געווען וויכוחים ביז ער האָט מיר דערלויבט צו באַזוכן דעם סניף החלוץ.

— מ׳מוז ניט מוותר זיין. וואָס מ׳רייסט ניט אָפּ, האָט מען ניט. נאָר איך ווייס ניט ווי אַזוי, אָבער כ׳מוז מיינס דערגרייכן. כ׳טראַכט צו פאַר־קויפן מיינע ביכער, כדי צו האָבן געלט אויף הוצאות און היינט ביי נאַכט אַוועקפאָרן.

דינה איז בלאַס געוואָרן, דערמאָנענדיק זיך, וואָס פאַר אַ טומל עס וועט ווערן אין שטעטל. ערגערן איר פאָטער האָט זי ניט געוואָלט. זי האָט באַ־קוקט די בילדער אויף דער וואַנט, די פאָרהאַנגען, דאָס צימערל אַרום. אַ בענקשאַפט האָט זי אַרומגענומען. אַלץ איז איר געוואָרן טייער. ס׳איז איר שווער געוואָרן אויפן האַרצן. שווער געווען צו שיידן זיך מיט אַלע נאָנטע. און די זאָרג וועגן געלט — ווו נעמט מען געלט?

✶

„שפּעטער מיט צוויי טעג איז זי געווען אין באַן. שמעון האָט איר גע־קויפט אַ בילעט, זיך מיט איר געזעגנט און דינה איז אַריין אין וואַגאָן, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, פונקט ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן. אַ שווער געמיט האָט זי געמאַטערט, די גאַנצע רייזע געטראַכט וועגן איר צוקונפט אין דער גרויסער שטאָט. זי האָט ניט געמערקט ווי די באַן האָט זיך געשטעלט. אַ שטויס אין האַנט פון אַ באַקאַנטן, האָט זי אויפגעוועקט פון די געדאַנקען. זי האָט גענומען דאָס רענצל אין האַנט, אַ ווײַלע אַ קוק געגעבן, ווו זי האָט צו גיין, געוואָלט זיך אָריענטירן. זי איז געגאַנגען אויף לינקס. סוף כל סוף איז זי געקומען אין ראַוונע, אַזוי ווי זי האָט אָפּגערעדט

מיט איר שוועסטער, זעקס אַזייגער אין דער פרי. דער שלאָף איז איר ווי געלעגן אין די אויגן. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, זיך איינגעקוקט אין די ברייטע גאַסן. ס'איז נאָך געווען שטיל. ווו ניט ווו איז פאַרבייגעפאָרן אַ דראָזשקע מיט אַנגעקומענע רייזנדע. די סטרוזשעס האָבן געוואַשן דעם שאָסיי. דינהן האָט זיך געדאַכט, אַז מ'לויפט איר נאָך. אַוועקגעפאָרן געהיים, בלויז איר שוועסטער האָט געוווּסט. אַ פּאָליציאַנט איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך איר געדאַכט, ער וועט זי נעמען צוריק אַהיים. פּלוצעם איז איר אַריין אין פּנים אַ שטראָם בלוט, ווי אַ הייסער קאָמפּרעס. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט איר פאָטער. נאָר דאָס איז געווען אַן אומבאַקאַנטער ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיטן טלית אונטערן אָרעם. זי האָט געפרעגט ביי אַ פּאָליציאַנט, ווו ס'איז די גאַרבאַרסקע־גאַס, ווו ס'וווינט אירע אַ ווייטע מש־פּחה. ער האָט איר אָנגעוויזן די ריכטונג, ווו זי דאַרף גיין.

זי איז צוגעקומען צו אַ שמוציקן הויף, אָנגעקלאַפּט שטיל אין טיר. ס'איז אַרויסגעקומען אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק. זי האָט אָבסערווירט דינהן אין איר גראַנאַט־קליידל און שוואַרצע האַלבע שיך. אַ ווײַלע זי אָנגעקוקט און געפרעגט:

— איר זענט רבקהס שוועסטערל? — קומט אַריין. זי איז אַריין און גלייך באַמערקט די צעריסענע, צעראַטענע סאָפע ביים וואַנט. דער טיש ניט ווייט שאָקלט זיך אַ הינקעדיקער. די וואַנט פייכט און אַ דומפּיקער ריח פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

— איז וואָס מאַכט די משפּחה? זעצט אייך צו, איך וועל מאַכן טיי, אָדער איר ווילט שלאָפן, וועל איך פאַרשפּרייטן די סאָפקע.

דינה האָט איר באַדאַנקט און געפרעגט צי זי וועט קאָנען ביי איר וווינען ביז זי וועט פאָרן קיין ווילנע.

✶

שמעון איז געקומען אַהיים. ער האָט מקנא געווען דינהן וואָס זי איז אַוועקגעפאָרן און געטראַכט: „קנאה איז אַ מיאוס געפיל”. זיין מוטער איז געזעסן און געשטריקט פאַר אים אַ סוועטער. זיין שוועסטער איז געלעגן און געלייענט דאָס בוך „מאַשינען צעשטערער”.

שמעון האָט זיך שטיל געזעצט לעבן דער מוטער, באַמערקט אירע קנייטשן אויף די באַקן, די גראָע האָר, פון אונטערן טיכל אַרויס. ער האָט זי געהאַט אויפן געוויסן. ווען זיין בליק האָט זיך אָנגעטראָפן מיט זיין מוטערס אומעטיקן בליק, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און דער ערשטער זיך אָפּגערופן:

— מאַמע, פאַר וואָס שלאָפסטו ניט ?

— ס׳נעמט ניט קיין שלאָף.

— ביסט אויף מיר ברוגז ?

— פאַר וואָס, מיין קינד ? איין זון און נאָך זיין ברוגז אויף אים ?

— ניט אויף לאַנג פאַר איך אַוועק.

— איך וועל דיין גליק ניט שטערן. פאָר געזונט, און זאָל דיך גאָט אומעטום באַשיצן און באַגליקן. צוויי טרערן, רונדע ווי פּערל, האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון אירע בלאַסע באַקן.

שמעון האָט שפּאַצירט איבערן צימער. די הענט אין די קעשענעס. די מוטער האָט געטראַכט: „און אַז איך וועל זיין קעגן ? — סיי־ווי־סיי וועט ער פאָרן. היינטיקע קינדער פאָלגן ניט די עלטערן״.

שמעון האָט געקעמפט מיט זיך. אפשר וואַרטן. אָבער ער קאָן ניט, ער מוז אַוועקפאָרן.

*

צו מאָרגנס נאָך דינהס אַוועקפאָרן איז איר פאָטער אויפגעשטאַנען פיר אַזייגער אין דער פרי. ווי אַלע טעג, האָט ער זיך געגרייט גיין אין בית־המדרש לערנען אַ פּרק משניות, זאָגן תהילים. פאַרן אַוועקגיין האָט ער זיך דערמאָנט אַ קוק טאָן צו דינהן, ווי זי פילט זיך, ווייל נעכטן איז זי געווען זייער נערוועז און ער האָט זי ביז היינט ניט געזען. ער איז אַריין צו איר אין צימער. רבקה איז געשלאָפן און דינהס בעטל איז געווען ליידיק. ער האָט זיך דערשראָקן, ניט געוווּסט וואָס צו טראַכטן. ער האָט געזאָלט גיין אין בית־המדרש, נאָר ניט ווילנדיק פריִער אויפגעוועקט רבקהן און אומרויִק געפרעגט:

— ווו איז דינה אַזוי פרי ?

רבקה האָט געשוויגן. אברהם האָט זי בייז אָנגעקוקט.

— אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע, האָ ?

— קיין ראָוונע.

— פאַר וואָס האָט מיך דער רבונו של עולם ניט צוגענומען ? אַז אַ טאַטע איז קיין טאַטע ניט ? מ׳טוט וואָס מ׳וויל. וואָס וועט דאָרט זיין איר סוף ? אַ וועלט !

— זי וועט צוריקקומען, אַז זי וועט זיך ניט קאָנען איינאָרדענען — האָט רבקה געפרווט אים באַרויִקן.

ער איז געווען אויפגערעגט, ניט געוווסט ווי צו רעאַגירן. אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן. געזעסן אין בית־המדרש, אין געשעפט ניט אַריין. געוואָלט זיך באַרויִקן. אין שטוב זענען אַלע געווען אומעטיק. אין שטעטל האָט זיך גע־טומלט — אַ סענסאַציע. אַלע האָבן גערעדט ווי דינה האָט זיך אַרויסגעגנבעט און אַוועקפאָרן. אַלע האָבן באַדויערט אברהמען.

.3

דינה זיצט אין קיך אויף דער סאָפקע ביי אַן 8טער לאָמפּ און לייענט. צייטנווייז כאַפּן זיך אַריין געדאַנקען וועגן דער היים. אַ בענקשאַפט קלעמט דאָס האַרץ. ווי מיט דער האַנט טרייבט זי דאָס אַלץ אַוועק. ס׳איז צוגעקומען חיים, וועלכער וווינט אויך דאָ אין אַ צווייטן צימערל און ער ווּיצלט זיך:

— דינה, שטענדיק לייענט איר. איר וועט דאָך אַלע ביכער אויס־לייענען. און וואָס איז מיט אָונטברויט ? — ער האָט גענומען גרייטן דעם סאַמאָוואַר.

יצחק, אַ הויכער, אַ בלאַסער, מיט גוטע אויגן, וועלכער וווינט צוזאַמען מיט חיימען, האָט באַמערקט:

— איר, דינה, עסט עפּעס ? מיר וואָלטן די קישקעס געפּלאַצט פון אַזוי פיל הונגערן ווי איר. מיט דער האַנט האָט ער געפרווט די סאָפקע צי זי איז ווייך.

— אויף אַזאַ האַרטער סאָפע שלאָפט איר און שווייגט. איר צאָלט דאָך געלט פאַרן וווינען דאָ. ווו איז דער באַלעבאָסטעס געוויסן ?

— ווען אַלע זאָלן זיין אַזוי גוט ווי איר, וואָלט דאָס לעבן געווען

זיס און ווויל — האָט זי געשמייכלט, און ניט געווען צופרידן, וואָס מ'שטערט איר צו לייענען. חיים, דער בעקער, מיט די פולע רונדע באַקן ווי עפּל האָט געפרעגט:

— דינה, איר האָט שוין אַ מאָל געשלאָפן אין אַ קיך? כ'האָב געהערט אַז אייער פאָטער איז ניט קיין ארבעטער, ער האָט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט.

— איר לײדט אַ סך — האָט יצחק זי באַדויערט.

— פון ליידן ווערט די נשמה געלייטערט, — האָט זי שטיל געזאָגט.

— כאַ־כאַ! — האָט חיים געלאַכט. — אפשר שפּילן מיר אין דאַמקע?

— ניטאָ קיין צייט. — און זי האָט גענומען די טיי וואָס חיים האָט געבראַכט.

ערשט צען אַזייגער אין אָוונט און ס'זעט שוין אויס אַזוי שפּעט. אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר און רבקה איז אַריינגעקומען. דינה, אַן איבער־ראַשטע, איז איר אַנטקעגן געלאָפן, און אַרויפגעפאַלן איר שוועסטער אויפן האַלדז:

— ווו קומסטו איצט אַהער? האָט דינה געפרעגט.

— דו זעסט אויס שלעכט. צוויי שווערע וואָכן האָסטו איבערגעלעבט — האָט זי רבקה באַדויערט; געקוקט אויף איר מיט זאָרג און איר דערציילט פון טאַטן, פון דער היים. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט:

— וואָס עסטו? האָסט נאָך פונעם געלט וואָס שמעון האָט דיר אויס געליִען? איך וועל אים אָפּגעבן ווען איך וועל פאַרדינען.

— מיט ברויט מיט הערינג פאַקט זי די קישקעס — האָט יצחק זי פאַרמסרט.

דינה האָט געוואָלט אַ סך פרעגן און דערציילן, אָבער פון איבערראַשונג האָט זי ניט געקאָנט קיין סך רעדן.

רבקה איז געקומען אויף עטלעכע שעה. זייערע בליקן האָבן גערעדט. זיי האָבן זיך געזעגנט שוויגנדיק. דינה האָט זי ניט באַגלייט, זי איז גע־שטאַנען אין פענצטער און נאָכגעקוקט ווי זי דערווייטערט זיך. אין מוח האָבן אויפגעטויכט פאַרשידענע בילדער, ווי אויפן לייוונט אין קינאָ. אָט זעט זי זיך אין ווילנע. אָט לערנט זי אין גימנאַזיע. אָט באַקומט זי מאַטורע. אַך, די מאַטורע! זי האָט אַ ווײלע צוגעמאַכט די אויגן ווי אין אַ זיסן חלום

— און אַט איז זי שוין אין קיבוץ. זי וועט זיין אַ מורה, אַ לערערין פון פסיכאָלאָגיע אין גימנאַזיע. דער פאָטער וועט זיך פרייען. זי האָט זיך דער־מאָנט, ווען דער פאָטער פלעגט איר העלפן לערנען תנ״ך. אַלע מוצאי שבת זי פאַרהערט, וועלנדיק וויסן וואָס זי האָט אויסגעלערנט אין משך פון דער וואָך. ווי גליקלעך זי איז דאַן געווען. און אַט קומט אַ געפיל פון פחד. דער פאָטער וועט איר ניט מוחל זיין, און זי וועט קיין מאָל ניט אַהיימפאָרן. זי קוקט אין פענצטער און פילט ניט ווי די צייט גייט.

.4

אַ וואַרעמער תמוז־טאָג. שוין פון אין דער פרי האָט די זון געברענט. דער אויטאָ האָט זיך געשטעלט אויף זאַכאַדניע־גאַס, אין לאָדזש. שמעון האָט געזוכט אַ בחור אין אַ בלויער בלוזע, אַ קיבוצניק. און געטראָפן אַזאַ איינעם. האָט שמעון אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט ווו ס׳געפינט זיך דער קיבוץ באָראָכאָוו. דער חבר פון קיבוץ האָט אים אויפגעקלערט ווו ער דאַרף גיין, זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער פירט אים ניט צו, ווייל ער איילט זיך אין שטאָט אַריין און צוגעגעבן: „מיר דאַרפן טאַקע מענטשן. מיר וואַרטן אויף חברים״.

שמעון האָט נייגעריק געטראַכט: „ווו וועט ער אַרבעטן? ווי וועט מען אים אויפנעמען״. ער האָט פיל געהערט. ווי חברים חוזקן און לאַכן אָפּ פון ביי אָנגעקומענע חברים. ווי וועט ער קאָנען זיך אויסלעבן אָן אַ גראָשן געלט? אין אויער האָבן אים געקלונגען דער מאַמעס רייד: „זאָלסט זאָגן קדיש נאָכן טאַטן, דעם 8טן איז די יאָרצייט״.

ווען ער איז אָנגעקומען אויפן הויף איז אַ חבר געגאַנגען אים אַנטקעגן, געגעבן די האַנט און וואַרעם באַגריסט.

— צו אונדז אין קיבוץ? — האָבן חברים פריינדלעך געפרעגט — ווייל ס׳קומען אויך געסט איבערנעכטיקן אַ נאַכט אָדער צוויי און פאָרן ווייטער.

זיי זענען אַריין אין עסצימער. שמעון האָט אַרויסגענומען דאָס ווייסע טאַשן־טיכל, אָפּגעווישט דעם שווייס פון פנים און שטערן, צעשפּיליעט די בלאָע בלוזע און אַ פרעג געטאָן ווי פאַר זיך אַליין:

— פאַר וואָס זענט איר אַלע אין דער היים, ניט ביי דער אַרבעט?

— מיר האָבן חתונה געמאַכט אַ חבר, — האָט איינער אָפּגעלאַכט. און פּעלץ, דער בלאָנדער, האָט אויפגעקלערט, אַז היינט איז אַ יום־מנוחה, אַ רוטאָג, און דערביי געטראַכט מיט פריידי: „דאָס איז אַ יאָט מיט ביינער. ס׳וועט זיין ווערמען צו שיקן צו דער אַרבעט״.

— ווי רופט מען דיך? — האָט גאַרין, דער פלעגמאַטישער, זיך גע־וויצלט.

— איר וועט נאָך וויסן, — האָט שמעון שטאָלץ געענטפערט. די אַרו־מיקע האָבן זיך דורכגעוווּנקען און אַ זאָג געטאָן:

— דער וועט זיך ניט לאָזן אָנצייַען.

— פון וואַנען ביסטו? ביסט פאַרבייגעפאָרן אַ טייך? — האָט פּיש זיך געוויצלט.

— ווער אַליין דערטרונקען, — האָט שמעון געשמייכלט.

אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט.

—קומט, חברה, לאָזט אים זיך אָפּרוען. ער איז ניט קיין גרינער — האָט סעגאַלאָוויטש געוואָרנט די חברה:

אַרויפקעמענדיק זיך די שוואַרצע געלאָקטע האָר, האָט שמעון גע־נומען די צייטונג „היינט״, זיך געזעצט אין אַ זייט פון פענצטער און געלייענט.

— תימנער, קום אַריין וועט מען דיר ווייזן ווו דיין בעט איז, — האָט דער הויכער אריה געוואָלט אים פאַרנאַרן, ר׳זאָל אים געבן עטלעכע שמיץ, אַזוי ווי זיי מאַכן עס מיט יעדן נייעם. שמעון האָט געוווּסט די אַלע קונצן און געווען פאַרזיכטיק, ניט געגאַנגען מיט אים און דרייסט געזאָגט: „איצט וויל איך עסן״.

— אַ קיבוצניק עסט ניט — האָט טשיזשיק פריילעך געלאַכט.

ס׳איז צוגעקומען דער קאַסירער פון קיבוץ און רויק און ערנסט גע־פרעגט אים:

— פון וואַנען ביסטו, חבר?

— פון ה.

— וואָלינער חברה, קומט אַהער! אָט האָט איר אַ זיעמליאַק — האָט גאַרין געגרופן די חברה — און גלייך האָבן זיי שמועגען אַרומגערינגלט,

אויסגעפרעגט אים. דער האָט דאָרט אַ באַקאַנטן, יענער איז געווען דאָרט אין שטעטל. שושנה, די קעכין, מיטן ווייסן טיכל אויפן קאָפּ און גרויסע שווערע שיך, אין אַ גראָער בלוזע, לאַנגע הויזן און ווייסער שירץ, האָט געבראַכט שמעונען צוויי גראָבע שטיקער שוואַרץ ברויט דין באַשמירט מיט פּוטער ווי אַ שפּינוועבס און אַ טעפּל ציקאָריע. די קעכין, איז אַוועק צוריק אין קיך צו איר אַרבעט.

שמעון האָט באַקוקט דאָס ברויט און געטראַכט: „ס׳איז גאַנץ ראָמאַנטיש״. ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט.

— האָסט אַ פאַך ? — האָט יעקב, דער קעלנער, זיך אינטערעסירט.

— אַ בעקער.

חברים האָבן אים אויפגעהויבן אין דער הויך, געטאַנצט מיט אים און אויסגעשריען: „הידד! זאָל לעבן דער ערשטער בעקער אין קיבוץ באַראַכאָוו אין לאָדזש!״ זיי האָבן אַוועקגעטאַנצט אַ האָראַ.

איז געקומען אַ יאָט אין קיבוץ, אַן עמך פול מיט לעבן! האָבן חברים זיך געפרייט. מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַ טומל, אַ געלויפעריי אויפן הויף: ענדעקעס האָבן אַריינגעוואָרפן שטיינער אין הויף פון קיבוץ. קיין נאָפט איז ניט געווען. האָט מען זיך געזעצט אין אַ ראָד און מ׳האָט געשמועסט אין דער פינצטער.

— דערציילט פון קיבוץ — האָט שמעון געבעטן.

— דער קיבוץ עקזיסטירט ערשט פיר חדשים. מיר זענען 31 חברים. היינטיקע וואָך דאַרפן קומען נאָך אַכט חברים, — האָט סעגאַלאָוויטש דערציילט.

— כ׳בין הונגעריק, ס׳צופּט ביים האַרץ, — האָט העניע די שאַטינקע שטיל איינגערוימט אַ סוד דער קעכין.

— חנן איז געגאַנגען אין גאָס ברענגען ברויט. אויב ער וועט קריגן אויף באָרג, וועט מען באַלד צובייסן.

די חברים האָבן ווייטער געזונגען „עוד לא נותקה השלשלת״. אַכט אַ זייגער אין אָוונט האָט מען אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן ברענערן.

.5

מיט שנעלע טריט איילט דינה צום לערער. זי האָט שוין באַקומען צוויי לעקציעס — געלערנט די קינדער פון דער יידישער שולע עברית און פּויליש. זי האָט באַקומען פון איר שוועסטער געלט צום לערנען ביים לערער, וועלכער האָט געענטפערט די שילערס אויף פאַרשידענע פראַגן, אויסער פּאָליטישע.

דינה איז אַריינגעקומען אין שולע. ס'איז געווען דרייסיק שילערס. זי האָט געפרעגט, פאַר וואָס צוויי קינדער פון דער זעלבער שטוב, פון די זעלבע עלטערן, האָבן פאַרשידענע כאַראַקטערן. דער לערער האָט אויפגעקלערט, אַז די מוטער דערציט איינעם און דער פאָטער דעם צווייטן. האָט איינער דעם כאַראַקטער פון פאָטער, דער אַנדערער דעם כאַראַקטער פון דער מוטער. דינה איז ניט געווען צופרידן פונעם ענטפער. זי האָט זיך אין די אָוונט-קורסן באַטייליקט צייטווייליק און באַשלאָסן אַז צו מאָרגנס פאָרט זי קיין ווילנע. אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן. זי האָט קיינעם גאָרניט דערציילט, מיט קיינעם זיך ניט באַראָטן, איינגעפּאַקט איר וואַליזקע און געגאַנגען צום באַן. געזאָגט שלום און צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר.

חיים האָט זי אַנגעיאָגט. דינה האָט זיך דערפרייט. זי האָט מורא געהאַט אַליין צו גיין. געווען דאַנקבאַר וואָס ער באַגלייט זי.

— נאָר ווי מיר האָבן זיך באַפריינדעט, שוין פאַרלאָזט איר אונדז. איר זאָלט אונדז שרייבן, ווי איר האָט זיך איינגעאָרדנט. אויב איר ווילט ניט שרייבן, שיקט אייער אַדרעס, וועל איך אייך שרייבן. איך בין טאַקע אַ סטאָליער, און איר — אַ גימנאַזיסטין, וואָס וויל שטודירן פּסיכאָלאָגיע. אָבער מיר וועלן בענקען נאָך אייך.

— מיט וואָס איז אַ סטאָליער נידעריקער פון אַ דאָקטאָר ? — האָט דינה אים דערווידערט. —ביידע ברענגען נוצן דעם מענטשן. צו וואָס איינער האָט אַ נייגונג, דאָס דאַרף ער לערנען, אָדער אַרבעטן. זאָל זיך שעמען דער, וואָס וויל ניט לערנען און ניט אַרבעטן.

— דאָך האָט אַ דאָקטאָר כבוד, ניט קיין סטאָליער, אָדער שלאָסער. און פאַרדינט אויך מער.

— אָבער אַ מענטש איז דער, וועמ ס׳האָט אַ גוטן כאַראַקטער. אַ דאָק־טאָר מיט אַ שלעכטן כאַראַקטער איז אין מײַנע אויגן נידעריקער פון אַ סטאָליער. איך װאָלט געװוּנען גליקלעך װען כ׳טרעף אײַך נאָך אַ מאָל. אָט גײט שוין די באַן. שלום! תודה רבה! — האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט. חיים האָט זי פעסט געדריקט און ניט װילנדיק אַהײמגעגאַנגען.

דינה איז אַרײַן אין װאַגאָן, זיך געזעצט נעבן פענצטער און געטראַכט פון איר צוקונפט. שרעק מיט פרייד האָבן זיך געראַנגלט. יעדער געפיל פון די צװײ האָט געװאָלט הערשן. יעדעס מאָל װען די באַן האָט זיך אָפּ־געשטעלט אויף אַ סטאַציע האָט זי געזוכט אין פענצטער אַ באַקאַנטן, גע־װאָלט טרעפן עמעצן פון איר שטעטל. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די פעלדער און װעגן אַנטלויפן. אַלע שעה האָט זי געפרעגט בײַם קאָנדוקטאָר װי װײַט ס׳איז נאָך צו װילנע. אײנער אַ יונגער־מאַן האָט זיך אינטערעסירט און זי געפרעגט:

— װוּהין פאָרט איר?

— װײַט.

— פון װאַנען?

— נאָך פון װײַטער.

— ניט דערלויבט צו װיסן? אַ מײדל אַלײן. איר האָט ניט קײן מורא?

— פאַר װעמען זיך שרעקן?

— װיפל זײַט איר אַלט? אַזאַ דרײסטע? — האָט ער אין פויליש זיך געװוּנדערט.

דינה האָט מורא געהאַט צו מאַכן קאַנטשאַפט. די שװעסטער האָט איר אָנגעזאָגט ניט באַקענען זיך מיט קײן מענער, זײַן פאָרזיכטיק.

זעקס סטאַציעס פאַר װילנע, אין באַראַנאָװיטש, זענען אײַנגעשטיגן צװײ פרויען, געטראָגן קוישן מיט אײער. דינה האָט פאַרשטאַנען פון זײער שמועס אַז זײ זענען פון װילנע, און האַנדלען אין באַראַנאָװיטש. אײנע פון זײ איז אײַנגעשלאָפן. די צװײטע, אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק, איר פּנים געקנײטשט, דער בליק אין די קלײנע גראָע אויגן אַ שטרענגער. זי האָט דינהן נײַגעריק אָבסערװירט. דינה האָט זיך געערגערט, װאָס זי האָט ניט קײן אַדרעס צו װעמען צו פאַרפאָרן און זי האָט געװאָלט זיך באַקענען

מיט דער פרוי. די פרוי האָט אויסגעזען צו זיין זייער אַן ערלעכע. דינה האָט זי געפרעגט:

— וויפל אַ זייגער וועלן מיר אָנקומען קיין ווילנע?

— צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט. איר פאָרט צו אייגענע?

— ניין.

— אויב איר ווילט קאָנט איר פאַרפאָרן צו מיר. איך האָב איין טאָכ־טער און איין זון. איר פאָרט אוודאי לערנען. איר וועט קענען וווינען ביי מיר. אויב ס'וועט אייך ניט געפעלן, וועט איר צו מאָרגנס זוכן אַ צימער.

פון מידקייט האָט זי באַלד איינגעדרימלט. די רייזנדע האָבן זיך אָנגע־הויבן גרייטן צום אויסשטייגן. איינער האָט געגענעצט מיט אַן אָפן מויל, זיך אויסגעצויגן. אַ צווייטער האָט אַראָפּגענומען די וואַליזע פון פּאָליצע, אַ דריטער איז געגאַנגען זיך וואַשן דאָס פאַרשלאָפענע פּנים.

דינה האָט גענומען איר וואַליזקע, געשטעלט זיך נאָענט פון דער טיר און געווען אומרויִק.

— ווילנע! — האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופן.

אין האַרץ ביי דינהן האָט זיך געמישט פּחד מיט פרייד. די פרוי לימאַן, האָט זיך שוין פון לאַנג אויפגעוועקט פון דרעמל. גענומען די וואַליזקע ביי דינהן און געזאָגט:

— אוודאי ביכער. שווער. איך וועל אייך העלפן. צו דער דראָזשקע איז אַ שטיקל וועג.

זיי זענען אַראָפּ פון די פיל טרעפּ. דינה האָט זי קוים דעריאָגט — אַזוי שנעל איז זי געגאַנגען. פרוי לימאַן האָט זיך באַדונגען מיטן דראָזשקאָזש און צו דינהן געזאָגט:

— מירן צופאָרן. ס'איז ווייט צו מיין הויז.

די פערד זענען געלאָפן באַרג אַראָפּ איבער די שמאָלע, לאַנגע גאַסן. דינה איז געווען אומרויִק און אַלע מאָל געפרעגט:

— ס'איז נאָך ווייט?

— נאָך איין גאַס.

זיי זענען געקומען אין אַ שמאָלער גאַס, סאָפּיאַניקי. הויכע, אַלטע מויערן אַרום. דער סטרוזש האָט געעפנט דאָס טויער און זיי זענען אַריין אין הויף.

.6

א זומערדיקע אויסגעשטערנטע נאַכט. א וואַרעם ווינטל צערטלט דאָס פּנים. אברהם זיצט אויף דער טעראַסע און רבקה לייענט אים פאָר „די יידן און יידן־פּראַגע" פון אַזשעשקאָווא. ער פאַרטראַכט זיך וועגן דינהן. ער שעצט זי. „אַן עקשנטע". ער פאַרשטייט, אַז רבקה שיקט איר געלט. ער רייבט אויס די אויגן, ווי ער וואָלט פאַרטרייבן דעם שלאָף, און זאָגט:

— רבקה, איך האָב זי פאַרערט, דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט. איך דאַרף צאָלן היינטיקע וואָך וועקסלען.

רבקה האָט איבערגעריסן דאָס לייענען, געעפנט ברייט די שוואַרצע, שאַרפע אויגן און אים אָנגעקוקט. געשמייכלט.

— היינט בין איך ניט געגאַנגען אין סניף.

— אַן אַרבעט מיט אַ סניף שמיף, געשעפטן.

רבקה האָט ניט געהאַט דעם מוט און דרייסטקייט אים צו דערציילן, אַז זי וויל פאָרן אויף הכשרה. דעם סניף דאַרף מען ניט גרינגשעצן. אין אַ קורצער צייט, האָבן מיר באַוויזן אָרגאַניזירן, דערציִען די יידישע יוגנט אין שטעטל. און מ׳לערנט, מ׳אַנטוויקלט זיך. מ׳קריגט אַן אינהאַלט אין לעבן, אַ שטרעבונג.

— וואָס דערציט איר? מ׳זינגט, מ׳שרייט, מ׳שפּרינגט.

— דאָס דאַרף מען אויך. ניט שטענדיק זאָרגן וועגן טאָג־טעגלעכע ענינים. ס׳קומען צו אונדז ייִנגלעך, וועלכע האָבן געענדיקט די פּוילישע שולע און קענען ניט קיין יידיש און ניט קיין עברית. מיר לערנען די שפּראַכן.

— איר זענט קעגן רעליגיע. איר ווילט אויסוואָרצלען וואָס לאַנגע דור־רות האָבן איינגעוואָרצלט. איר וועט ניט איבערמאַכן דעם גלויבן. צייט־ווייליק וועט איר זיך באַפרייען פון די מצוות, אָבער דער גלויבן וועט בלייבן טיף אין האַרץ.

רבקה האָט ניט געוואָלט דענערווירן דעם פאָטער, נאָר געטראַכט אַז ער איז ניט גערעכט. די רעליגיע איז אַלט און פּענטעט דעם מענטש. זי האָט פאַרשוויגן.

— און אַלע זענט איר דאָרט חברים. דאָס וואָס דו חברסט זיך מיט דעם שוסטער־מיידל, געפעלט מיר גאָרניט. די שוסטערס האָבן זיך זייערע פּראָסטע ווערטלעך. די היים ווירקט אויף די קינדער.

די באָרד האָט אים געציטערט. ער האָט איר געוואָלט דערציילן אַז היינט איז געווען ביי אים אַ שדכן, און האָט אַ פיינעם שידוך פאַר איר. נאָך אַ קורצן שטילשווייגן האָט רבקה זיך אָפּגערופן:

— איך מיין דו וועסט ניט זיין דערקעגן ווען איך וועל זיך איבער־שיכטן, און פאָרן אַרבעטן אויף הכשרה.

אברהם איז געבליבן זיצן, ווי אַ דונער וואָלט אים געטראָפן. עס האָט געדויערט ביז ער האָט זיך באַהערשט און איראָניזירט:

— וואָשן וועש? ווי די שיקסעס? וואָשן די פּאָדלאָגעס? וואָס פעלט דיר אין שטוב?

— איך האָב זיך געוואָלט לערנען פאַר אַ שניידערין, האָסטו מיר ניט דערלויבט. האָב איך ניט קיין פאַך.

ער האָט ניט געוווּסט ווי צו רעאַגירן, געווען פאַרזיכטיק.

— איך דאַרף זיך צוגרייטן צום שווערן לעבן אין ארץ־ישראל. דו ביסט ניט דורכגעגאַנגען קיין הכשרה, ביסטו צוריקגעקומען פון ירושלים. האָסט ניט געקאָנט זיך איינאָרדענען אין ארץ־ישראל.

— נו, אין 22סטן יאָר געווען שווערע באַדינגונגען. און דאָרט איז מען פריי פון רעליגיע. מ׳גייט אין קורצע הייזלעך גאָר.

— ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר אין דערציִען די יוגנט צו ברענגען נוצן פאַרן פאָלק. אויפבויען אַ יידישע היים, אַ לאַנד, אויסבעסערן די באַדינגונגען אין לאַנד פאַרן אַרבעטער־קלאַס, אָרגאַניזירן, אַז ס׳זאָל זיך שאַפן אַן אַרבעטער אַ מוסטער. מיר קאָנען ניט גיין אין וועג פון אונדזערע עלטערן און זיצן אין גלות. און איר, עלטערן, דאַרפט אונדז ניט שטערן.

אברהם האָט זי פאַרשטאַנען, נאָר ניט מסכים געווען. זאָלן אַנדערע טאָן, בויען, שאַפן, נאָר ניט זיינע קינדער זאָלן פאַרלאָזן די היים און פאָרן מיידלעך מיט יינגלעך צוזאַמען אין די קיבוצים.

— דער מענטש וועט שטענדיק שטרעבן צו פּריוואַט־אייגנטום, וועגן אַן אייגן ווינקל — און שטענדיק וועט דער שטאַרקערער הערשן איבערן

שוואַכערן. אַזוי אַז אייערע קאַלעקטיוון זענען ניט רעאַליסטיש.

— איך מוז אַוועקפאָרן. אַ מענטש געווינט זיך צו אַלעמען צו. איך וועל זיך אויך צוגעווינען צו יענעם נייעם לעבן.

— איז דאָס מיין נחת? איך וועל ניט זיצן שבעה, ווי דער רב, וואָס זיין זון איז געפאָרן אין קיבוץ. נאָר כ׳וויל דו זאָלסט חתונה האָבן.

זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. ער איז אַ נערוועזער אַריין אין שטוב זאָגנדיק:

— ס׳שוין שפעט, מ׳דאַרף שוין גיין שלאָפן. גענוג, לייען ניט מער היינט.

7.

אַ פּראַסטיקע ווינטערנאַכט. די שויבן זענען פאַרפרוירן. ס׳פּאַלט אַ געדיכטער, פּוכיקער שניי. די פעלדער, וועגן און שאָסייען אויסגעבעט ווייס. אויף די טעלעפאָן־דראָטן פאַרשנייט. מ׳זעט ניט קיין מענטשן אין גאַס. דינה זיצט ביי פּרוי לימאַן אין עסצימער, ביי אַ גרויסן, אַלטן הילצערנעם טיש. די שטולן אַלטע, האַרטע. קאַלט. דעם מאַנטל אָנגעטאָן. פּרוי לימאַן איז אַ גאַנצע וואָך אין באַראַנאָוויטש, פרייטיק און שבת — אין דער היים. דינה שלאָפט אין איין צימער מיט איר טאָכטער. זי קויפט אין געשעפט אויף לימאַנס חשבון, ביז זי וועט קריגן געלט פאַר די פּויליש־לעקציעס. זי לערנט אַ שוועסטער מיט אַ ברודער. איצט מאַכט זי אירע לעקציעס. ביים זעלבן טיש זיצט פּרוי לימאַנס זון, קלמן לימאַן. ער לייענט אַ ביכל. צייטנווייז הייבט ער אויף די אויגן אויף דינהן, ווי ער וואָלט געוואָלט איר עפּעס זאָגן, נאָר זי איז פאַרטאָן אין לערנען. די בלאָנדע האָר זיינע לאָזן זיך אַראָפּ אויפן שטערן. ער פאַרשאַרט זיי מיט דער האַנט. זיינע בלאָע קורצזיכטיקע אויגן האַלט ער גאָר נאָענט צום ביכל. פּלוצעם עפנט זיך האַסטיק די טיר, און ס׳קומט אַריין זיין שוועסטער, ראָזע. נאָך ביי דער טיר טוט זי אויס דעם מאַנטל און רעדט אויף אַ קול:

— אַך, אַ קעלט אין דרויסן. אין שטוב איז וואַרעם אַ מחיה.

אירע ליפּן זענען רויט געפאַרבט, די נאָז — אָנגעפּודערט, ווייס. די בלאָנדע האָר פאַרקעמט אַרויף. אַ הויכע און דאַרע. זי קומט צוריק פון

קיך מיט וואַרעמע טיי.

— וואָס רוישסטו אַזוי ? ס'איז דאָך שוין 12 אַ זייגער ביי נאַכט, — באַמערקט איר קלמן.

— האָב איך איצט גענען אַ פיינע פּיעסע ! — האָט ראָזע באַגייסטערט געזאָגט. — לאָז דינהן לערנען, שטער ניט.

— ווער פרעגט דיך, נאַרישער יונג ?

— איך גרייט זיך צום עקזאַמען. כ'האָב אַ סך אַרבעט — האָט דינה ווי פאַר זיך שטיל געזאָגט.

— ס'האָט אַ ווערט ! ביי די פּראָווינצער איז אַלץ אַ זאַך. נאָר קנעלן ? מ'דאַרף גיין אין קינאָ, טעאַטער. מאָרגן שפּילט מען „פאַוסט". פון געטע. דינה, מוזסט עס זען.

— ס'קומט ניט אין באַטראַכט, כ'האָב ניט קיין צייט — און געטראַכט האָט זי — כ'האָב ניט קיין געלט.

דינה האָט ניט געקאָנט ליידן ניט די טאָכטער, ניט דעם זון, נאָר דער מוטער זייערער איז זי געווען דאַנקבאַר. געוויינלעך איז דינה אויפגעשטאַנען פיר אַ זייגער פאַר טאָג. געלערנט. יעדע וואָך האָט זי באַקומען אַ בריוו פון פאָטער און שוועסטער. זי איז שוין געווען אָנגענומען אין גימנאַזיע און געלערנט נאָרמאַל. נאָך מיטאָג האָט זי געגעבן לעקציעס. אין די אָוונטן געהאַט מער צייט צו געניסן פון רעפּעראַטן און טעאַטער.

קלמן האָט געאַרבעט אין אַ דרוקעריי. די לעצטע צייט, אין די אָוונטן, האָט ער זיך באַמיט צו טרעפן דינהן. זי איז אים געפעלן און ער האָט ניט געוווסט ווי איר אויסצודריקן זיינע געפילן. מיט אַ מאָל האָט ער באַשלאָסן צו זיין דרייסטער און צו איר גערעדט שטיל :

— ס'איז מיר געווען לאַנגווייליק צו וואַרטן ביז אייער קומען...

זי האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע רייד. ער האָט געטראַכט : „ווי געווינט מען איר סימפּאַטיע ?" און זי — „ווו נעמט מען געלט אויף צו דינגען אַ צימער מיט נאָך אַ מיידל ?"

.8

פיר אַזייגער נאָך מיטאָג האָבן חברים געענדיקט די אַרבעט. שמעון,

אַ מידער פון דער אַרבעט אין דער זייפפאַבריק, קוקט זיך איין אין די קנוילן רויך, וואָס קייקלען זיך פון די קוימענס. אין דער פאַבריקן־שטאָט לאָדזש איז די לופט אַ געדיכטע. דאָך איז ער צופרידן, ער האָט זיך אַקלימאַטיזירט. אים געפעלט דער אַרט לעבן. יצחק האָט געגומען באַראַכאָווס שריפטן און געגאַנגען לייענען אין חדר האוכל. חברים זענען געשטאַנען ביי דער מאַפּע פון די קיבוצים, געפרייט זיך, וואָס די הכשרה־פּונקטן מערן זיך ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. שמעון האָט באַקוקט דאָס אַנטאָן וואָס ר'האָט באַקומען אין מחסן: קורצע הויזן פון אַ קלענערן בחור. די אַרבל פון דער בלוזע ניט לאַנג, ניט קורץ. געבענקט האָט ער נאָך פּאַפּיראָסן. דער תקציב איז אַ קליינער און סטייעט ניט אויף קיין פּאַפּיראָסן. מ'האָט אַ חבר אויסגעשלאָסן פון קיבוץ, ווייל ער האָט באַקומען פון דער היים געלט — האָט ער זיך דערמאָנט.

— חבר שמעון, קום שנעל! מ'פרעגט זיך אויף דיר!

שמעון איז געוואָרן איבערראַשט דערזעענדיק רבקהן מיט דער וואַליזקע אין האַנט. ער האָט זי וואַרעם אַרומגענומען. אין קיבוץ איז געוואָרן אַן אויפהייטערונג... אַ שושקעריי... שמעונס בחורה איז געקומען. חברים האָבן גענומען אַ זעג, מיט אַ לעפל, אַ צווייטער אַ שיסל מיט אַ גאָפּל און מ'האָט אויפגעשפּילט אַ קאַצן־מוזיק־שפּיל ווי מ'פירט צו דער חופּה.

9.

אין בערנאַרדינער גאָרטן שטייען פאַרשנייטע די פּאַווילאָנען, וועלכע זענען פאַרבליבן פון דער זומער־אויסשטעלונג, דער שלאַסבאַרג ווייס. יוגנט גליטשט זיך אויף די שליטלעך ביז דער ווילייקע. היינט איז שבת. דינה שפּאַצירט מיט איר חברטע, שרה. זיי זיצן אין דער שולע אויף איין באַנק. זי איז אַ הויכע, שלאַנקע און חנעוודיקע שאַטינקע. זי רופט זיך אָפּ די ערשטע:

— אַך, דינה, ס'בענקט זיך אַהיים! ביי אונדז אין פּאָסטאָוו איז זייער אַ שיינע נאַטור. איך וואַרט שוין אויף פסח, ווען איך וועל זיין אין דער היים מיט מיין טייערער מאַמען. מיינע צוויי ברידער האַנדלען, זיי גיבן די פּרנסה. מיין פאַטער איז יונג געשטאָרבן. גוט, לאָמיר רעדן פון פריילע־

בערע זאַכן. ווי שטעלסטו זיך פֿאָר דיין צוקונפֿט? נאָך איין יאָר בלויז פֿעלט אונדז צו דער מאַטורע, און וואָס ווייטער?

— כ׳ווייס נאָך ניט קאָנקרעט. מיך ערגערט וואָס כ׳קאָן ניט פֿיל לייענען, ניטאָ קיין צייט. די לעקציעס וואָס איך גיב פֿאַרנעמען אַ סך צייט. אָט קומט אַ באַקאַנטער. דו ווייסט, ער איז געזעסן פֿיר יאָר אין טורמע פֿאַר פּאָליטישער אַרבעט. ער איז אַ באַוווסטזיניקער מענטש.

ס׳זענען צוגעקומען דריי חברים פֿריינדלעך זיך באַגריסט.

— מיר זענען נעכטן געווען ביי אייך אין שטוב, געוואָרט — און זיך ניט דערוואָרט, האָט זרח דערציילט זיי אין אַ גוטן ווילנער ייִדיש, מיט אַ שאַרפֿן בליק אַריינגעקוקט דינהן אין די אויגן. — איז ווי געפֿעלט אייך דאָס שטעטל ווילנעטשקע?

— ליב און טייער — האָט דינה געשמייכלט.

— קומט זיך צוזעצן אויף אַ באַנק — האָט גאָרדאָן מיטן גאַרבאַטן נאָז פֿאָרגעשלאָגן. אַנגעטאָן איז ער אויך שבת אין גימנאַזיע־אוניפֿאָרם.

— יענע וואָך האָבן מיר באַזוכט די קאַראַימער שול.

— די אַסטראַבראַמע האָב איך געזען, — האָט שרה דערציילט. און צוגעגעבן: — אויף אַנטאָקאָל איז שיין. מ׳שטעלט זיך אויפֿן באַרג, זעט מען די שטאָט.

— איך קאָן גאָר ניט אָוועקפֿאָרן פֿון ווילנע — אַזוי ליב איז זי מיר מיט די אַלטע, שמוציקע מויערן. נאָר די סטראַשון־ביבליאָטעק איז מיר ווי אַ צווייטע היים — האָט יוסף געזאָגט.

— חברות, איר האָט שוין געהערט יוספֿס לידער. ער שרייבט, — האָט גאָרדאָן אָנגעוויזן אויף אים.

יוסף האָט געקנייטשט אין האַנט דאָס סטודענטישע היטל. מיט דער לינקער ווייסער האַנט צוגעגלעט די גלאַטע האָר אויפֿן קאָפּ און שטיל געזאָגט:

— ס׳וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט, וועל איך אייך פֿאָרלייענען.

— מיר זענען גרייט צו הערן — האָט דינה געענטפֿערט.

— היינט גייען מיר אין סטודענטן־זאַל. זיי אָרדענען איין אַ וויכּוח איבער דעם „שוואַרצן געטאָ". שרה, קומסט?

— היינט פאַר מיטאָג האָט געזאָלט פאָרקומען אַ דיסקוסיע איבערן „גולם", נאָר ד"ר ווייַנרייַך איז קראַנק געוואָרן. פיר אַ זייגער גייען מיר זעען „תחית המתים פון טאָלסטאָי. איך לאָד אייַך איין צו גיין מיט מיר — האָט יוסף זיך געוואָנדן צו דינהן — איך דאַרף נאָך זייַן אין וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און דאַרף זיך טרעפן מיט זלמן רייזינען. קאָן איך צוקומען אייַך נעמען אין קינאָ? — האָט יוסף געפרעגט ביי דינהן. זי האָט ניט געקרן צוגעשטימט.

נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר האָבן זיי דינהן צוגעפירט אַהיים. קלמן האָט אויף איר געוואַרט. מיט אַ ברוגזן בליק האָט ער זי אָבסערווירט זאָגנדיק:

— דינה, זייער פרי זענט איר אוועק פון שטוב, כ'האָב זיך קוים באַוויזן אומצוקערן אויף דער צווייטער זייט.

— וואָס דען, ווי איר פאַרשלאָפט די צייט?

— לעצטנס אַנטלויפט איר פון מיר — איר לערנט דאָך שוין נאָרמאַל!

— איך דאַרף אויסנוצן ווילנע. ס'איז דאָ וווּ צו גיין און וואָס צו זען... ווו איז די מאַמע? — האָט זי געפרעגט, אויפהענגענדיק דעם מאַנטל.

— וואָס דאַרפט איר די מאַמע?

— איך וויל איר דערציילן, אַז היינטיקע וואָך קלייב איך זיך אַריבער אין אַ צימער מיט אַ חברטע.

— אַזוי גאָר? אַנטלויפט איר פון אונדז, ניט נאָר פון מיר. איך האָב זיך צו אייַך צוגעוווינט פון ערשטן טאָג וואָס איר זענט געקומען צו אונדז. לאָמיר בלייבן חברים.

— כל ישראל חברים, — האָט זי געלאַכט, און אַנגעקוקט אים ווי ער איז בלאַס, ווי איבערגעשראָקן. ער האָט פאַרגעזעצט נאַיִוו און אויפריכטיק:

— דו ביסט דאָס בעסטע, אינטערעסאַנטסטע מיידל וואָס איך קען.

ער האָט גענומען איר האַנט און צוגעדריקט צו זיינע ליפּן. זי האָט שנעל באַפרייט איר האַנט און אים אַנגעקוקט מיט פאַרוואורף.

— דו פילסט מיר ניט מיט, דו פייניקסט מיך.

— איך ווייס פון גאָרניט. ווער טראַכט פון אַזעלכע נאַרישקייטן? איך האָב אַ סך חברים, חברות. איר האָט זיך אויך אייערע חברים. איך האָב ווייניק צייט זיך צו פאַרנעמען מיט ראָמאַנסן! — האָט זי ברוגז געקוקט

דורכן פענצטער.

ער האָט זיך דערנענטערט, זי אָנגענומען ביים אַקסל און געבעטן:

— דערלויבט מיר צו אייך צו קומען און לאָזט אייער אַדרעס.

— ביטע אָן הענט, — האָט זי זיך אָפּגערוקט פון אים.

די טיר האָט זיך געעפנט און זיין מוטער, פרוי לימאַן, איז אַריינגעקומען. אַ צופרידענע האָט זי זיך געוואָנדן צו דינהן:

— קינדער. איך וואַרעם שוין אָן דאָס עסן. ס׳איז שוין צוויי אַ זייגער. איר זענט אוודאי הונגעריק.

קלמן האָט ניט געענטפערט, ער איז אַריין צו זיך אין צימער, און פאַרדרייכערט אַ פּאַפּיראָס.

.10

דינה זיצט שוין ביי זיך אין צימער אין דער נייער וווינונג אויף שאַפּענגאַס. דער גרינער שרייבטיש פאַרשפּרייט מיט אַ גרינעם פּאַפּיר. זי לייענט שוין צום צווייטן מאָל רבקהס בריוו:

— צו זיין אין קיבוץ הייסט אָפּזאָגן זיך פון אַלע באַקוועמלעכקייטן אין לעבן — שרייבט איר די שוועסטער.

אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר האָט איר געשטערט דאָס לייענען. מיטן צירקל אין האַנט האָט זיך געוויזן אין טיר דעם בעל-הבית׳ס זון, אַ ייִנגל פון אַ יאָר 18. ער לערנט אַלס אינזשיניער. העכער פון מיטעלן וווּקס, אַ שוואַרצער, מיט פינקלדיקע אויגן. דאָס פּנים בלאַס. ער האָט פריינדלעך געשמייכלט און שטיל באַמערקט:

— כ׳האָב געמיינט, איר זענט ניטאָ אין שטוב. ווי געפעלט אייך דער נייער פּאַלאַץ? — און ער האָט באַקוקט דאָס פּירקאַנטיקע צימערל, מיט די צוויי בעטלעך, דאָס קליינע טישל און די בענקלעך ביים טישל.

— זייער גוט, — האָט אים דינה געענטפערט, — קומט אַריין אין סאַלאָן וועט איר הערן ראַדיאָ.

ער האָט געלאַכט מיט זיינע ווייסע ציין און אָנגענעמער שטים. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגער.

— אויב איך שטער אייך? גיי איך שוין אַוועק.

— איך דארף גיין אָפּגעבן אַ לעקציע — כ׳האָב נאָך 20 מינוט. איר צייכנט פיל ?

— פאַראַן פיל אַרבעט דאָ. מיין ברודער לערנט מעדיצין, אים איז אויך זייער שווער. אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פאַך.

— ער איז יינגער פון אייך ?

— ניין, עלטער פון מיר מיט דריי יאָר. ער איז ענלעך צו מיר. ער איז אַ בלאָנדער און איך, ווי אַ נעגער שוואַרץ.

„זיין ברודער איז מיר בעסער געפעלן״, — האָט זי געטראַכט.

זרח איז צוריקגעגאַנגען צייכענען. און דינה — צו איר אַרבעט. פאַר־בייגייענדיק דעם סאַלאָן, האָט זי באַמערקט זיין ברודער זיצן ביי די ביכער. זי האָט אים אָנגעקוקט און שנעל פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. דינה איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטע, געוואָלט קריגן נאָך אַ צוויי לעקציעס.

דינה מוז שוין צאָלן דירה־געלט. אירע שיך זענען שוין זייער אַלט. און הונגעריק איז זי. פאַרבייגייענדיק אַ בעקעריי, האָט איר דאָס פרישע ברויט געררייצט. ביז זי איז געקומען אויף דער „יידישע־גאַס״, ווו ס׳שטייען נאָך די טויערן פון יידישן געטאָ, פון אַ מאָל. דער שמוץ האָט דעם אָטעם פאַרשטיקט. זי האָט געמוזט פאַרשטאָפּן די נאָז מיטן טאַשנטיכל. אויפן הויף — הענדלערס מיט סחורות. קליינע יינגלעך טראָגן אַרום צו פאַרקויפן קראַוואַטן. מ׳רופט אויס: „הייסע באַבעס!״ „וואַרעמע באַבעס!״ זי איז שטיינגעבליבן אויף דער שוועל פון אַ קעלער, אַ קעלט האָט זי אַרומגע־נומען. די ווענט — נאַס, דער הילצענער דיל — צעפוילט. ביים וואַנט שטייט אַ קליין טישל אָן אַ פיסל. איין פענצטער איז פאַרשטאָפּט מיט אַ קאַרטאָן אַנשטאָט אַ שויב.

— קומט אַריין, לערערקע! איר זייט געקומען נאָך געלט? מיינע צוויי מיידלעך וועלן אויפהערן צו לערנען. מיין מאַן איז אַרבעטסלאָז. זיי לערנען אין דער יידישער שולע, וועלן זיי ניט לערנען מער קיין עברית. ווי ער וועט נאָר קריגן אַרבעט, וועל איך אייך באַצאָלן.

דינה האָט געטראַכט צו לערנען זיי אָן געלט. זי איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, באַקוקט די וווינונג און ניט געגלייבט די אייגענע אויגן, אַז מענטשן זאָלן אַזוי וווינען. זי איז אַוועק מיט אַ שווער געפיל. אין גאַס

האָט זי באַגעגנט באַקאַנטע, חברים און זיך נאָכגעפרעגט אויף פויליש־אָדער העברעיִש־לעקציעס. זי האָט אויך באַשלאָסן צו גיין אין שולע זיך פרעגן ביי די לערערס אויף דעם זעלבן... דינה איז אַהיימגעקומען א פאַרזאָרגטע. באַלד איז אַריינגעקומען זרח, געפרעגט, צי מ׳קאָן זיך זעצן?

— זיצט, וואָס קאָן מען טאָן — האָט זי זיך געוויצלט.

— איר זענט זייער אומעטיק, וואָס איז געשען? מ׳דאַרף זיך טיילן מיט חברים. די מאַמע האָט שוין באַמערקט אַז איר לעבט עפּעס איבער, נאָר איר באַהאַלט עס. ניט גוט צו דריקן אין זיך, — האָט ער שטיל און צאַרט גערעדט. ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער פּלייצע, אַריינגעקוקט איר אין פּנים: — איר זאָרגט אַוודאי וועגן דירה־געלט? דער פאָטער מיינער האָט געזאָגט, אַז איר וועט באַצאָלן ווען איר וועט ענדיקן לערנען און קריגן אַרבעט.

זי האָט זיך באַפרייט פון זיינע הענט, זיך אָפּגערוקט און פאַרשעמט אים אָנגעקוקט. וועלנדיק איבערגיין אויף אַ צווייטער טעמע, האָט זי געפרעגט:

— ווו איז שמואליק? —

שמואליק האָט שפּאַצירט אין סאַלאָן, געוואָלט אַריינגיין, נאָר ניט גע־וועז דרייסט. הערנדיק אַנרופן זיין נאָמען, האָט ער לייכט אָנגעקלאַפּט אין טיר און איז אַריין, מעלדנדיק:

— דינה, איך האָב פאַר אייך אַ לעקציע אין אַ רייכער שטוב. פאַר צוואַנציק זלאָטעס אַ חודש. איך וועל אייך זאָגן דעם אַדרעס. אַז איר וועט וועלן, וועל איך מיט אייך צוגיין. מ׳דאַרף דעם יינגל צוגרייטן אין 5טן קלאַס.

— נו, וואָס זאָרגט איר? מיין ברודער איז אַ חברהמאַן — האָט זרח זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

— ווי גייט אייך דאָס לערנען? — האָט דינה געפרעגט ביי שמואלן.

באַלד האָבן יוסף מיט זרחן אויפגעשפּילט אויפן פידל און גיטאַרע היי־מישע לידער וואָס האָבן אָנגעפילט דאָס צימער מיט זייערע קלאַנגען.

— דינה, דערציילט וואָס דיך פייניקט. זעסט אויס שלעכט, — האָט יוסף זי געפרעגט.

— שטימונגען.

— אַזוי לאַנג האַלטן אַן די שטימונגען? ווי איז אייך געפעלן ד״ר זשיטלאָווסקיס רעפעראַט?

— זייער גוט.

זרח איז געוואָרן איפּערזיכטיק. ער האָט פאַרלאָזט דאָס צימער, געפּרוווט לייענען אַ טעכניש ביכל, נאָר זיך פאַרטראַכט איבער דינהן. זי האָט גרויס דערפאָלג. ס׳קומען צו איר דיכטערס, סטודענטן און זי לייגט ניט קיין אַכט אויף זיי. אויך זיין מוטער אינטערעסירט זיך מיט דינהן.

— וואָס איז זי אַזוי אומעטיק?

— זי האָט ניט קיין געלט. זי הונגערט. זי זאָגט, אַז זי עסט מיטאָגן אין גאַס.

— איך וועל איר פאָרלייגן, — זאָגט די מוטער — עסן מיט אונדז, ווען זי וועט האָבן געלט, וועט זי באַצאָלן. צי וועט זי איינשטימען?

— און דו ביסט אַ גבירטע? — האָט ער לאַכנדיק וואַרעם אַרומגענומען די מוטער.

— ווייל איך בין ניט רייך, פיל איך איר מיט.

— מ׳דאַרף זען שאַפן פאַר איר אַרבעט.

— פאַר מאַטורע האָט זי דען צייט?

— זי וועט זיך אַן עצה געבן. איך האָב שוין מיטן טאַטן אויך גערעדט. זי וועט צאָלן ווען זי וועט קאָנען.

— גוט, רעד מיט איר.

שמואל איז געזעסן ביי די ביכער און געטראַכט וועגן דינהן. זי קוקט אויף אונדז ווי אויף שנעקעס. אירע חברים זענען עלטער פון אונדז. ווער האָט אַן אינטערעס אין איר? — האָט ער געפּרוווט זיך באַהערשן, ניט צו טראַכטן פון איר.

דינהן האָט זיך געוואָלט בלייבן אַליין, די חברים זאָלן שוין אַוועקגיין, אָבער זיי האָבן צווישן זיך דיסקוטירט וועגן ציוניזם און קאָמוניזם.

— כ׳האָב ניט געוווּסט, יוסף, אַז איר זענט אַזאַ גרויסער קעגנער פון ציוניזם? — האָט דינה באַמערקט.

— איר וועט זיך נאָך פיל זאַכן דערוויסן וועגן אים — האָט גדליה געלאַכט.

— דו, גדליה, העלף מיר ניט אַרויס. איך קאָן מיין שטעטל אַליין באַשטיין. אַזאַ אינטעליגענטקע און אַ סוחרס אַ טאָכטער וואָלט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ניט אָנגענומען — האָט יוסף ווידער געשפּאַסט.

— כ׳קוק אויף די ווייסע הענטלעך — האָט גדליה אָנגענומען איר האַנט געוויזן זי יוספן, און ער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.

— זעט ווי ווילד ער לאַכט... איר וועט שוין זען דיווירקלעכקייט.

— וואָס די צייט וועט ברענגען קאָן דער שכל ניט באַגרייפן, — האָט דינה רויִק געזאָגט. לייענט אונדז עפּעס פאַר, יוסף.

— אויב איר פאַרלאַנגט.

— איך בעט נאָר.

— איר דאַרפט באַפעלן.

— דו הערסט, ווו ס׳האַלט שוין? — האָט גדליה ווידער געלאַכט.

זיי האָבן פאַרבראַכט ביז צוועלף ביי נאַכט און זיך פונאַנדערגעגאַנגען. דינה איז געבליבן אַליין מיט זיך. צוויי געפילן האָבן זיך געראַנגלט אין איר: פאָרן אין קיבוץ אָדער ענדיקן די מאַטורע און לערנען אין אוניווערסיטעט? די נאַכט איז זי וויניק געשלאָפן, געטראַכט וועגן די אַלע חברים, געטראַכט וועגן איר לאַגע. אין דער פרי האָט זי גענומען אירע אַ קאָלדרע מיט אַ מאַנטל און פאַרקויפט צו די גאַסן-הענדלערס. זי האָט זיך געהיט קיינער זאָל זיך וועגן דעם ניט דערוויסן. זי האָט באַקומען צוועלף זלאָטעס, וועט דאָס איר סטייען אויף עסן ביז זי וועט אָנהייבן מער פאַרדינען.

.11

דינה האָט באַקומען נאָך אַרבעט. זי האָט אויך באַקומען אַ הנחה אין דער גימנאַזיע. פיר אין אָוונט איז זי געגאַנגען אויף יאַטקע-גאַס, צו אַ שילערין פון אַ יאָר 17. געלערנט איר יידיש און פויליש. ווייל זי אַרבעט אין אַ געשעפט, דאַרף זי קענען פויליש. אויף די צעבראָכענע טרעפּלעך פון פערטן שטאָק, איז איר אַנטקעגנגעקומען איר שילערין, יענטקע. פיזיש גוט אַנטוויקלט, די האָר אָנדולירט, שיין פאַרקעמט, זי האָט פריילעך באַגריסט דינהן, אַריינגעבעטן זי אין צימערל. יענטקע האָט זיך דאָס מאָל געאיילט, ווייל ס׳דאַרפן צו איר קומען געסט, האָבן זיי פאַרקירצט די

לעקציע. יענטקע מיט איר מוטער האָבן פריינדלעך באַגלייט דינהן ביזן טיר. דאָן איז יענטקע אַריין צו זיך אין צימערל, געגומען דעם שפּיגל אין האַנט, זיך געשפּיגלט, פאַרפּודערט, געפּאַרבט די ליפּן. זי האָט הנאה געהאַט פון זיך, זיך געפעלן. „די יינגלעך זאָגן אמת, איך בין טאַקע שיין". זי קוקט אַרויס דורכן פענצטער, צי ער קומט שוין, נאַטקע; באַקוקט זיך די מאַני־קירטע נעגל, זינגט זיך צו דאָס פּוילישע לידל „שוואַרצע אויגן".

אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר — און נאַטקע איז אַריין אַן אויסגעפּוצטער, אין אַ ברוינעם אַנצוג, מיט שטייפן ווייסן קראַגן, רויטן קראַוואַט און לאַקירטע שיך. זיי האָבן זיך אַרומגענומען, זיך צעקושט און אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע.

— איז וואָס הערט מען? האָסט געאַרבעט?

— זיכער, און דו?

— איך האָב היינט פאַרדינט אַ סך געלט. כ'האָב געבראַכט דיר אַ קליינע מתנה, אַ זיידן טיכל. — ער האָט איר אויך געבראַכט שאָקאָלאַד. זיי האָבן פאַרבראַכט ביז שפּעט.

איר פאָטער, אַ בלעכער, האָט שפּעט געענדיקט די אַרבעט און געזעצט זיך עסן. זיין פרוי זאָגט אים אָן די שמחה:

— חיים, נאַטקע איז שוין שלום מיט יענטקען. ער זיצט איצט ביי איר.

— דערפאַר קוקסטו יעדעס מאָל אין טיר.

— ער האָט זי שוין אַרומגענומען.

— וואָס פאַר אַ נייעס? — אַ בחור נעמט אַרום אַ מיידל... דו ביסט מאָדנע און דו גיסט איר צו פיל פריייהייט.

— וואָס נאָך האָט זי ביי דיר? — זאָל זי פאַרברענגען... אַלע טאָג קומען אַנדערע. — זיי האָבן זי ליב. אפשר וועט זיך איינער אָפּשטעלן מיט איר. — דאַרף מען מאַכן אַ שידוך, וואָס איז דאָס וואַרטן? — זי וועט ניט פאַרזיצן. זיי שיינט ווי אַ ליכט. — שפּעטער עטלעכע יאָר וועט קיינער ניט וועלן קוקן אויף איר. דער איז אַ פאַרדינער, אַ גוטער סטאָליער. נאָר ווער ווייסט צי ער טראַכט ערנסט. — האָט שוין די מוטער גערעדט שטיל צו זיך אין בוזעם אַריין.

פרייטיק צו נאַכט. די גאַסן ווי שטענדיק באַלויכטן מיט גרויסע עלעק־

טרישע לאָמפּן. די ייִדישע געשעפטן — געשלאָסן. די קינאָס זענען געפּאַקט מיט באַזוכערס. די קאַפעען — אָפן. דינה מיט יוספן גייען פון קינאָ וווּ מ'האָט געוויזן דעם פילם „דער גיבור אין קייטן" פון הוגאָ. ניט ווייט פון דינהס טויער איז אָנגעקומען קלמן, זיי באַגריסט און געזאָגט, אַז ער וויל דינהן עפּעס דערציילן.

— אפשר איז עס ניט אַזוי וויכטיק? — האָט דינה געחוזקט...

— ווען קאָן איך אייך טרעפן אין שטוב? איך בין שוין צוויי מאָל געווען און ניט געהאַט קיין מזל אייך צו טרעפן.

— איך האָב ניט קיין צייט.

— איין מאָל וויל איך זיך מיט אייך דורכשמועסן.

— ס'איז אַזוי נייטיק? — זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און זיך געזעגנט: — אַ גוטע נאַכט.

ער איז אַוועק אַ באַליידיקטער. יוסף האָט זיך געוווּנדערט, ניט געגלייבט אויף דינהן אַז זי קאָן באַליידיקן אַ מענטשן. דינה האָט זיך געזעגנט מיט יוספן און אַריין אין שטוב. זרח האָט ניט געוואַרט אויפן קלונג און איר געעפנט די טיר. ער האָט שוין דערקענט אירע טריט. זי האָט זיך אַוועק־געזעצט אין סאַלאָן. געטראַכט פון זשאַן וואַלזשאַן און וועגן געגנבעטן לעבל ברויט. הונגער איז אַ שטאַרקער כּוח.

זרח האָט דערלאַנגט צום טיש טיי מיט ביסקוויטן. ער האָט אָבסער־ווירט און זיך געוווּנדערט וואָס זי איז היינט אַזוי פריילעך. זרח האָט איר דערציילט, אַז שמואליק לייענט אין צווייטן צימער. ער איז געווען נערוועז. געטראַכט, אַז זי סימפּאַטיזירט שמואלן. דינה איז אַריין צו זיך אין צימערל. די חברטע איז נאָך ניט געווען. שמואל איז אַריינגעקומען. מיט אַ רויִקן שמייכל זי געפרעגט:

— ווי פאַרברענגט מען אַזוי שפּעט?

— שפּעט?

— אַז איר בײדע שלאָפט נאָך ניט...

ער איז געזעסן קאַלט. נאָר פריינדלעך געשמייכלט. זיי האָבן גערעדט פון דער העברעיִשער שפּראַך, פון ביכער וואָס זיי האָבן געלייענט. נאָך אַ קורצן שטילשווייגן האָט שמואל זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אין

די ליפּן. זי האָט זיך פֿאַרשעמט. געטראַכט, וואָס פֿאַר אַזאַ גרויסן טעם האָט אַ קוש, וואָס אַלע בחורים רייסן זיך דערצו. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער האָט ניט געזען. ער האָט געדריקט איר האַנט און געמורמלט:

— דינה, דינה.

— נו, צייט צו גיין שלאָפֿן. אַ גוטע נאַכט. זיסע חלומות.

— תודה.

ער איז אַוועק. דינה האָט נאָכגעטראַכט וועגן דער סיבה פֿון זיין אַנגע־נעמער צאַרטקייט. זי האָט באַשלאָסן זיך דערוויטערן פֿון אים, אַזוי ווי פֿון אַלע חברים. זי טאָר ניט פֿאַרלירן דעם שטאַרקן ווילן צו לערנען.

זרח האָט געליטן. געוועזן אייפֿערזיכטיק. געטראַכט: — „מיט מיר האָט זי ניט געוואָלט גיין אין קינאָ, מיט יוספֿן איז זי געגאַנגען". ער האָט זי פֿון געדאַנק ניט געקאָנט פֿאַרטרייבן. זיך באַמיט ניט צו טראַכטן וועגן איר. און אַלע מאָל האָט ער זיך דערמאָנט אין איר. דינה האָט געהאַט אויפֿן געוויסן, וואָס די אָפּגעשפּאַרטע צייט פֿון שלאָפֿן און רוען גייט איר אַוועק אויף נאַרישקייטן.

12.

ס'פּרושעט אַ זומער־רעגנדל. די לופֿט — אַ שטיקנדיקע. גדליה שטייט אויפֿן באַלקאָן אָנגעשפּאַרט אין פֿאַרענטש, קוקט זיך איין אין די פּילפּאַר־ביקע דעכער פֿון די ווילנער מויערן. ער איז באַגייסטערט, ווי ער וואָלט זיי געזען צום ערשטן מאָל. ניט ווילנדיק קומען אויף אין אים זכרונות פֿון די קינדעריאָרן. ס'ציִען זיך געדאַנקען, ווי שפּינוועבס אין אַ בוידעם־שטיבל. דער פֿאָטער, איינגעבויגן ביי דער ניימאַשין, אַן אָרעמער שניידער, שיקט אים, דעם איינציקן זון, לערנען. ער וויל אים מאַכן דווקא פֿאַר אַן אַדוואָקאַט. אָבער ווי אַ סטודענט, ווערט ער אַריינגעצויגן אין קאָמסאָמאָל און ווערט אַרעסטירט. ער קומט אָפּ פֿיר יאָר טורמע און ווערט באַזייטיקט פֿון אוני־ווערסיטעט. שוין צוויי יאָר ווי ער זוכט אַרבעט. „איך בין שוין אַלט 30 יאָר, כ'וויל זיך לערנען אַ פֿאַך". — און ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין חברטע שיינדל. זי האָט זיך דערוווסט אַז ער איז אַ קאָמוניסט, האָט זי איבערגעריסן די פֿריינדשאַפֿט מיט אים, זיך דערווייטערט פֿון אים. דער מאַמען איז שווער

צו באַדינען אים. דינה איז אַ ווויל מיידל. נאָר זי טראַכט ניט פון תכלית. זי באַציט זיך צו אַלע פריינדלעך. „אָבער אַרבעט ? ווו נעמט מען אַ פּאַסיקע אַרבעט ? כאָטש איך לערן עקסטערן, פאַרהאַף איך אַז איך וועל אָפּגעבן די עקזאַמענס אויף אַדוואָקאַט״. ער האָט ווי גערעדט צו זיך אַליין. ער איז אַריין אין באַדצימער, זיך איינגעקוקט אין שפּיגל, צי ער איז ראַזירט, זיך צוגעקעמט די געדיכטע האָר, אויסגעגלייכט דעם ספּאָרטיוון ווייסן קראַגן פון אויבערהעמד און ווייטער געטראַכט פון דינהן : „זי איז אַ פיין־פילנ־דיקע. נאָר אַ קליינבירגערלעכע״. דאָך האָט ער באַשלאָסן צו גיין כאַפּן אַ שמועס מיט איר. ער איז געגאַנגען שנעל, קיינעם ניט באַמערקט, פונקט ווי עמעץ זאָל אים נאָכיאָגן.

דינה האָט באַקומען צוויי וואָכן פריי פון גימנאַזיע אויף צו גרייטן זיך צו די עקזאַמענס. געבעטן אין שטוב, ווער ס׳וועט קלינגען, זיך פרעגן אויף איר, זאָגן, אַז זי איז ניטאָ אין שטוב. זי לערנט ביז שפּעט אין דער נאַכט. וואַשט אַלע מאָל דאָס פּנים, כּדי ניט איינצושלאָפן. פּלוצעם האָט זיך אין געדאַנק אַריינגעכאַפּט אַ זאָרג וועגן איר פאָטער. זי האָט שוין לאַנג ניט קיין בריוו פון אים. זי האָט געדאַגהט וואָס ער שרייבט ניט. „איז ער ברוגז וואָס איך בין ניט געקומען אויף פּסח ? ער ווייס ניט, אַז כ׳האָב ניט אויף הוצאות. צוועלף שעה פאָרן קאָסט אַ סך געלט. ווען איך וועל ענדיקן די גימנאַזיע, וועל איך אים קויפן אַ זיידענע יאַרמלקע. ער וועט זיך פרייען וואָס איך האָב געענדיקט דאָס לערנען״. זי האָט געשמייכלט. פון צייט צו צייט געטרייסלט מיטן קאָפּ, ווי וועלנדיק זיך באַפרייען פון די געדאַנקען און קאָנצענטרירן זיך אין לערנען.

אַ קלונג אין טיר. זרח האָט פאַרגעסן אין דינהס ביטע. געעפנט די טיר און דערזעענדיק גדליהן, גענומען אים אונטערן אָרעם און צוגעפירט צו דינהס צימערל. ער האָט ביי אים שטיפעריש געפרעגט : „ווי גייט עס אייך, מיסטער קאַץ ?״ ער האָט אים אָבסערווירט פון קאָפּ ביז די פיס. געטראַכט : „אַ גרויסער קאָפּ ; גרויסע אויערן ; און אַליין אַ נידעריקער. דינהן וועט ער ניט געפעלן״.

— זייט ניט אין כּעס וואָס כ׳בין געקומען אייך שטערן. מ׳דאַרף זיך אַ ביסל אַ באַטל טאָן. מ׳מוז זיך אָפּרוען. מ׳קאָן ניט אַזוי פיל לערנען, —

האָט ער ווי באַפּוילן אויף איר.

— איר האָט אוודאי וויכטיקע נייעס צו דערציילן — האָט זי אַ ניט־צופרידענע געפרעגט.

— כ'וויל איר זאָלט אַ ביסל פאַרלאָזן דאָס צימערל און זיך דורכגיין, וועט איר ווערן פרישער און בעסער אויפנעמען די תורה, — האָט ער ווי אַ בעל־נסיון גערעדט — אגב, איר האָט געליינט די ביכער פון דער רשימה, וואָס כ'האָב אייך געגעבן?

— ווען? ווו איז דאָ צייט? און פאַר וואָס האָט איר זיך גראָד איצט דערמאָנט אין די סאָציאַליסטישע ביכער? ווייל איך בין קליינבירגערלעך, ווי איר זאָגט מיר אָפט?

— ס'איז כדאי זיך באַקענען מיטן לעבן פון אַרבעטער.

דינה האָט אים געפאָלגט. זיך צוגעקעמט, און געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן. זיי האָבן שפּאַצירט ביים טייך ווילענקע. אין בערנאַרדינער גאָרטן, זיך איינגעקוקט אין די בלאָע וואַסערן פון טייך.

— אין דריי וואָכן אַרום וועסטו שוין האָבן געענדיקט דאָס לערנען — און וואָס ווייטער?

— כ'האָב נאָך ניט באַשלאָסן.

— ווער געפעלט דיר בעסער פון אַלע דיינע חברים?

— איך האָב זיך ניט פאַרטראַכט וועגן דעם — האָט זי געלאַכט.

— דאָך טראַכסטו וועגן איינעם.

זי האָט אים שטיפעריש אַרייַנגעקוקט אין די אויגן. אַז ער האָט זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזט...

— וועגן דיר טראַכטן מער ווי איינער. דו ווייסט עס זיכער?

— ווער ווייסט וואָס זיי טראַכטן, שלעכטס אָדער גוטס? —

— איך וועל ענדיקן מיין לערנען. כ'פאַרהאָף אויסהאַלטן די עקזאַמענס. כ'וויל זיין אַן אַדוואָקאַט — און איך גלייב, אַז איך וועל האָבן אַרבעט. איך וויל זייער שטאַרק, אַז דו, דינה, זאָלסט אויף מיר וואַרטן. דו ביסט נאָך יונג. איך קום ניט צו דיר סתם פלירטעווען, פשוט, איך האָב דיך ערנסט ליב. איך וויל ניט דאָס גליק זאָל באַקומען אַ צווייטער. וואָס זאָגסטו צו דעם?

ער האָט גערעדט שטיל, לאַנגזאַם, פון צייט צו צייט זי ערנסט אָנגעקוקט. דינהן האָט ער געזען ווי אַ נאַיווו, אומשולדיק מיידל און געוואַרט אויף איר ענטפער. זי האָט געטראַכט וואָס צו זאָגן און ענדלעך באַשלאָסן:

— גדליה, איך טראַכט ניט צו פאַרבינדן זיך אין פוילן מיט קיינעם ניט. איך וועל אָוועקפאָרן פון פוילן.

— איך וואָלט מיטגעפאָרן מיט דיר קיין ארץ־ישראל.

— מ'דאַרף דיך דאָרט ניט האָבן.

— דו שפּאַסט.

— ווי קאָן מען רעדן ערנסט, דו ביסט קעגן עליה. מיר האָבן עקסטרעמע אָנשויונגען. ווי קאָן זיין ביי אונדז אַ צוזאַמענלעבן ?...

— ביסט באמת נאַיוו. ס'וועט זיין אינטערעסאַנטער. מיר וועלן דיסקוטירן און מעגלעך, איינער וועט דעם צווייטן איבערצייגן.

— איר זענט זיכער, אַז איר זענט שטאַרקער און איר וועט מיך איבערצייגן. און ארץ־ישראל דאַרף האָבן קאָמוניסטן ? ווי קאָנט איר קומען מיט מיר, אַז איר זענט קעגן עליה ?

— דאָס אַלץ איז אַ תירוץ. איך פאַרשטיי, דו האָסט מיך ניט ליב. אויב מירן זיך אָפט טרעפן, און דו וועסט טראַכטן פון מיר, וועסטו מיך ליב קריגן, — האָט ער שטאַלץ באַשלאָסן ביי זיך.

— איר זענט גערעכט. מיך וווּנדערט נאָר, וואָס קאָנט איר שוין אויסגעפינען אין אַ פּראָווינצער קליינבירגערלעך מיידל ווי איך ? איר זענט אינטעליגענט, באַוווּסטזיניק, איר וועט זיין אַ באַוווּסטער אַדוואָקאַט. איר קאָנט רעדן. כ'האָב אייך געהערט רעפערירן אין „בונד".

— האָסט אַ טעות. איך פאַרגעטער דיך טראָץ דיין קליינבירגערלעכקייט און פּראָווינצערישקייט.

— אייך דאַכט זיך...

— דו וועסט זיך באַטראַכטן. איך וואַרט אויף דיין פּאָזיטיוון ענטפער נאָך דעם ווי דו וועסט ענדיקן לערנען.

— נו, איך מוז שוין גיין אַהיים. איך וועל היינט זיצן ביז צוועלף ביי נאַכט. ס'איז שוין גיין אַ זייגער, שפּעט.

ער האָט זי צוגעפירט צום טויער און געבעטן:

— דינה, שטרענג זיך ניט אָן, היט דיין געזונט. — ער האָט געקושט אירע ביידע הענט. לאַנג איר נאָכגעקוקט ביז זי איז אַריין צו זיך אין צימער. גדליה איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קינאָ, געוואָלט זיך פאַרטאָן נאָך דעם שמועס.

דינה האָט אָנגעצונדן די עלעקטריע, זיך גענומען צו די ביכער. אַ געדאַנק איז איר פאַרביי: „וואָס ווילן זיי פון מיר ? זיי רעדן שיין. זיי מיינען ניט ערנסט. מסתמא אָנגעלייענט זיך מיט ראָמאַנען. סתם רייצן. גדליה גאָר — ער איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש, נאָר ניט פאַר מיר״.

צווייטער טייל

קיבוץ באָראָכאָוו, לאָדזש 1937

.13

— סוף כּל סוף איז געקומען דער פרילינג! אַפּריל! איך האָב לאַנג געוואַרט אויפן פרילינג. אַ גאַנצן ווינטער קוקט זיך אסתר צו ווי די ביימער גרינען. ס'ווערט אַזוי גוט אויפן האַרצן. די פאַרשמאַכטסטע פּעדימלעך וואַכן אויף אין מיר צוזאַמען מיט דער דערוואַכנדיקער נאַטור, — האָט דינה שטיל, ווי פאַרחלומט, גערעדט, אויסגלייכנדיק דערביי דעם מאַגערן שוואַכן קערפּער. די ברוינע חנעוודיקע פאַרטראַכטע אויגן האָבן אויסגעדריקט בענקשאַפט. די טונקעלע, געלאָקטע האָר פאַרקעמט אַרויף צו — אין אַ „וואַלעק", די דינע ברעמען אַרויפגעצויגן. אסתר האָט געשמייכלט. זי האָט אַנגעקוקט דינהס קורץ נעזל און געטראַכט: „אַ קאַרטאָפל".

— דינה, האָט זיך אסתר אָפּגערופן: דו ביסט ראָמאַנטיש ווי די קליינבירגערלעכע מיידלעך. איך האָב געמיינט, אַז אַן אַקטיווע חלוצקע וואָס זיצט אויף הכשרה, איז מער פּראָזאַיִש, טרוקן, פון פּשוטן לעבן פאַרהאַרטעוועט. אויף הכשרה ווערט דער עסטעטישער געשמאַק פאַרדאַרבן. אסתר האָט שטיל אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַלט ביסטו, דינה?

דינה האָט קוים געהערט איר פראַגע. זי איז געווען פאַרטראַכט און רויִק געענטפערט:

— אין צוויי חדשים אַרום ווער איך 22 יאָר.

— ניט צו גלייבן. דו ביסט שטענדיק אַזוי ערנסט, דערפאַר זעסטו אויס עלטער. די צייט לויפט.

דינה האָט זיך דערמאַנט, ווי זי האָט זיך געזעגנט מיט אירע אַלע נאָענטע חברים און חברות, זיך פון אַלע דערווייטערט, פּשוט איבערגעריסן די חברשאַפט. ווי זיי האָבן זי געוואָרנט אַז זי פאַסט זיך ניט פאַרן קיבוצישן

לעבן, ניט פיזיש און ניט גײַסטיק. זי פּאַסט זיך ניט פאַר אַזאַ אַרבעטער־חברה.

— מיר איז אַ װוּנדער — האָט אסתר פאַרגעזעצט — װאָס דו פילסט זיך אַזוי גוט אין קיבוץ. דו ביסט אַקטיװ. הגם דו קומסט פון אַ גאַנץ אַנדע־רער סביבה. דו שטרעבסט צו בילדונג.

דינהן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קלינגען איר אין אויער די װערטער פון אַמאַליקע חברים.

— איך בין שטאָלץ מיט די חברים אין קיבוץ. איך האָב זיך געענדערט. דאָס לעבן איז שװער צו פאַרשטיין. די צייט, דאָס לעבן און דער שטאַרקער װילן טוען דאָס זייעריקע. דער עקשן אין מענטש איז אַ װיכטיקער פאַקטאָר.

אסתר האָט זי אָנגעקוקט מיט דרך־ארץ. זי זיצט שוין עטלעכע יאָר אויף הכשרה, און איז אַזוי ענערגיש, מוטיק. שטענדיק מונטערט זי אַנדערע. האָפט און גלייבט אין דער גוטער צוקונפט.

זיי האָבן לאַנגזאַם שפּאַצירט איבערן שמאָלן, זאַמדיקן װעג. זיי זענען ביידע פון מיטעלן װוּקס װי אַ פּאָרל.

— צי װייסטו, דינה, מיט װאָס איך בין צופרידן? מיט דעם װאָס פאַר די צװיי יאָר װאָס כ׳בין דאָ, בין איך נאָך ניט קראַנק געװען. אין דער היים בין איך אָפט געװען פאַרקילט. דאָס האָט מיך געשראָקן פאַר דער הכשרה. מ׳דאַרף דאָך זיין אַרבעטספעיִק און טאַקע קאָנען אַרבעטן שװער. די װעלכע אַרבעטן שװער, שעצט מען אַ סך בעסער. כ׳האָב געהערט, אַז דו ביסט שוין באַשטעטיקט צו עליה. פאַר װאָס ביסטו ניט עולה?

— ענגלאַנד, ענגלאַנד איז שולדיק. זי גיט װייניק סערטיפיקאַטן. און דאָ, אין פּוילן, זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט דער אַנטי־סעמיטיזם זיך פאַרשטאַרקט און די אַרבעטלאָזיקייט איז גרויס — האַלט אין איין שטייגן. די איינציקע האָפענונג אונדזערע איז צו עמיגרירן! צו דעם שטרעבן היינט אַלע יונגע מענטשן. נאָר מיך ציט ניט אין אַן אַנדער לאַנד. כ׳האָב פריינד אין אַרגענטינע, אין אורוגװאַי. איך װיל נאָר קיין ארץ־ישראל. אפשר װייל מיין פאָטער האָט מיך אַזוי דערצױגן. דערפאַר האָב איך גע־לערנט עברית. מיר זענען נמאס געװאָרן די ייִדן־פּרעסערס. יענע װאָך בין איך פאַרבייגעגאַנגען דעם גאָרטן מיט אַ חבר. זענען צוגעקומען צװיי ענ־

דעקעס, מיר אַ שטאָך געטאָן מיט אַ שפּילקע. און דעם חבר געגעבן אַ פּאַטש. וויל איך אַז אויך מיר זאָלן האָבן אַ לאַנד, מיר זאָלן זיין אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער גלייך, ניט שטענדיק געטריבן... ווי מיינסטו, בין איך ניט גע־רעכט? מיר וועלן באַאַרבעטן דעם מדבר׳ס פּוסטע שטחים, וועלן זיי זיין אונדזערע. כ׳וואָלט שוין וועלן דאָרט זיין! קיין אַנדער היים האָב איך ניט.

—און דו פֿילסט זיך גוט אין אַזאַ גרויסן קיבוץ? — האָט אסתּר געפֿרעגט — פֿיר הונדערט חברים — אַ גאַנץ שטעטל — כ׳געדענק אפֿילו ניט אַלעמענס נעמען. איך בין בעיקר אומצופֿרידן פֿון דעם וואָס איך אַרבעט ניט ביי מיין פֿאַך. כ׳בין אַ קראַנקן־שוועסטער.

— מ׳האָט דאָך שוין גערעדט אויף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, אַז ווען די חובשת וועט עולה זיין, וועסטו אַרבעטן אויף איר אָרט — האָט זי דינה באַרויִקט.

די סירענעס פֿון די פֿאַבריקן האָבן געפּייפֿט און זיי דערמאָנט אַז ס׳איז שוין 12 אַ זייגער. זיי האָבן פֿאַרלאָזט דעם פּאַרק און זיך אומגעקערט צוריק אין קיבוץ.

— אַ האַלבער טאָג פֿון אונדזער יום מנוחה איז שוין אַוועק, — האָט אסתּר באַדויערט.

אויפֿן וועג האָבן זיי געטראָפֿן בלאַסע, מידע, אַרבעטער און אַרבעטע־רינס זיצן אין דרויסן און עסן, וועלנדיק אַזוי אַרום כאַטש עטוואָס געניסן פֿון דער זון. פֿון די קוימענס האָבן געזעצט שוואַרצע, געדיכטע קנוילן רויך צום הימל אַרויף.

— אַך, מיין שטעטעלע לאָמזשע! — האָט אסתּר אָפּגעזיפֿצט און פֿאַר־בענקט אויסגעצויגן די ווערטער.

— און נאָך די בלאָטעס בענקסטו אויך? — האָט איר דינה איבער־געריסן.

מיך אינטערעסירט שוין ניט יענער אָרט לעבן. זיך אָפּגעוווינט. דאָ איז פֿיל אינטערעסאַנטער. מיר האָבן אַן אידעע, אַ שטרעבונג. מ׳אַרבעט, מ׳לייענט, מ׳לעבט צווישן חברים פֿון אַ פֿאַרשידנאַרטיקער מענטאַליטעט, אין אַ גרויסער געזעלשאַפֿט פֿון יוגנט! ס׳אַ שווער לעבן, נאָר איין טרייסט, וואָס ס׳איז צייטווייליק. אין ארץ־ישׂראל, אין קיבוץ, איז אוודאי דאָ פֿיל

באַקוועמלעכקייטן. איך לייד ניט לאַדזש. ס׳איז טאַקע אַן אינדוסטריע־שטאַט, נאָר ניט צו פאַרגלייכן מיט דער נאַטור פון לאַמזשע. לאָמיר רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן האָסט בריוו פון דיינע עלטערן?

— איך האָב ניט קיין עלטערן. מיין מוטער איז שוין לאַנג ניטאָ און מיין פאָטער איז געשטאָרבן מיט פיר יאָר צוריק.

— איך האָב יאָ עלטערן, נאָר זיי זענען שטאַרק אָרעם. כ׳האָב געהאַט אַ חבר, אַ גוטן חבר. מיר האָבן געוואָלט חתונה האָבן. האָט אים אַ רייך מיידל אויסגעכאַפּט — און ער איז גערעכט: ווי קאָן מען זיך איינאָרדענען אָן געלט? איך האָב פיל איבערגעלעבט, ביז איך האָב זיך גענומען אין די הענט און אַוועקגעפאָרן אין קיבוץ. איך האָב מיט אים געענדיקט. דאָס הייסט, איך טראַכט ניט מער פון אים.

— זיכער דאַרף אַ מענטש זיך באַהערשן.

— מ׳דאַרף אָבער קאָנען.

— דעם קיבוץ קאָן מען אויסנוצן אויף פּאָזיטיווע אַרבעט. מ׳דאַרף זיך נאָר איבערצייגן אַז ס׳איז כדאי. דאָן וועט די צייט אַוועק שנעל און דאָס לעבן וועט זיין לייכטער. ביז מיר וועלן עולה זיין.

דינה מיט אסתרן זענען צוגעקומען צום קיבוץ, אָנגעקלונגען אין טויער. דער בלאָסער שומער, פּנחס, האָט זיי אָנגעקוקט מיט די גרינע גרויסע אויגן און זיי אויפגענומען מיט אַ פריינדלעכן שמייכל. אסתר האָט געזוכט אין דער רשימה אויף דער וואַנט, צי ס׳זענען אָנגעקומען בריוו פאַר איר. דינה האָט פריינדלעך באַגריסט פּנחסן און געזאָגט צו אסתרן:

— זעסט, פּנחס איז אין דער היים געווען אַ בוכהאַלטער און דאָ איז ער אַ „סטרוזש״, שטייט ביים טויער.

אַרום דעם פיר־שטאָקיקן קיבוץ־מויער, וועלכער איז אַ מאָל געווען אַ פאַבריק זענען געשטאַנען קרייזלעך חברים. דינהן איז געפעלן, ווי די חברים דיסקוטירן, שפּאַרן זיך איבער פאַרשידענע טעמעס, ווי וועגן בירגערקריג אין שפּאַניע; ווער ס׳וועט דאָרט זיגן; ווער פון די וועלט־פּאָליטיקערס וועט זיך אין דעם בירגערקריג אַריינמישן; צי ענגלאַנד וועט געבן אַ סך מער סערטיפיקאַטן; וועגן דער אַראַבישער פראַגע; וועגן די אומרוען אין ארץ־ישראל; אויך אויף ליטעראַרישע און שפּראַכן־טעמעס.

— מ׳מאַכט אַ לעבן? מ׳שפּאַצירט? — האָבן חברים פריינדלעך גע־שמייכלט צו דינהן.

— אוודאי יאָ.

דינה איז אַרויפגעגאַנגען אויפן דריטן שטאָק צו איר בעטל. דאָס איז די וווינונג — אַ בעטל. נאָכן חדר־בחורות קומט דער גרויסער זאַל — דער עסצימער: אַ גרינע, ברייטע אָפענע טיר; טישן מיט לאַנגע בענק. דינה האָט זיך געזעצט ביים טיש, נעבן חברים וואָס האָבן געוואַרט אויפן עסן. זיי האָבן דערווייל צוגעקלאַפּט מיט די לעפל צום טאַקט. ביים ראַדיאָ, אין ווינקל, זענען געזעסן עטלעכע חברים. זיי האָבן געאַרבעט ביי נאַכט אין קיך, האָבן זיי צייט צו וואַרטן אויפן עסן. אין צווייטן ווינקל זענען געזעסן צוויי חברים ביי אַ קליין טישל פאַרטיפט אין אַ שאַכשפּיל. זיי האָבן ניט געהערט דעם רעש, פונקט ווי קיינער וואָלט אין זאַל ניט געווען. ניט ווייט פון ראַדיאָ שטייט די פּיאַנע שטיל, ווי איינגעדרעמלט, פאַרדעקט מיט אַ רויטן טישטעך. חברים, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין אָרט ביי די טישן, האָבן שפּאַצירט איבער די שטובן אַהין און צוריק, און געשמועסט וועגן זייערע אַרבעט־וואַרשטאַטן. די בילדער אויף די ווענט קוקן אַראָפּ אויף די חברים. די פּירקאַנטיקע גרין־ווייסע סלופּעס אין מיטן זאַל, וועלכע שפּאַרן אונטער די אויבערשטע שטאָקן, שטייען שטאָלץ, פונקט ווי זיי וואָלטן אונטערשפּאַרן די אַרבעטער וואָס פּראָדוקטיוויזירן זיך איצט. איי־ניקע חברים שטעלן זיך אָפּ ביי דער וואַנטמאַפּע און לייענען די מעלדונגען. און אָט גיט דער קעלנער אַ קלונג אין אַן אייזן, אַ סיגנאַל, אַז דער מיטאָג הייבט זיך אָן. די ערשטע וואָס זיצן ביי די טישן עסן שנעל אָפּ. זי דאַרפן באַפרייען די ערטער פאַר אַנדערע חברים. פונקט איינס אַ זייגער האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען די אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן. די ערשטע האָבן אַריינגעמאַרשירט, ווי סאָלדאַטן, פון דער מתפרה (שניידער־וואַרשטאַט) פון קיבוץ אָנגעטאָן אַלע אין בלויע דריי פערטלדיקע שירצן, אין לאַנגע גראַנאַט–הויזן, יינגלעך און מיידלעך ביי די זעכציק חברים. „אָט גייען זיי שוין, די שדים״, האָבן חברים מיט דרך־ארץ געלאַכט. ווייל זיי איילן זיך שטענדיק, רופט מען זיי שדים. גלייך זענען אָנגעקומען צוועלף חברים־חב־רות, וואָס אַרבעטן אין וואַשצימער ביים וואַשן וועש. זיי האָבן ניט אַראָפּ־

גענומען פון זיך די גומענע שירצן, ווי געוואָלט זיך באַרימען אַז זיי אַרבעטן ביי אַזאַ וויכטיק פאַך, וואָס ברענגט אַריין דעם קיבוץ אַ גרויסע הכנסה. זיי וואַרטן ניט לאַנג אויפן עסן. שפרה, די שלאַנקע, חנעוודיקע, מיטן פאַר־קנייטשטן שטערן, גייט אַריין אין קיך און ברענגט די פאַרציעס פאַר איר גאַנצער גרופע. אין די מינוטן זענען אַריין די אַרבעטער פון דער שלאָסעריי. פאַרשמירטע, שוואַרצע, זעצן זיי זיך רויִק צום טיש און שמועסן וועגן נייע מאַשינען וואָס מ׳דאַרף קויפן. צום סוף קומען אָן די חברים וואָס אַרבעטן אין מחסן–בגדים (קליידער־מאַגאַזין). זיי זענען געערגערט, ניט צופרידן, ווייל חברים פאַדערן אַנטועכץ און זיי האָבן ניט וואָס צו געבן. זיי שווייגן, מיידן אויס די בליקן פון חברים. באַזונדערס פון די חברות, מורא האָבנדיק טאָמער אויך איצט, ביים עסן, וועלן זיי בעטן אַ יופּקע אָדער אַ בלוזקע. די חברים פון סטאָליערײַ קומען אַריין מיט גרויס קוראַזש. זיי פאַרדריסט וואָס מיט די שניידער־אַרבעטער רעכנט מען זיך מערער, ווייל זיי האָבן דאַרט אַ גרויסע הכנסה. זיי רעדן פון דער צאָל וואַליזקעס וואָס זיי דאַרפן מאַכן פאַר די חברים וועלכע דאַרפן גיין אין מיליטער. די שוסטערס קומען אַריין לאַנגזאַם, אין גראַנאַטענע שירצן, זוכן באַשיידן אַן אָרט ביים טיש, ווו זיך צו זעצן. די צוויי שערערס אין די ווייסע פאַרטעכער שטייען פון ווייטן, ניט דרייסט, וואַרטן ביז מ׳וועט אָפּורישן דעם טיש, און דער בלאָנדער קעלנער, בודניק, אין ווייסן היטעלע און פאַרטעך, איילט זיך, פייל פון בויגן, מיט דער טאַץ אין האַנט.

די שוואָמענזופּ פאַרשפּרייט אַן אָנגענעמען ריח. אויפן טיש שטייט שוין אַ קאַרטאָפל–פּיורע מיט געריבענע בוראַקעס. די קעלנערין, בתיה, מיט די שוואַרצע געקרייזלטע האָר און פאַרריסענעם קאָפּ ברענגט עסן נאָר פאַר די וואָס זענען אויף דיעטע. זויערמילך מיט קאַרטאָפל און ווייס ברויט.

ווען אַלע האָבן פאַרלאָזט די טישן, איז שוין דער זייגער אַרום צוויי. קומען אַריין די חברים פון דער מזכירות. די הויכע, מאַגערע פרידע, מיט די צעפּ פאַרלייגט אויפן נאַקן, שמייכלט און קוקט זיך אַרום, ווי זי זאָל זוכן עמעצן. זי איז די שליחה — געשיקט געוואָרן פון ארץ־ישראל צו אָרגאַניזירן דעם קיבוץ. מיט איר גייט מיט בערנאַרד, דער סעקרעטאַר פון קיבוץ : אַ בלאַסער, ווי ער וואָלט קיין מאָל די זון ניט געזען ; אַ רויִקער,

מיט אַ טיפֿזיניקן בליק אין די טונקעלע אויגן. מיט לאַנגזאַמע טריט דער־
בענטערט ער זיך צום טיש און זעצט זיך אין אַ ווינקל. ער שווייגט, אָבסער־
ווירט דעם אַרום. ער קוקט כמעט ניט יענעם אין די אויגן, ווען ער רעדט
מיט אַ חבר. דאָך ווייס ער וואָס מ׳טראַכט. ער פֿאַרשטייט אַ חבר. ס׳קומט
אויך אַריין זיין לאַנדסמאַן, יצחק, אויך אַ חבר אין מזכירות. ער איז העכער
פֿון אים, דאָס פּנים רונד, אַ שאַטינער, פֿאַרקעמט מיט אַ שרונט אין אַ זייט.
די ענערגיע שטראָמט פֿון זיין יעדן ריר. שטענדיק איילט ער זיך, ווי
עמעצער זאָל אים נאָכיאָגן.

זיי האָבן שטיל געענדיקט דאָס עסן און זענען אַרויף אַ שטאָק העכער,
אין מזכירות. יצחק האָט נאָך אויפֿגעהאָנגען עטלעכע פֿרישע מעלדונגען:
שבת, 5 אַ זייגער נאָך מיטאָג. וועט זיין אַ לערנקרייז וועגן דער הסתדרות;
מאָרגן 6 אַ זייגער — גימנאַסטיק פֿאַר מענער. אַכט אַ זייגער — אַ זיצונג
פֿון וועד; ניין אַ זייגער נאָך אונטערבּרויט וועט זינגען דער כאָר פֿון קיבוץ
מיטן אָנפֿירער פּיוויש.

דאָס שיקסל שיינדל — מען רופֿט זי אַזוי, ווייל זי איז אַ ווייסע ווי
פֿלאַקס — האָט גענומען צורוימען דעם עסזאַל. זי איז די פֿאַראַנטוואָרט־
לעכע פֿאַרן גרויסן צימער. די חברים, וואָס האָבן היינט דעם רוטאָג, (יום
מנוחה), זענען געגאַנגען העכער אַ שטאָק — אין לייענזאַל. אַנדערע זענען
אַוועק שפּאַצירן.

.14

צווישן טאָג און נאַכט. די זון פֿאַרגייט לאַנגזאַם, ווי זי וואָלט זיך וועלן
באַהאַלטן. דער הימל אויסגעמאָלט אין פֿאַרשידענע קאָלירן: בלאָע פּאַסן,
רויטע דרייעקן, גרינע בלומען און גראָע בלעטער. אין צימער פֿון די בחו־
רות איז שטיל. אַלע גרויסע פֿענצטער — אָפֿן. דאָ איז די לופֿט שווער.
אויפֿן שמאָלן הילצערנעם בעטל, ווייס פֿאַרשפּרייט, זיצט אסתּר אין אַ
ווייסער בלוזקע. קיין שטולן זענען ניטאָ. אויך ניט קיין בענקלעך. נעבן
אסתּרן שטייט שמעון, אַ גוטער שמייכל אויף זיינע דינע ליפּן.

— כ׳האָב דיך אַרומגעזוכט. וווּ ביסטו געווען? קום דיך דאָ געפֿונען.
זי האָט קאָקעטיש אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און רויִק געפֿרעגט:

— צו וואָס האָסטו מיך געזוכט? ביסט ניט געזונט? איז קום אין קראַנקן־צימער, וווּ איך אַרבעט.

אין האַרצן איז זי געווען שטאַרק צופרידן פון זיין פריינדשאַפט צו איר.

— כ׳בין געזונט ווי אַן אָקס. נאָר וויסן זאָלסטו, אַז ניט נאָר קראַנקע דאַרפן דיך. האָט ער פּעסט געדריקט איר האַנט. זי האָט אים אָנגעקוקט וואַרעם און אַ לייכטן פּאַטש געטאָן אין באַק. שוין פון ערשטן מאָל ווי זי האָט אים געזען, איז ער איר געפעלן. און זי האָט שוין פון דינהן געהערט גוטע גרוסן פון אים. צוריק מיט דריי וואָכן, ווען ער איז אַרויפגעקומען מיט אַ צעשניטענעם פינגער, איז איר געווען אָנגענעם אים באַנדאַזשירן. ער איז שטענדיק איידל און פריילעך, אַלע האָבן אים ליב, האָט זי גע־טראַכט. נאָר זי האָט געזאָרגט וועגן דעם וואָס ער איז אַ וותיק, שוין לאַנג אין קיבוץ, און זי איז נאָך אַ נייע. ער איז שוין באַשטעטיקט צו עליה. איר וועט מען אַזוי גיך ניט באַשטעטיקן, און ער וועט אויף איר ניט וואַרטן. ביי דעם געדאַנק האָט זי זיך געערגערט. זי האָט געפילט אַז ער איז ערנסט צו איר. אַ צווייטע זאַך איז עליה. זי וויל פאַרן צוזאַמען מיט אים. זי וויל פירן אַ משפחה־לעבן. זי האָט פיל מי געלייגט ביז זי האָט אים פאַראינטע־רעסירט. גוט וואָס ער זוכט זי נאָך דער אַרבעט. זי האָט אים געבעטן:

— שמעון, זעץ דיך. אָט דאָ אויפן בעטל. איך דאַרף נאָר צוגיין אין קראַנקן־צימער, אפשר זוכן מיך קראַנקע.

ער איז געשטאַנען אין פענצטער, פאַרטראַכט אַ פּאַפּיראָס. זי פריינד־לעך אָבסערווירט פּונקט ווי ער וואָלט זי געזען צום ערשטן מאָל. „זי איז פול מיט חן“, האָט ער אַ טראַכט געטאָן און זיך אָפּגערופן:

— נו, ווי פילסטו דיך, חובשת, ביי דיין באַליבטן פאַך?

— ס׳פעלט מיר נאָך זייער פיל, כדי איך זאָל זיך פילן גוט.

זי האָט געוואָלט זיך „טשעפּען“ מיט אים.

— אסתר־לעבן, דאַרפסט וויסן, אַז מיט בלוט און שווייס האָבן מיר דאָס דערגרייכט. דו ווייסט ווי אָפּצושאַצן דעם פאַקט וואָס יעדער חבר שלאָפט אַליין אין אַ בעטל — און די מוסטערהאַפטע זויבערקייט? מיר, די ערשטע, האָבן פיל מער געליטן: ביים צורעכט מאַכן דעם בנין, איז געשען אַ גרויס אומגליק; אַ חבר איז דערהרגעט געוואָרן — ער האָט טרויע־

ריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. אסתר האָט געוואָלט בייטן די טעמע און אַ זאָג געטאָן:

— נעבן יעדן בעטל האָט כאָטש געדאַרפט שטיין אַ בענקל.

— מירן נאָך שטולן אויך האָבן. ווי לאַנג איז דען אַז מיר זענען געשלאָפן צו צוויי בחורים אין איין בעט און אויף צוויי שטאָק. צי ווייסטו וואָס מיר האָבן געליטן? ס׳איז גאָרניט כדאי גוט זיך איינצואָרדענען. חברים וועלן ניט וועלן עולה זיין, — האָט ער געשפּאַסט. אויף אָן ערנסט מיין איך, אַז ס׳איז גאָרניט אַזוי באַקוועם צו שלאָפן אַכציק בחורות אין איין צימער...

— צימער? ס׳איז דאָך אַ גרויסער זאַל.

— אין פאַרגלייך מיט אַ מאָל זענען די באַדינגונגען ווי אין אַ לעבעדיקן גן־עדן. און די אַרבעט־פּלעצער, ווייסטו ווי שווער ס׳איז געווען זיי צו דערגרייכן? די אַרבעטגעבערס האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי צו חלוצים. באַלעבאַטישע קינדער קאָנען דען אַרבעטן?

— ס׳קומען דאָך אַרבעטער אין קיבוץ. און אפילו אמתע פּראָלעטאַריער. מ׳וואַרפט אונדז פאָר, אַז דער קיבוץ דריקט אַראָפּ די פּרייזן. — מירן ניט געהאַט קיין ברירה. איצט, ווען מיר האָבן שוין וואַרשטאַטן, באַקומען מיר אַ סך אַרבעט פון אונטערנעמונגען, קאָנען מיר פאָדערן גלייכע פּרייזן. זיי האָבן זיך שוין איבערצייגט, אַז מיר אַרבעטן גוט. מירן נאָך דערגרייכן בעסערע באַדינגונגען. ריכטיק, אַז מיר דאַרפן שוינען דאָס געזונט. ערשט אין ארץ, אין קיבוץ, וועט מען דאַרפן שווער אַרבעטן. אַהין דאַרפן מיר שיקן געזונטע, גוטע קרעפטן — האָט שמעון גערעדט מיטן גאַנצן ברען. — אין מחסן–בגדים איז נאָך ווייט ניט אין אָרדענונג. ווער ס׳באַקומט זאַכן פון דער היים, דער האָט וואָס אָנצוטאָן. ווער ס׳האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו קריגן פון דער היים קיין זאַכן, אָדער האָט קיין היים ניט, דער ליידט. האָסט געהערט די הומאָרעסקע וואָס פנחס האָט פאָרגעלייענט. וויפל זיצונגען ס׳איז געווען וועגן קויפן אַ פאַרטעך צו דער אַרבעט. מירן נאָך קויפן אויך אַנטוּעכץ. זעסט ווי שיין די קיך איז איינגעאָרדענט. מיר עסן שוין פון פאַרצעלייענע טעלערס, ניט פון ליימענע, ווי מיר האָב פריִער געגעסן. ווען מ׳האָט געקויפט אַ טאָפּ צום קאָכן, האָט מען אָפּגעטאַנצט אַ האָראַ. ווען איז אַ

יידיש באלעבאַטיש מיידל געגאַנגען אַרבעטן פּשוטע אַרבעט? זי איז אויס־געגאַנגען פון הונגער און ניט געטאָן קיין פּשוטע אַרבעט. זיך געשעמט. אַלע אַרבעטן זענען גלייך. אַ חרפּה צו זיין אַ פּאַראַזיט. מיידלעך, וואָס האָבן געענדיקט גימנאַזיע, אַרבעטן אַלע ביי פּשוטע אַרבעטן. ווער ס׳האָט אַ פאַך איז בעסער, ווייל זי האָט די שוץ פון קיבוץ.

— נו, נו שמעון, זיי ניט קיין אוטאָפּיסט, קיין ראָמאַנטיקער. דו ווייסט ניט ווי די בחורות, די וואָס גייען וואַשן וועש אָדער צו אַנדערע שטוביקע אַרבעט ווייַנען מיט ביטערע טרערן. זיי זענען נאָך ניט צוגעוווינט צו שווע־רער אַרבעט. ניט ווייל זיי שעמען זיך. יעדער אַרבעטער האָט אויסצושטיין פון זיינע אַרבעטגעבערס. מ׳נוצט שטאַרק אויס דעם אַרבעטער. דער אַרבע־טער־קלאַס האָט נאָך פיל צו טאָן. שולדיק איז די אָרדענונג, וואָס דער אַרבעטער ווערט ניט אָפּגעשאַצט לויט זיין שאַפן און בויען.

— די שטוביקע אַרבעט ביי פרעמדע דערנידעריקט, ווייל מ׳האָט צו טאָן מיט מאַדאַמען.

דינה איז אַרויס פון עסצימער. זי האָט געוואָלט צוגיין צו איר בעטל, וואָס איז ניט ווייט פון אסתרס בעט. באַמערקנדיק, אַז שמעון שטייט מיט אסתרן, האָט זי ניט געוואָלט זיי שטערן און איז אַוועק גלייך אין לייענזאַל. אויפן וועג האָט זי אָנגעטראָפן שלמהן. ער האָט זי איינגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר אין גאָרטן אויפן הויף. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט דינהן. ער איז פון ווילנער געגנט, ער האָט אויך געלערנט אין ווילנע. האָבן זיי געפונען אַ בשותּפותדיקע שפּראַך. לעצטנס האָט זי באַמערקט, ווי ער געוווינט זיך צו איר צו. זי האָט ניט געלייגט קיין אַכט דערויף. דער שטאַרקער ווילן אירער זיך גייסטיק צו אַנטוויקלען און זיין פריי, האָט איר דיקטירט זיך מיט קיינעם ניט צו פאַרבינדן דאָ אין פּוילן. און שלמה האָט באַשלאָסן צו האָבן מיט איר אַן ערנסטן שמועס. שוין עטלעכע מאָל האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו שפּאַצירן מיט אים. דאָס מאָל האָט זי שוין מסכּים געווען מיט אים זיך דורכצוגיין. גייענדיק אויף די טרעפּ, האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך. זי האָט אים אָפּגעשטויסן און גלייך פאַרלוירן דעם צוטרוי צו זיינע געפילן. אין גאָר־טן האָבן געשמעקט די נאַרציסן. אַרום איז געווען שטיל. די בענק — צווישן גרינס. שלמה, ווי ער וואָלט קיין צייט ניט האָבן, האָט גלייך אָנגעהויבן:

— דינה, דו ווייסט ניט, אָדער דו ווילסט ניט וויסן, ווי שטאַרק איך טראַכט וועגן דיר. כ׳האָב דיך אַזוי ליב, אַז איך קאָן זיך ניט באַהערשן — האָט ער שטיל און מיט געפיל גערעדט.

זי האָט געשוויגן.

— טראַכסטו וועגן אַנדערע ? האָסט שוין אפשר אַ חבר ? ביי מיר אין שטעטל האָבן מיידלעך געזוכט צו רעדן מיט מיר. איך בין פון אַ רייכער היים. קולבאַק איז געווען מיין לערער אין רעאַל־גימנאַזיע, ער האָט מיך שטאַרק גערימט.

דינה איז געזעסן אַ קאַלטע. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי לייענט אַ ראָמאַן. ער האָט זיך פאַרשעמט, געבליבן שטיל. געוואָלט אויף איר מאַכן אַ גוטן איינדרוק, נאָר ס׳האָט זיך באַקומען אַנדערש ווי ער האָט געוואָלט. „זי איז אַן בלוטן. און דערצו אַ צוריקגעשטאַנענע" האָט ער געטראַכט. „זי פירט זיך אויף ווי אַ מאַנאַשקע".

נאָך אַ לאַנגן שטילשוויגן האָט ער געפרעגט :

— דינה, זאָג עפעס, פאַר וואָס שוויגסטו ? דו ביסט גלייכגילטיק צו מיינע געפילן ?

— וואָס זאָל איך דיר ענטפערן ? פאַר מיין אַוועקפאָרן פון ווילנע האָב איך געהאַט עטלעכע פאַרשלאָגן, איך זאָל ניט פאָרן, נאָר חתונה האָבן און מ׳וועט מיר דערמעגלעכן צו שטודירן. און איך האָב דעמאָלט געזאָגט, און זאָג היינט : איך טראַכט ניט פון תכלית ; איך וויל זיך ניט פאַרבינדן מיט קיינעם ; און ליבע גייט אַוועק. וועסט געפינען אין אַזאַ גרויסן קיבוץ אַ בעסערע פון מיר.

— מיט דיר וואָלט איך וועלן זיך פאַרבינדן, אפילו אַ חופה שטעלן, ווען דו ווילסט. נאָר מיט דיר.

— דאָ איז ניטאָ קיין באַדינגונגען פאַר אַ משפחה־לעבן.

— דאָך זענען דאָ פיל פאָרלעך.

— און איך טראַכט ניט דערפון.

— פאַר וואָס זאָל מען דערשטיקן די געפילן ? ביז מ׳וועט נאָך אַ מאָל קומען אין לאַנד, דערווייל לויפט די צייט.

— זאָל זי לויפן. איך וויל זיין פריי ווי אַ פויגל אין וואַלד !

זי האָט זיך דערמאָנט אין צוויי יונגע בחורות, וועלכע וואַלגערן זיך אין בעטל מיט זייערע געליבטע. ווי זיי זעען אויס! פו! זי האָט זיך געזעגנט מיט שלמהן און אַרויף אויפן פערטן שטאָק. דאָרט האָט זי געלערנט עברית אין אַ קרייז פון פערציק חברים. די חברים מיט די העפטן און בלייפעדערס אין די הענט האָבן זיך געאײַלט צום קעמערל, אייניקע זענען געווען זייער מיד פון דער אַרבעט. אַנדערע איז סתם ניט געקראָכן דער עברית אין קאָפּ. אָבער דער מרכז, די צענטראַלע, האָט באַשלאָסן ניט צו באַשטעטיקן קיין עולה אַן דער קענטעניש פון עברית. האָבן חברים געמוזט זיך מאַטערן.

שלמה איז אַראָפּ אין מושב-זקנים (דער שלאָפצימער איז אויפן ערשטן שטאָק, דערפאַר האָט מען אים גערופן מושב-זקנים) זיך אַוועקלייגן אויף זיין בעטל. ער האָט ניט געהאַט קיין מוט צו גיין עסן. ער איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. ער איז געווען באַליידיקט, ער, וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ביי זיך אין שטעטל. און דאָ לאַכט זי זיך אויס פון אים. זי גלייבט אים ניט. מ׳דאַרף פשוט וויסן ווי אַזוי מיט איר צו רעדן. און אפשר האָט זי ליב אַ צווייטן?

.15

ווי אַ טונקעלער שלייער, האָט אַ וואָלקן פאַרצויגן דעם גראָען הימל. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז יעדע מינוט פאַלט אַראָפּ אַ מבול-רעגן און פאַרפלייצט דעם אַרום. פאַר טאָג האָט אויסגעזען ווי אין דער שפעטער נאַכט. דער דיזשורנע-תורן, מיט די גרויסע ברילן אויף די טונקעלע אויגן, האָט גענומען דעם לאַנגן בויגן פּאַפּיר, סידור-עבודה, און איז געגאַנגען וועקן די חברים צו דער אַרבעט. אויפן הויף האָט שפּאַצירט דער נאַכט וועכטער, אַנגעטאָן אין אַ לאַנגן מאַנטל, אַרומגעגאַרטלט. ער האָט געוואַרט חברה זאָלן אויפשטיין, וועט ער קאָנען גיין שלאָפן. פון די אַרומיקע פאַבריקן האָט זיך שוין געזען ליכט. די הינט זענען אַרויס פון די בודעס, נאָכגעקוקט שטיל די חברים וועלכע זענען אַראָפּגעקומען.

אסתר האָט געפרעגט דעם תורן, ווי שפעט ס׳איז. געהערט, אַז דער זייגער איז פינף, האָט זי צוריק איינגענאַרעט דעם קאָפּ אין קישן. אַנדערע האָבן זיך געוואונדערט וואָס ער וועקט אַזוי פרי.

— ס'איז ניט פרי, ס'איז פינף. שטייט אויף חברה.

פיל חברים זענען שוין געשטאַנען אין עסצימער, שטייענדיק געטרונקען די וואַרעמע ציקאָריע, גענומען דאָס פּעקל עסן און געגאַנגען צו דער אַרבעט. ווען דער שטאָטזייגער האָט אויסגעקלונגען זעקס, איז דער שניי־דער־וואַרשטאַט שוין געווען אָפן און די אַרבעטער זענען שנעל אַריין, פאַר־נעמענדיק זייערע ערטער ביי די ניי־מאַשינען. דער עלעקטרישער מאָטאָר האָט געיאָגט און די הענט האָבן נאָכגעיאָגט. קעפ געבויגן איבער פאַרביקע בלוזעס, גראָע און גראַנאַט, אָדער איבער טונקעלע אַרבעטס־הויזן.

ביי דער מזרח־וואַנט, ביי אַ לאַנגן טיש, זיצן די חברים וואָס זענען געווען ניט געזונט און דאַרפן נאָך ניט אַרבעטן ביי זייער אַרבעט. דערווייל רייסן זיי אָפּ די פעדעם וואָס בלייבן נאָכן נייען די קנעפּלעך און לעכלעך. דאָ אַרבעטן אויך שוואַכע חברים, וועלכע זענען ניט פעיִק צו שווערע אַרבעטן.

מיט שמעונס זעצן זיך צום טיש האָבן חברים זיך דערפרייט.

— וואָס איז מיט דיר געשען? — האָט יפה „מה נשמע" געפרעגט. מ'האָט זי גערופן „מה נשמע" ווייל ווען זי האָט געטראָפן האָט זי גע־פרעגט: „מה נשמע", וואָס הערט מען?

— ניט געפערלעך. אַ צוויי טעג דאַרף איך ניט אַרבעטן, האָב איך זיך געמאָלדן צו אייך אין בראַנזשע. נו, חברה, וואָס טוט מען דאָ? זאָגט שנעלער! — האָט שמעון געשמייכלט און גענומען אַ בלוזע אין האַנט.

— די פעדעם, וואָס בלייבן נאָכן נייען די קנעפּלעך, רייס אָפּ. אַזוי וועסטו ווערן אַ צופּער, — האָט גרשון אים געלערנט. גרשון האָט ברייט געשמייכלט, זיין בלייך פּנים איז געוואָרן פולער. שמעון האָט געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט און זיך געוויצלט:

— ס'איז אַן אַרבעט פאַר מיידלעך. ווו נעמט מען אַ שערל?

— אַ, חבר, דו ווילסט אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן? — האָט חיה גע־לאַכט. גלייך איז צוגעקומען דער מנהל המתפרה, מענדל. די פּאַסמע האָר, ווייס ווי פלאַקס, אַראָפּגעוואָרפן אויפן שמאָלן שטערן. מיט בלאָע שמייכל־דיקע אויגן געקוקט צו די חברים:

— חברה, שטילער. איר ווילט איבערשרייען די מאַשינען?

— פונקט ווי אַ פּרעמדער אַרבעטס־געבער, — האָט יפה אַ באַליידיקטע באַמערקט — און זיך פאַרהוסט. מענדל האָט געקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון נייוואַרשטאַט, ענערגיש געמאַכט אַלץ אין אָרדענונג און געבראַכט נאָך הויזן מיט בלוזעס פאַרן טיש צופערס, אויסצוענדיקן.

— קאַלט איז דיר, שמעון, אַז דו אַרבעסט שוין דאָ ? — האָט זעלדע די שניידערין, וואָס אַרבעט ביי דער מאַשין, פאַרבייגייענדיק געלאַכט.

— איך רוף צו אייך ד״ר פּיק — האָט סעגאַל וואָס זיצט ביי דער מאַשין זיך געוויצלט.

חיה איז אים ניט געבליבן שולדיק :

— וואָס גרויסטו זיך אַזוי, מייסטער ? אַן אויסענדיקן די סחורה, קאָן מען זי ניט אָוועקשיקן.

— שאַטס, חברה, שטילער, דאָס איז אויך אַן אַרבעט — האָט טובה באַרויִקט דעם עולם — אירע גרינע אויגן האָבן אויסגעזען נאָך גרינער און די זומער־שפּרענקעלעך אויפן פּנים — טונקעלער. זי האָט פאָרגעשלאָגן :

— חברים, לאָמיר גיין אין געוועט. אַנדערש קען מען דאָ איינשלאָפן.

— בסדר, ווער וועט ציילן ? — האָט שמעון מסכּים געווען.

— זיצן אַכט שעה ביי דער אַרבעט ווערט מען אויך גענוג מיד — האָט יפה געזאָגט מיט כּעס.

דער פּרעסער איז צוגעקומען און געמאָלדן :

— חברים, איר רייסט אָפּ די קנעפּלעך מיט די פעדעם. פאָדערט שער־לעך. די אַרבעט איז ניט ריין.

— אַז מ׳גיט אייך ניט קיין שערלעך, ווי איר זאָגט, פאַרשטרייקט מען — האָט שלמה זיי געעצהט.

שמעון האָט געבראַכט אַ בויגן פּאַפּיר אָנגעשריבן מיט אַ רויטן בלייער :

„מיר לייגן די אַרבעט ביז מירן באַקומען שערלעך״.

מענדל, דער מנהל, דערזען ווי זיי זיצן אַלע מיט פאַרלייגטע הענט, האָט ער איבערגעלייענט די מעלדונג, זיך פונאַנדערגעלאַכט און געשיקט ברענגען שערלעך. גלייך איז ער נאָך אַ מאָל צוגעקומען מיט דעם באַרג שערלעך, זאָגנדיק :

— חברה, שנעל, נעמט אייך צו דער אַרבעט. מ׳דאַרף אָפּשיקן די

סחורה!

מענדל איז אַ ווילער יאַט, אַ פּעיִקער בחור, טראָגט אַריין אַ גרויסע הכנסה אין משק — האָבן חברים גערעדט.

— וויפל איז דער זייגער? — האָט יפה געפרעגט.

— האָסט גאָרניט קיין באַציִונג — האָט טובה געשפּאָסט. מיר רימען אים צו פיל, מענדלען. ער האָט ליב די גוטע אַרבעטער.

— האָסט אַ טעות, ער אַליין איז אויך ניט קיין געזונטער און באַציט זיך צו שוואַכע אויך גוט.

— ער איז אַ געטרייער חבר, — האָט שמעון אים פאַרטיידיקט.

— אַט זיצט מיט אונדז אַ גרויסער פּאַכמאַן, יחיאל. ער שווייגט די גאַנצע צייט. אים פּאַסט ניט מיט אונדז צו רעדן — האָט יפה געזאָגט מיט קנאה.

— וואָס מיינט איר, ווען איך פאַרשטעך מיר ניט דעם פינגער זיץ איך מיט אייך? — האָט יחיאל געענטפערט. — אויף דער מאַשין איז פיל אינ־טערעסאַנטער.

— אַ פלייסיקער חלוץ. הגם ער האָט אַ וואָך מחלה, קאָן ער זיך ניט אַרומדרייען פּוסט און פּאַס, מוז אַרבעטן — האָט טובה אים גערימט.

— ליג שוין איינגעלייגט — האָט יחיאל געלאַכט.

פרידע מיט בערנאַרדן זענען אַראָפּגעקומען, פאַרבייגעגאַנגען דעם טיש, און געשמייכלט. זיי זענען אַריין אין ביוראָ, געשמועסט מיט מענדלען.

— איר זעט ווי עלעגאַנט זי גייט אָנגעטאָן? אין זאַמשענע שיכלעך, זיידענע זאָקן — און אויף אונדז זאָגט זי אַז מיר ווילן זיך פּוצן. כאָטש מיר טראָגן אַלטע שיך, — האָט יפה גערעדט מיט כעס, שניידנדיק דערביי שנעל די פעדעם.

— זי איז זייער אַ פּעיִקע. איינגעאָרדנט דעם קיבוץ, אַ מוסטער פאַרן גאַנצן לאַנד — האָט זי שמעון גערימט.

.16

יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט ווערט ליכטיק אין די פענצטער. חברים קערן זיך אום פון דער אַרבעט. אין די שלאָפצימערן ווערט רוישיק. ווי אין

א בינשטאָק. אַלץ איילט זיך. אומעטום איז אַ תור: ביים וואַשן זיך; אַנדערע גייען ברענגען ריינע זאַכן; אַ טייל טוט זיך איבער. אסתר קוקט זיך איין אין די טויבן, וועלכע שטייען אויפן דאַך און פּיקן. זי נעמט דאָס גראַנאַט־רעקל, גייט אַוועק אין מחסן עס אַ פּרעס טאָן. די גאַנצע צייט טראַכט זי פון שמעונען. אויף די טרעפּ האָט עמעץ זי אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט. זי הייבט אויף די אויגן — ס'איז שמעון! אַ פּאַררויטלטע, שמייכלט זי צופרידן. זיי האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט, זיך קעגנזייטיק צוגעדריקט. און זי איז אַוועק איר וועג.

— דו קומסט באַלד צוריק? איך וואַרט.

— אין אַ צען מינוט.

אסתר איז אַרויף אין גרויסן, ברייטן צימער, אין וועלכן פּאַליצעס מיט נומערירטע קעסטלעך האָבן פאַרשטעלט די ווענט. יעדער חבר האָט זיין קעסטל מיט נומערירטע וועש און אָנטאָן. די ניי־מאַשינען זענען שוין גע־ווען איבערגעדעקט. דער אָנפירער פון מחסן וויל אויך שוין ענדיקן די אַרבעט, חברים פרעגן:

— ווען וועט קומען מיין ריי אויף אַ פּאָר הויזן?

— דעם צווייטן מאָנאַט — האָט אים נחמן באַרויקט.

יחיאל איז אַראָפּ פון מחסן ניט קיין צופרידענער. טענהן אַ סך האָט ער מורא געהאַט. דער מאַגאַזינער קאָן נאָך אויף דער פאַרזאַמלונג, דער־ציילן, אַז יחיאל האָט זיך געקריגט. האָט ער באַשלאָסן בעטן פון דער היים אים שיקן אָנטועכץ. ווייל פון „צווייטן מאָנאַט", קען ווערן דריי אָדער פיר מאָנאַט. ער וויל ניט גיין אין גאַס אין אַלטע הויזן. אַ בריוומאַרקע באַקומט מען איינע אַ חודש. די געהילפין פונעם מאַגאַזינער, אַ הויכע, אַ מאַגערע, מיט גרויסע העלע אויגן, די העלע האָר שטענדיק צעוואָרפן, איז שטענדיק ערנסט. זי איז שטאַרק פאַרטאָן, שטענדיק מיינט זי, אַז חברים זענען אויף איר אין כעס. און דער מאַגאַזינער לאַכט:

— אַזאַ „ספּאָרט" ווי הכשרה איז גוט אויף עטלעכע מאָנאַט, ניט אויף יאָרן. מ'דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן אויסצוהאַלטן. חברים באַקלאָגן זיך אויף מיר אַז איך גיב ניט קיין אָנטאָן. ווו זאָל איך נעמען? כ'בין אין כעס, מיינען זיי. איך קאָן ניט זיין קיין אַרטיסט, שמייכלען קינסטלעך. ס'שמייכלט

זיך ניט. אין בין ניט צופרידן. זאָלן אַלע וויסן, וועט מען מיך ניט באַשטע־טיקן צו עליה, קער איך זיך אום אין שטאָט.

נאָר די גרויסע אַרבעטלאָזיקייט ביי שניידעריי און די אָפּטע לאַנגע שטרייקן, האַלטן אים אָפּ פון דעם. ווען ער דערמאָנט זיך אין דער לאַגע, ווערט אים די אַרבעט דאָ לייכטער. ער האָט געגעבן אַ רייב דעם געקניי־טשטן שטערן, ווי וועלנדיק פאַרטרייבן די געדאַנקען און געזאָגט:

— נו, חברה, שלום! איך מוז שוין ענדיקן מיין אַרבעטסטאָג.

— וואָס טומלט זיך אַזוי אונטן? — האָט זיך געחידושט יצחק, דער מזכירות־מיטגליד. ער האָט אויפגעהאַנגען אויפן וואַנט אין עס צימער אַ נייעם טאָגבוך, דאָס הייסט אַ וואַנט־צייטונג מיט די נייעס פון קיבוץ. אַ גרויסע צאָל חברים זענען געקומען מיט יצחק ב׳, וועלכער דאַרף מאָרגן גיין אין מיליטער. יצחק ב׳, אַ בלאָסער, מיט אַ לענגלעך פּנים, מיט אַן אומעטיקן בליק אין די גרינלעכע אויגן, קראַצט זיך נערוועז אין קאָפּ:

— ס׳ווילט זיך ניט עסן זייערע קעסט. אַ שאָד פון אייך אַוועקצוגיין. דאָ איז אַזוי פריילעך, אָן זאָרג, אָן צרות.

— העי, איטשע, זאָרג ניט. דאָרט איז אויך אַ קאָלעקטיוו, — האָט גאָרין זיך געוויצלט און ס׳האָבן זיך אַרויסגעוויזן זיינע געלע ציין.

— פאַשיסטן, — האָט יצחק ב׳ צווישן די ציין אַרויסגעזאָגט, אַראָפּ־לאָזנדיק די אויגן.

— פון דעסטוועגן איז אַ חלוץ לייכטער צו דינען ווי אַ בחור פון אַ וואַרעמער היים, — האָט אים זעליג געמונטערט.

— פּשוט, איך האָס זיי, די אַנטיסעמיטן, און דאַרף נאָך דינען ביי זיי.

ער האָט אַלעמען אַרומגענומען מיט זיין בליק, ווי ער וואָלט געזעגנט די חברים אויף יאָרן.

— איטשע, ווען דו וועסט קומען מיט צוויי יאָר שפּעטער, וועסטו אונדז אַלע נאָך טרעפן אין קיבוץ באַראַכאָוו אויף לעשנע 41. האָט געצל שמיי־כלענדיק גערעדט צו אים.

— וועסט דאָרט אויך מאַכן אַ לעבן. וועסט באַקומען געפּרעסטע הויזן,

— האָט ציזשעווסקי אים געטרייסט.

— קאָלט וועט אים זיין, — האָט ריטער, דער הויכער, ברייטער, מיט

טונקל־געדיכטע ברעמען גערעדט, האַלטנדיק די הענט איןביידע קעשענעס. אַנדערע האָבן געשוויגן. שטיל באַדויערט, וואָס אַ סך חברים דאַרפֿן גיין אין מיליטער.

— אַ גוטער יאָט, איטשע, האָט דאָס שיקסל געזאָגט צו ריטערן. — קיין גרויסע באַציִונג צו אַרבעט האָט ער ניט, — האָט זי שטיל אַ ווונק געטאָן.

— חברה, וואָס באַווייינט איר אים? — האָט געצל געפרעגט מיט אַ דיקער שטים און צוויי גריבלעך האָבן זיך איינגעגראָבן אין די רונדע באַקן.
— מ׳דאַרף זיך ניט שרעקן פֿאַרן דינען. „דאַלעווקעס״ וועט מען דאָרט זיכער באַקומען און מיט עברית וועט מען אים ניט מאַטערן.
— דריי יאָר זיצן אין ערשטן קלאַס וועט ער ניט — האָט אריה, דער ביבליאָטעקאַר מיטן פֿליך אויפֿן קאָפּ געלאַכט.
— ביז מ׳וועט מיר באַשטעטיקן די עליה, וועל איך זיך מיט דיר אויסגלייכן אין עברית, — האָט געצל פֿאַרשטאַנען זיין פֿאַרוואורף. — דו קאָנסט מיך פֿאַרגלייכן מיט אַנדערע? איך אַרבעט שווער ווי אַ פֿרדה, קריכט מיר דער עברית אין קאָפּ? קוק סאַראַ מוסקלען! — האָט געצל אויסגעשטרעקט די הענט נאָענט צו זיין נאָז, אַז יענער האָט זיך דערשראָקן און זיך אָפּגערוקט.

17.

דער שוואַרצער געקרויזטער הונט איז שוין אַרויס פֿון זיין בודע. די אויערן אויפֿגעשטעלט, קוקט ער אָן יעדן חבר, וועלכער גייט פֿאַרביי דעם הויף. אין אַ זייט ליגט אַ באַרג מיט ברעטער. אויף די ברעטער זיצן חברים. אייניקע זיצן אויף די בענק און לייענען אַ צייטונג. אַנדערע קוקן זיך איין אין גרויסן, ברייטן הויף פֿון די קאַשאַרן, ווו די זעלנערס ווערן געיאָגט ווי צעטומלטע. עליזה זיצט מיט איר חבר, זיי לייענען „קרקע בתולה״ פֿון שאָ־לאָכאָוו. עליזה, אַ שיין מיידל, קורץ געשוירן, מיט אַ גלייכער חנעוודיקער נאָז — אַ הויכע, שיינע פֿיגור, אָוואַלע, דינע באַקן אָוואַלע, שמאַלע ליפּן. זי שמייכלט שטענדיק. זי רעדט מיט אַ שטילער, אָנגענעמער שטים. שטענ־דיק פֿריינדלעך. זי אַרבעט ניט קיין פֿיזישע אַרבעט. זי פֿירט אָן מיט אַ

יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין שטאָט. איר חבר, מאַניע, העלפט איר זיך אַנטוויק־לען. ביים לייענען דיסקוטירן זיי פון צייט צו צייט.

דינה האַלט אַ ביכל אין האַנט און זוכט ווו זיך צו זעצן. זי איז ערנסט, דער שטערן געקנייטשט. הייגט איז דער רוטאָג, יום מנוחה, דאַרף מען אים גוט אויסנוצן.

אויף אַ באַנק, ניט ווייט פון טויער, האָט אַ חבר זיך געוואַרעמט אויף דער זון. זי האָט געפונען אַ באַנק, זיך צוגעזעצט. פּנחס איז אָנגעקומען, גערעדט, דערציילט די לעצטע נייעס: צוויי חברים האָבן פאַרריסן, דאָס הייסט פאַרלאָזט דעם קיבוץ.

— ס׳איז ניט קיין ווונדער: ס׳איז ניטאָ קיין סערטיפיקאַטן, האָבן זיי ניט קיין געדולד, — האָט דינה באַמערקט.

— אידיאָטן, — האָט זלמן אויסגערופן.

— דאָך זענען זיי געווען גוטע יאַטן. אַ שאָד וואָס מירן זיי ניט איבער־צייגט, — האָט דינה באַדויערט.

ראובן האָט געווישט דעם שטערן מיט דער מאַזאַליעקער האַנט און באַמערקט ווי צו זיך אין בוזעם: הלוואי וואָלטן זיי געווען די לעצטע וואָס פאַרלאָזן. חברים האָבן אויפגעזונגען: „אנו עולים ארצה״.

אין צווייטן עק הויף האָבן עטלעכע חברים גערעדט וועגן בירגערקריג אין שפּאַניע. מוסאָליני און היטלער פאַרשטאַרקן דעם פאַשיזם. אין שפּאַניע וועלן די דעמאָקראַטן פאַרשפּילן. דער קלונג האָט צוזאַמענגערופן די חברים אין עסצימער. ניט ווייט פון טאָוול איז געשטאַנען יצחק מיט אַ גרופּע חב־רים. מ׳האָט זיך געטרייסט, אַז סוף־סוף וועלן די אַראַבער מסכים זיין, אַז יידן זאָלן זיך באַזעצן אויף די פּוסטע באָדנס און זיי באַאַרבעטן. זיי וועלן פאַרשטיין, אַז די יידן ברענגען זיי נוצן. זיי וועלן פיל לערנען פון אונדז — און ס׳וועט זיין עליה.

די בענק אין עסצימער זענען שוין אויסגעשטעלט. דער זאַל איז העל באַלויכטן. אַלע עלעקטרישע לאָמפּן זענען אָנגעצונדן. די חברים זענען ניי־געריק צו הערן די לעצטע נייעס. ביים לאַנגן טיש אויף דער בימה זיצט פּרידע, די שליחה פון ארץ און אַלע חברים פון דער מזכירות. יצחק האָט געבעטן אַלע חברים זאָלן זיך זעצן און ניט שטיין אין די זייטן, אַזוי ווי

אַ טייל חברים האָבן ליב. ער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג. אויפן טאָג־אָרדענונג — די לאַגע אין קיבוץ און דער חודש־סך־הכל פון בודזשעט. ער האָט איבערגעגעבן דאָס וואָרט פרידען. זי האָט געמאָלדן אַז די מזכירות לייגט פאָר אויסצושליסן פון קיבוץ דריי חברים: פּייוולען, וועלכער האָט אייגן געלט און לעבט זיך אויס פּריוואַט אין שטאָט. ער איז אין קיבוץ און עסט אין שטאָט. זאַיאַנצן, וואָס האָט ניט קיין באַציִונג צו אַרבעט. ער דרייט זיך אַרויס פון אַרבעט מיט פאַרשידענע תירוצים. ער טענהט, אַז ער איז קראַנק און דאָקטאָר פיק זאָגט אַז ער איז געזונט, און אַרבעטספעיִק. ער וויל לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע. און יפהן, ווייל זי קאָן זיך ניט צוזאַמענלעבן מיט די חברים. קריגט זיך אַרום, זי האָט געזידלט דעם דאָקטאָר פון קיבוץ. זי האָט ניט קיין צוטרוי צו אים, זי האָט אים פאַרגעוואָפן, אַז ער איז ניט קיין חבר פון קיבוץ.

— ער אַרבעט פאַר געלט, — האָט גאָרין באַמערקט. — חברים דאַרפן זיך אַרויסזאָגן.

פרידע האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַבסערווירט דעם אַרום. בערנאַרד איז געזעסן רויִק, דעם קאָפּ אַנגעשפּאַרט אין דער רעכטער האַנט. יצחק איז געווען נערוועז, פון מאָל צו מאָל ווי אונטערגעשפּרונגען פון אָרט. אַז חברים האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרשרייבן צום וואָרט, איז ער פרייליכער געוואָרן. חברות האָבן זיך געשעמט צו רעדן פאַר אַזאַ גרויסן עולם. אַ טייל איז געווען גלייכגילטיק, אַנדערע האָבן געטראַכט: די מזכירות טרייבט איבער. זאַיאַנץ האָט געטראַכט: „זיי קענען מיר רעדן צום דאַשעק. איך וועל ניט זיין קיין טרעגער, אפילו אין קיבוץ".

פּייוול האָט זיך געערגערט. פאַר וואָס ער האָט פריִער ניט פאַרלאָזט דעם קיבוץ, פאַר דער פאַרזאַמלונג. ער קאָן ניט עקסיסטירן פון אַזאַ אָרעמער דערנערונג. „און אַז איך וועל פאַלן פון די כוחות וועט בעסער זיין? וואָס בין איך אַ יִינגל? כ'בין שוין אַלט 29 יאָר".

— חברים, שקט! גאָרין האָט דאָס וואָרט.

— אַט קומט שוין אונדזער פאַרטיידיקער — האָבן חברים באַמערקט. און גאָרין אַ צעשמייכלטער האָט גערעדט אין אַ קאָנגרעס־יִידיש:

— חברים, ס'ריכטיק, אַז מיר לעבן אין אַ קאָלעקטיוו. אָבער מיר לעבן

אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און מיר האָבן אַ סך שוואַכקייטן. מ׳דאַרף די חברים ניט אויסשליסן. געבן אַ פאַרוואורף אויף אַזאַ גרויסער פאַרזאַמלונג איז גענוג. אפשר פאַרשטייט ער ניט, אַז ער ברענגט עמעצן שלעכטס דערמיט וואָס ער עסט אין גאַס אַ גוטן מאַלצייט.

חברים האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט. ס׳איז געוואָרן אַ טומל.

— מיר דאַרפן ניט פאַרשטויסן חברים — האָט גאָרין פאַרגעזעצט — מיר דאַרפן דערציִען צום נייעם לעבן. מיר דאַרפן זיי דערמעגלעכן זיך צו־געוויינען צו די שווערע באַדינגונגען. — ער האָט געענדיקט און זיך אַוועק־געזעצט, קוקנדיק צו דער מזכירות. געוואָלט וויסן, צי זיינע רייד האָבן געווירקט אויף זיי.

דינה האָט גענומען דאָס וואָרט. חברים זענען געווען נייגעריק, זיי האָבן געוואָלט הערן וואָס זי וועט זאָגן. זיי האָבן זי גערופן רביצין, ווייל זי האָט געלערנט עברית. זי איז געשטאַנען אין אַ זייט פון טיש.

— אַס אַזוי נענטער צו די מאַסן — האָט ריטער זיך געוויצלט. זי האָט גערעדט מיט געפיל, אַקצענטירט יעדן זאַץ, אַרויפגעצויגן די ברעמען, און די ווייסע ציין האָבן זיך געזען.

— איך טראַכט, אַז וועגן פּיוולען דאַרפן מיר ניט פיל דיסקוטירן. מיר דאַרפן אים באַזייטיקן. מיר דאַרפן אים רעקאָמענדירן, מען זאָל אים אָפּ־נעמען אין דער אָרגאַניזאַציע „העובד״, ווו מ׳קאָן עולה זיין אָן הכשרה. זאַיאַנץ האָט אַליין קריטיקירט די חברים, וועלכע ווילן ניט אַרבעטן, יעדן קראַנקן האָט ער חושד געווען. פּאַליטישע קרענק האָט ער דאָס אָנגערופן. אים דאַרף מען אויסשליסן.

אַ סך חברים האָבן זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע. אייניקע האָבן פאַרטיידיקט, געווען קעגן אויסשליסן, אַנדערע זענען געווען פאַר. אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט. מ׳האָט אָפּגעשטימט. מיט אַ קליינער מערהייט האָט מען די דריי חברים אויסגעשלאָסן. נאָך דער פאַרזאַמלונג איז נאָך געווען טומלדיק. אין שלאָפצימער פון די בחורות איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. אַ בעט האָט זיך צעבראָכן. מ׳האָט גערופן דעם בעל־משק, דעם ווירטשאַפט־אָנפירער, און ער האָט דאָס בעט פאַרריכט. אין די שלאָפצימערן פון די בחורים האָט מען דיסקוטירט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

18.

אין לייענזאַל זענען ביידע פענצטער אָפן. די לופט ווי פאַרגליווערט. פון דרויסן פילט זיך סאַזשע און רויך פון די פאַבריקן. חברים זיצן ביים גרויסן פאַלירטן טיש. איינער זוכט אַ צייטונג צו לייענען, אַ צווייטער שרייבט אַ בריוו. סימע האַלט דעם שפּיץ פעדער אין מויל, פאַרטראַכט איבער די טינטערס וואָס שטעקן אין טיש, ווי זי וואָלט זיי געזען צום ערשטן מאָל. די גרויסע שוואַרצע ברילן נעמט זי אַראָפּ, ווישט זיי אויס, טוט זיי אָן צוריק. זי שרייבט צו איר חבר, וועלכער איז שוין אין ארץ.

אריה שרייבט שנעל. ער באַוועגט זיין פעדער זייער שנעל איבער דעם בויגן פּאַפּיר, ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז אַ געניאַלער געדאַנק וועט אים אַנטלויפן. דער ביבליאָטעקאַר מיטן פליך אויפן רונדן קאָפּ, שטייט ביי דער ביכער־שראַנק, זוכט אויס די ביכער וועלכע מ׳דאַרף איינבינדן. ער שמייכלט צו זיך אַ צופרידענער, שוין איינגעשאַפן אַ סך וויכטיקע ביכער. ער הענגט אויף אויפן וואַנט די ארץ־ישראל־מאַפּע און ווערט צוריק ערנסט, טראַכטנדיק: „ווער וויסט, ווען מ׳וועט שוין קאָנען דאָרט זיין. מ׳הערט גאָרניט פון קיין ענדערונג. און אין פוילן איז ניטאָ קיין צוקונפט פאַר דער ייִדישער יוגנט״.

מיט אַ מאָל האָט זיך געעפנט די טיר און יצחק איז אַריין אַ פאַרפלאָמ־טער ווי פון פייער און מיט פרייד געמאָלדן: „חברים! אַ שעדיול!״, אַ וואָרף געטאָן דאָס פּעקל צייטונגען אויפן טיש און שנעל אַוועק. געלאָפן אין מזכירות אָנזאָגן די נייעס. חברים כאַפּן לייענען די צייטונגען און זענען ניט צופרידן פון דער קליינער צאָל סערטיפיקאַטן. תיכף ווייסן אַלע וואָר־שטאַטן פון קיבוץ וועגן די לעצטע נייעס. מ׳דיסקוטירט, מ׳רעדט, ווי קאָן ווערן געלייזט די עליה־פראַגע ביי אַזאַ קליינער צאָל סערטיפיקאַטן. אין מזכירות רעדן זיי וועגן ענגלאַנד, פון דער לאַגע אין פוילן, פון דער לאַגע אין די הכשרה—קיבוצים.

פאַר נאַכט. די חברים האָב זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, זיך אָפּגעוואַשן, זיך איבערגעטאָן, אַלע בענק זענען געווען באַזעצט. דאָס שיקסל האָט אָנגעזאָגט: צוויי מרכזניקעס זענען נאָר וואָס געקומען צו פאָרן פון

װאַרשע.

— מיט טעקעס ? — האָבן זיך חברים געװיצלט.

— אװדאי, פולע טעקעס מיט סערטיפיקאַטן — האָט זי געלאַכט.

די חברים האָבן אָנגעהױבן שטראָמען אין עסצימער. אפילו די, װעלכע האָבן ליב זיך אָפּצוזונדערן, זענען הײנט געקומען צו דער פאַרזאַמלונג. מ׳איז געװען נײַגעריק, װער װעט זײַן דער גליקלעכער, און מ׳װעט אים באַשטעטיקן די עליה.

יהודה מיט די גומענע הענטשקעס, צוליב עקזעמע, אױף בײדע הענט, איז געװען אין אַ גלענצנדיקער שטימונג. ער האָט געשאָטן װיצן אױף קבלנות און געטײלט צוקערלעך אין קראַנקן־צימער. די קראַנקע װעלכע האָבן געקאָנט, זענען אױך אַרױפגעקומען צו דער פאַרזאַמלונג. דער די־זשורנע פון הױף האָט געשפּילט מאַנדאָלינע. דעם קלײנעם הינטל מושקאַ האָט מען אָנגעבונדן אַ רױטע לענטע. אײניקע האָבן זיך געװיצלט, אַנדערע זענען געװען נערװעז. מ׳האָט פרי אָפּגעגעסן דעם אָװנטברױט. פּינקטלעך אַכט אַ זײגער האָט זיך אָנגעהױבן די פאַרזאַמלונג. דער פאָרזיצער האָט הײנט ניט געדאַרפט קלאַפּן אין טיש, ניט פאָדערן ס׳זאָל זײַן שטיל.

בערנאַרד האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג, גערעדט שטיל, דאָך האָט מען אים געהערט אין אַלע װינקעלעך פון זאַל. אַלע פּנימער האָבן אױסגעדריקט ערנסטע זאָרג. אַ גרױסע צאָל חברים זיצן שױן פון פיר ביז זעקס יאָר אױף הכשרה און אַלע װילן װאָס שנעלער אָנקומען אין ארץ. דאָס איז דער שטאַרקער װילן פון אַלע. דער חבר פון דער צענטראַלע, ב., האָט גערעדט װעגן דער אחריות פון די װאָס מ׳שיקט בױען דעם קיבוץ אין לאַנד, װײל די קיבוצים בױען די חקלאות אױף קאָלעקטיװע און סאָציאַלע יסודות. יעדער אַרבעט װיפל ער קאָן, און אַלע באַקומען גלײַך. אױף אַלע ערנסטע פּראָנט־פּאָזיציעס שיקט מען די קיבוצניקעס, און זײ װעלן געטרײַ זײַן דער מדינה װאָס װעט קומען. ער האָט אַגיטירט די פאַרזאַמלטע, דורכגעדרונגען מיט זײַן שאַרפן בליק יעדן אײנעם. ער האָט אױך אױפגעקלערט דעם אונטער־שיד צװישן עמיגראַציע און עליה, אַפּעלירט צו די חברים װעלכע מ׳שיקט אין די קיבוצים. די װאָס זענען באמת געװען אידעאַליסטן האָבן זיך געפילט באַלײדיקט, געפילט, אַז ער האָט ניט קײן צוטרױ צו זײ.

יצחק האָט פאָרגעלייגט די פאַרזאַמלונג זאָל אויסקלייבן פיר חברים, מיט וועלכע די מזכירות זאָל זיך באַראָטן ווען צו באַשטעטיקן. דער־ווײַלע האָבן אַלע צוזאַמען געזונגען. אַלע זענען געווען גרייט עולה צו זיין אַט אַזוי ווי מ׳שטייט און גייט, אפילו די וואָס האָבן ניט קיין געלט אויף עליה.

מ׳האָט פאַרגעזעצט די פאַרזאַמלונג. חברים, מער דרייסטע, האָבן זיך געשטעלט נעבן טיש. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט מען אויסגעהערט די קאַנדידאַטן־רשימה. אַלע אויגן זענען געווען געווענדט צום טיש. אפילו די, וואָס זענען געווען ניט לאַנג אויף הכשרה און געווען זיכער, אַז זיי וועט מען היינט ניט באַשטעטיקן.

מיט אַ ציטערדיקער שטימע, מיט געפיל, האָט יצחק געלייענט די נעמען פון די עליה־קאַנדידאַטן, וועלכע די פאַרזאַמלונג שלאָגט פאָר צו באַשטעטיקן. דער פּאַפּיר־בויגן האָט געציטערט אין זיין האַנט. די וועלכע האָבן געהערט זייערע נעמען, זענען געוואָרן איבערראַשט. באַמיט זיך צו האַלטן רויִק, ניט אויסצודריקן זייער פרייד, מיטפילנדיק די אַנטוישטע, וועלכע מ׳האָט ניט גענומען אין באַטראַכט. געווען אַזעלכע, וואָס האָב שנעל פאַר־לאָזט די פאַרזאַמלונג. איינצלנע חברות זענען אַריין אין שלאָפצימער, איינ־געגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און געוויינט.

בלומע, די וואָס אַרבעט אין קיך, האָט אפילו ספּאַזמירט. אסתר איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרקלעמטע, מורא געהאַט אַז שמעון וועט אַוועקפאָרן אָן איר און ער וועט דאַרט ניט וואַרטן אויף איר קומען. זי האָט געפּלאָנט ווי אַזוי צו קאָנען פאָרן צוזאַמען מיט אים.

מענדל איז געשטאַנען רויִק, אָבסערווירט דעם אַרום. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט שטאַרקער. ער האָט שוין פון פריִער געוווּסט, אַז ער איז אַ קאַנדידאַט צום באַשטעטיקן, נאָר ניט געווען זיכער, צי חברים וועלן פאַר אים שטימען. גאָרין האָט גענומען דאָס וואָרט:

— חברים, צאָל ווייס אַז איך האָב די בעסטע מיינונג וועגן אים, דאָך אַרבעט ער לייכט. אַ קאַסירער קאָן נאָך אונטערוואַרטן. ס׳איז וויכטיקער צו באַשטימען שולמיתן. זי האָט אויך אַ גרעסערן סטאַזש, אַרבעט שווער, אַרבעט אין פאַבריק.

פרידען האָט עס פאַרדראָסן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און באַמערקט:

— חברים דאַרפן ניט נעמען אין באַטראַכט וועלכע אַרבעט איז חשו־בער. יעדער חבר וואָס אַרבעט אין דער היים, אָדער אין דרויסן, טוט אַ פּראָדוקטיווע אַרבעט. אויך גזברות איז אַ שווערע אַרבעט.

יפה, אין לאַנגע הויזן מיטן פּאַפּיראָס אין האַנט, האָט מיט כּעס זיך דערנענטערט צום טיש און געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ מוכשר? מיר האָבן שוין געזען די, מיט וועלכע מ׳איז געווען זיכער אַז זיי גייען אין ארץ אין קיבוץ, זענען זיי אַוועק גלייך קיין תל־אביב, און פאַרקערט. מ׳דאַרף סטאַזש! אַזוי דאַרף זיין! גערעכטיקייט! איך בין שוין לאַנג באַשטעטיקט צו עליה, און זיץ דאָ אויף הכשרה. נאָך דעם ווי ס׳ניט געווען גענוג סערטיפיקאַטן, האָט מען גערופן אַלע באַשטעטיקטע צוריק אין קיבוץ. איז פאַר וואָס בין איך היינט ניט באַשטעטיקט? דאָן געווען מוכשר און היינט — ניט? ווי לאַנג דאַרף איך נאָך דאָ זיצן? אפשר טראַכט איר מיך אויסשליסן? — האָט זי איראָניזירט. זי האָט געענדיקט. אַוועק אויף איר אָרט אַ נערוועזע.

יצחק האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט:

— חברים, איר האָט פאַרגעסן, אַז באַלד ביי דער דערעפענונג איז געווען געמאָלדן, אַז ווייניקסטנס פופציק פּראָצענט פון קיבוץ אין לאָדזש דאַרף עולה זיין, אפילו מאָרגן. אָבער אַז מירן באַקומען אין גאַנצן 20 סערטיפיקאַטן? מ׳מוז געבן סערטיפיקאַטן די דייטשישע פּליטים פון היט־לערן. מיר מוזן וואַרטן אויף די קומענדיקע סערטיפיקאַטן, אפשר וועלן מיר קריגן פיל מער.

צאַל איז געווען ברוגז, וואָס חברים האָבן אים ניט באַשטעטיקט. שפּעט ביי נאַכט האָט מען אָפּגעשטימט און די פאַרזאַמלונג איז זיך פונאַנדער־געגאַנגען. אין די שלאָפצימערן האָט מען נאָך לאַנג גערעדט, געטומלט, קריטיקירט די מזכּירות וואָס ניט אַלע קאַנדידאַטן זענען באַרעכטיקט צו ווערן באַשטעטיקט.

כאַצקל האָט זיך געערגערט: „מ׳וויל פון אונדז מאַכן אַ קאַריקאַטור, עקזאַמינירן אין עברית. דער חבר פון מרכז האָט פאַרגעלייגט בחינות״.

טובה איז צוגעקומען צו דינהן און שטיל גערעדט:

— איך קאָן ניט שלאָפן. איך בין ווי משוגע. — האָבן אירע גרינע אויגן געגלאַנצט מיט טרערן.

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם כאַלאַט און אַריין מיט דינהן אין לייענזאַל, דאָרט איז קיינער ניט געווען. זיי זענען געזעסן נאָענט אויפן באַנק נעבן דער וואַנט, ניט אָנגעצונדן קיין לאָמפּ. די רונדע לבנה האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער. טובה האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, מיט ביידע הענט און מיט אַ ציטערדיקן קול גערעדט:

— דינה, דו ווייסט ווי שווער מיר איז? איך בין די וואָך געקומען פון אורלויב, פון דער היים. מ׳האָט מיך דאָרט צעמישט. די מאַמע האָט געוויינט, פאַר וואָס איך פאָר צוריק אין קיבוץ, ווו מ׳דאַרף זיצן יאָרן. כ׳בין אַ גוטע שניידערין. כ׳האָב גוט פאַרדינט, געהאָלפן אין שטוב. דאָ נעמט ניט קיין סוף, ניט קיין עק. יאָשע איז באַשטעטיקט. ער וועט אַוועקפאָרן, און דאָרט וועט ער אויף מיר ניט וואַרטן. ווען קאָן קומען מיין תור? פון מיר האַלט מען ניט. מ׳זוכט „מוכשר״.

— טובה! וואָס איז מיט דיר? דו ביסט יונג! אַלע האָבן גוטע מיינונ־גען וועגן דיר. האָסט אַ גוטן אַרבעטספּלאַץ, דו ווייסט אין מתפרה. ס׳וועט קומען דיין תור, און יאָשע איז אַן ערלעכער בחור. אויב ער פאַרזיכערט דיר אַז ער וועט אויף דיר וואַרטן, וועט ער וואַרטן. ביסט אין גאַנצן אַלט צוואַנציק יאָר. צי ווייסטו, אַז דאָ זענען אויך דאָ דרייסיק יעריקע.

— מיין מאַמע האָט מורא, אַז דאָ וועל איך אָנווערן דעם כּוח מיטן געזונט, ביז איך וועל קומען אין ארץ, וועל איך זיך פּאַסן פאַר אַ מושב־זקנים.

— דו ביסט אַ קינד! וואָס וועסטו טאָן דאָרט אין קליינעם שטעטעלע סאָקול? האָסט ניט קיין גרונט צו זיין פּעסימיסטיש. כ׳פאַרשטיי, דאָס זענען שטימונגען, וועלכע וועלן פאַרבייגיין. פאַר וואָס זאָלסטו זיך אָפּזאָגן פון ארץ? טובה, באַהערש זיך. דאָס לעבן דאָ איז פיל אינטערעסאַנטער ווי דו קלערסט. וואָס דאַרפסטו פאַרזאָרגן, וואָס ס׳וועט זיין. ווער זאָל זיין אַן אידעאַליסט, אויב ניט די יוגנט אַזוי ווי דו און איך? מיר גלייבן אַז ס׳כדאי צו ליידן. די מאַמע וועט זיך אַן עצה געבן אָן דיין הילף. די עטלעכע יאָר וועלן אַוועק שנעל, דו וועסט זיך דאָ אַנטוויקלען און מירן קומען אין ארץ

בויען אַ נײַ לעבן.

דינה האָט זי צוגעדריקט צו זיך און אויף די שפּיץ פינגער זענען זיי געגאַנגען צו זיך אין די בעטלעך. טובה איז געוואָרן רויִקער. די שעה איז געווען שפּעט אין דער נאַכט.

19.

אסתר איז געווען אין קראַנקן־צימער, געוואַשן די מכשירים. זי איז געווען אויפגערעגט. ניט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס שמעון מיידט זי אויס. איר איז ניט געווען באַקוועם אים פרעגן „פאַר וואָס זאָל ער זיין ברוגז? איז עפּעס געשען? אָך געגוג! צו וואָס אינטערעסירט ער מיך אַזוי שטאַרק? אַ גוטע נשמה, אַ טייערער מענטש. ער וועט במילא אַוועקפאָרן אָן דיר. אין ארץ וועט ער ניט וואַרטן אויף דיר. צו וואָס זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ? איך מוז זיך אָפּגעוווינען פון אים. און אפשר האָט ער מיך קיין מאָל ליב ניט געהאַט. ס'קאָן ניט זיין. אפשר האָט ער זיך דערוווּסט אַז איך האָב דער־האַלטן אַ בריוו פון בנימינען? אָך, בנימין! ער האָט זיך אין מיר דערמאָנט".

מיט שטילע, לאַנגזאַמע טריט האָט שמעון זיך דערנענטערט. שוין פון ווייטן האָט זי דערקענט זיין גאַנג. דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט פריילע־כער און שטאַרקער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל, נעבן איר, און דער ערשטער געפרעגט:

— אסתר?

— וואָס איז, שמעון? וואָס איז געשען?

— דו שרייבסט זיך איבער מיט דיין אַמאָליקן חבר?

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט? נאָר איין בריוו באַקומען. כ'האָב אים אפילו ניט געענטפערט.

— דו בענקסט נאָך אים? האָסט פאַר מיר סודות?

— שמעון, דו באַליידיקסט מיך. כ'וועל דיר געבן לייענען דעם בריוו. נו, אויב דו ביסט אייפערזיכטיק, בין איך צופרידן. אייפערזוכט און ליבע זענען ווי אייגענע שוועסטערקינדער.

— זאָג, האָסט אים מער ניט ליב? ווילסט ניט פאָרן צו אים?

— שמעון, דו קענסט מיך פאַר אַ פאַלשע?

— אַנטשולדיק מיר, איך האָב דיך צו פיל ליב.

— און דאַך וועסטו אַליין אַוועקפאָרן.

ער האָט ניט געענטפערט, נאָר געטראַכט: „אַלץ קאָנסטו ביי מיר פועלן, נאָר ניט אָפּלייגן מיין עליה". זי האָט פאַרשטאַנען. אים פריינדלעך אָנגעקוקט, שוין חרטה געהאַט אויף אירע לעצטע פאַרווורפן.

— נו, שוין גענוג!

— איך וויל, אַז דו זאָלסט זיין מיט מיר שטענדיק אויפריכטיק, קיין זאַכן ניט באַהאַלטן פון מיר. איך האָב זייער פיינט, ווען מ'נאַרט מיך. און דו זיי זיכער מיט מיר. איך וועל אויף דיר וואַרטן, ביז דו וועסט קומען צו מיר. ווען איך וועל זיין אין ארץ, וועט זיין לייכטער זיך באַמיִען מ'זאָל דיך שיקן שנעלער ווי אַנדערע.

דו וועסט ניט פאַרגעסן? פיל פאָרן אַוועק, און פאַרראַטן זייערע חברים, אָדער חברות.

— דו מיינסט עס ניט ערנסט. דו ווייסט, אַז וואָס איך זאָג, איז ריכטיק. צי בין איך אַ לייכטזיניקער? אַ, אַסתּרקע! איך וועל דיך קיין מאָל ניט פאַרבייטן אויף אַ צווייטער.

— דער קלימאַט איז דאָרט אַ הייסער, — האָט זי געלאַכט.

— נאַרישקייטן.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און פריילעך געזאָגט:

— שמעון, ווייסטו וואָס פאַר אַ פאָרשלאָג איך האָב? קום, לאָמיר צופאָרן צו מיר אַהיים און מירן שטעלן אַ חופּה. זאָלן חברים לאַכן. זאָלן זיי זאָגן, אַז איך בין אַ קליינבירגערלעכע.

ער איז אַ ווײַלע געווען איבערראַשט.

— גוט, ווי דו ווילסט. מ'וועט אונדז געבן אורלויב?

— איך וועל רעדן אין דער מזכירות, — האָט זי דרייסט באַשטימט. ביסט מסכּים?

— בסדר.

דינה איז געזעסן אין לייענזאַל ביים אָפענעם ביכל. זי האָט געלייענט דעם „שטילן דאָן" פון שאָלאָכאָוו. זי איז געווען אומצופרידן, וואָס חברים שטערן. פנחס האָט איבערגעריסן זיין לייענען „דאָס וואָרט".

— דינה, גענוג דיר אַזוי פיל צו לייענען. רו זיך אָפּ. מ׳דאַרף אַ ביסל אויך שמועסן. אַ שאָד די אויגן אַזוי פיל אָנשטרענגען, — האָט ער צאַרט צו איר גערעדט, און געשמייכלט ברייט, ווייזנדיק די גלייכע, ווייסע ציין.

זי האָט אים אָנגעקוקט. געטראַכט, אַז ער איז גערעכט, און זי האָט פאַרמאַכט דאָס ביכל, כאָטש ס׳האָט געצויגן צום לייענען. זי האָט אים אָנ־געקוקט און דערמאָנט:

— פנחס, דו האָסט צוגעזאָגט דערציילן פון זיך. שוין יאָרן ווי איך קען דיך. און קיין מאָל האָסטו נאָך ניט גערעדט פון זיך.

— דיך וועט עס ניט אינטערעסירן.

— פּרווו.

— איך בין פון ר. אַ קליין שטעטל.

— אַ דאַנק. דאָס ווייס איך אַליין.

— ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר, איז מיין פאָטער געשטאָרבן. מיין מוטער, אַ שיינע און יונגע, האָט מער ניט חתונה געהאַט. אַליין מיך דערצויגן. זי האָט געוואָלט איך זאָל ווערן אַ רב. אַזוי האָט זי געשטרעבט. אָבער מיך האָט געצויגן אין אַ צווייטער ריכטונג.

ער האָט זיך פאַרטראַכט. מיט די ווייסע, לאַנגע פינגער האָט ער צוגע־שאַרט די בלאָנדע, געלאָקטע האָר אויפן ברייטן שטערן. די העלע ברעמען האָבן אַ ציטער געטאָן. ער האָט איבערגעלעבט די קינדער־יאָרן. אים איז געווען שווער צו רעדן פון זיך.

— נו, וואָס ווייטער ? קיין רב, זע איך, ביסטו ניט געוואָרן.

— איך האָב געלערנט אין אַ „תרבות"־שולע, שפּעטער בוכהאַלטעריע. אין שטעטל האָט זיך פאַרשפּרייט די קאָמוניסטישע באַוועגונג און מ׳האָט מיך אַריינגעצויגן אין קאָמסאָמאָל. כ׳האָב געלייענט פיל מאַרקסיסטישע לי־טעראַטור.

— און וואָס האָט געזאָגט דערצו די מאַמע ?

— זי האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר היינט פאַרשטיי איך וויפל זי האָט

געליטן.

— און דו האָסט ניט מורא געהאַט פאַר דער פּאָליציי ?

— אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער פּאַרטיי און אונדז געמסרט. די פּאָליציי האָט אונדז אַלע אַרעסטירט. אַ האַלב יאָר בין איך געזעסן אין טורמע.

— מ׳האָט אייך געשלאָגן ?

— נאָך ווי געשלאָגן.

— דערציייל ווי אַזוי ביסטו געקומען אין החלוץ ?

ער האָט זיך געפילט ניט באַקוועם. ער האָט פיינט געהאַט דערציילן וועגן זיך. ער האָט זיך פאַרטראַכט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אַ שולדיקער.

— ניט מיט אַלץ בין איך געווען איינשטימיק. כ׳האָב זיך אַנטוישט, און בין אַריין אין החלוץ. מיינע חברים זענען געפאָרן קיין דרום־אַמעריקע. נאָר איך טראַכט ניט דערפון. איך גלייב ניט אַז דער קאָמוניזם זאָל לייזן די יידן־פראַגע. און ס׳איז נאָך ווייט צום קאָמוניזם, ווייט ביז ס׳וועט נאָך אַ מאָל זיין סאָציאַליזם אין דער גאַנצער וועלט. אָבער אין ארץ וויל איך אַז מ׳זאָל בויען דאָס לאַנד אויף סאָציאַליסטישע יסודות. די אָרדענונג זאָל זיין באמת אַ דעמאָקראַטישע. הערשן זאָל דער אַרבעטער. ער זאָל קאָנען זאָגן זיין וואָרט — און טאָקע דעצידירן. ס׳איז דאָך ניט וויכטיק וועלכע בורזשואַזיע נוצט אויס דעם אַרבעטער, אַ פּוילישע, צי אַ יידישע. אַלע אונטערדריקערס האָבן דעם זעלבן פּרצוף.

— איצט פאַרשטיי איך פאַר וואָס דו געהערסט צום לינקן קרייז פון קיבוץ. — איר איז געפעלן זיין שטעלונג. — זייענדיק אין ווילנע, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ קאָמוניסט. זרח האָט ער געהייסן. ער האָט געדאַרפט אַלע טאָג זיך מעלדן אין פּאָליציי. ער איז געווען זייער אַ באַוווסטזיניקער חברהמאַן. נאָך איינעם, גדליה, האָב איך געקענט, אויך געווען אַ לינקער. זיי האָבן מיר דערציילט פיל שיינע זאַכן. דער פּראָגראַם געפעלט מיר. נאָר איך גלייב ניט אַז מ׳וועט דאָס קאָנען פאַרווירקלעכן.

— דער קאַפּיטאַליזם איז שטאַרק. די אָרדענונג איז פאַרדאָרבן. שווער דעריבער איינצופירן אַ הומאַנישע אָרדענונג, — האָט ער באַדויערט.

זי האָט געטראַכט, אַז איך בין אַ פּעסימיסט.

— שוין שפעט, האָט זי אַ בליק געטאָן אויפן האַנטזייגער. איך גיי. אַ גוטע נאַכט.

ער האָט מיט ביידע הענט געדריקט איר האַנט, זי לאַנג אָנגעקוקט און שטיל געענטפערט: „אַ רויִקע נאַכט". זיי זענען אַוועק יעדער אין זיין צימער.

✶

דער קיבוץ האָט איינגעאָרדנט אַ שאַכפּאַרוועט — התחרות. ניינצן חברים און איין חברה האָבן זיך באַטייליקט אין פאַרמעסט. אין עסצימער האָט מען אויסגעשטעלט שאַכטישלעך, אויסגעקליבן ריכטערס און אויפּזעערס. דינה זיצט אַ פּאַרטיפּטע אין שפּיל. אריה איז געווען זיכער, אַז מיידלעך קאָנען ניט שפּילן. אַז ער וועט די פּאַרטיע געווינען. אָבער נאָך פינף געגנג האָט דינה געוואָרנט: שאַכטורעם. אריה האָט ניט געקאָנט ראַטעווען די שפּיל און געבעטן זי זאָל צוריקנעמען דעם גאַנג.

— ניטאָ קיין צוריק — האָט אים דינה געענטפערט — אָנגערירט די פיגור, איז פאַרפאַלן.

אריה האָט זיך אויפגערעגט. דער משגיח איז צוגעקומען און געפּסקנט:

— ניטאָ קיין חרטה. ס'איז התחרות.

— שפּיל איך ניט! — האָט אריה זיך פאַרעקשנט.

— פאַרשרייב איך דינהן צוויי פּונקטן.

דינה האָט געלאַכט:

— ווי פּאַסט עס פאַר אַ מאַנספּאַרשוין זיך אויפצופירן אַזוי קינדיש? קום ענדיקן.

דער ריכטער, זעליג, האָט באַטראַכט די פּאַרטיע און באַשלאָסן:

— איר וועט אָנהייבן די שפּיל פון דאָס ניי...

ס'איז אַריינגעקומען אַ בחור פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ טאַש אין האַנט, אין אַ נייעם העלן אָנצוג. ביים טיר האָט ער געפרעגט אויף דינה קילבורד. דערהערט איר נאָמען, האָט דינה אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען גדליהן. ער האָט זי דערקאָנט נאָך אירע ברוינע אויגן. זי האָט אים אַן איבערראַשטע אָנגעקוקט. אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעקטער

האַנט. ער האָט זיך נישט געקאָנט גלייבן ווען ער זעט און אויסגערופן:

— דינה, דאָס ביסטו באמת?

— איז ווי קומט איר אַהער? אַהער קומט מען אויף הכשרה! — זי האָט אים איינגעלאַדן צום טיש.

חברים האָבן שפּאַצירט איבערן זאַל און נייגעריק געבליקט צו זיי.

— ווער איז עס דער קאַוואַליר? — האָבן זיי געפרעגט.

— איז ווי פילסטו, זיך, דינה? ביסט נאָך אַלץ אויף הכשרה. דו ווייסט וו איך האָב געפונען דיין אַדרעס? כ'האָב געטראָפן דיינע חברים, ביי וועלכע דו האָסט געוווינט, האָבן זיי מיר געגעבן דיין אַדרעס. זיי האָבן געפונען אַ בראָשור וועגן אַ צוזאַמענפאָר אויף וועלכן דו ביסט אַרויס־געטראָטן. פאַראַן דאָרט דיין נאָמען. איך האָב שוין געענדיקט דעם אוני־ווערסיטעט. וואָס איז דיין פּלאַן אויף דער צוקונפט? ווי לאַנג וועסטו דאָ זיצן. דו ווייסט, אַז איך קאָן דיך ניט פאַרגעסן? דו שטייסט מיר כסדר פאַר די אויגן. כ'בין אַרומגעגאַנגען דורך דער צייט מיט עטלעכע מיידלעך, נאָר זיי געפעלן מיר ניט אַזוי ווי דו. דיינע קלוגע ווערטער קלינגען מיר אין די אויערן.

ער האָט זי אָנגעקוקט צאַרט און אַליין ניט געוווּסט ווי אַזוי ער זאָל זי באַווירקן מיט זיינע רייד. זי האָט געשמייכלט, און ווי זי וואָלט ניט געהערט זיינע רייד, צופרידן איבערגעחזרט:

— אַזאַ גאַסט. אַזאַ אומדערוואַרטער גאַסט — גוט צו טרעפן אַמאָליקע חברים.

— זאָג מיר, דינה, איז ניט צו שפּעט? קאָן איך האָבן פון דיר אַ גוט וואָרט? ביסט שוין עלטער. וועסט מיך פאַרשטיין, אויב דו האָסט שוין ניט קיין חבר. דעמאָלט ביסטו געווען נאַיִוו, ניט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן אמתע געטרייע געפילן. האָסט געהאַט אַ סך חברים אַרום זיך. האָסט מיך אָפּגעשטויסן. דערציייל, טייערע. זאָג אַ וואָרט. פאַר וואָס שווייגסטו?

ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט. זי איז געווען פאַרטראַכט. זכ־רונות פון יענע יאָרן האָבן באַהערשט איר געדאַנק. איר האָט זיך געדאַכט, אַז פון דעמאָלט זענען שוין אַוועק אַ סך יאָרן. דאָ לעבט זי גאָר אַן אַנדער לעבן. ער האָט זי אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, באַמערקט, ווי זי גייט

אַרעם אַנגעטאָן : אַ גראַנאַט רעקל מיט אַ קרעם־אויסגעגייטער בלוזע, אַלטע שיך.

— איז ווי לעבט זיך דיר ? דערציייל. ביסט צופרידן ?

— קענסט דאָך שלום־עליכמס ווערטל : ווען אַ וואָרעם קריכט אַריין אין כריין, מיינט ער אַז קיין זיסערס איז גאָר ניטאָ.

— דו ווייסט נאָך וואָס איך בין געקומען ? דיך זען און מיט דיר רעדן. קום אַרונטער, מירן זיך דורכגיין. דיינס אַ צימער האָסטו ניט ? זי האָט געלאַכט.

— איך קען דיך פון שטענדיק פאַר אַן אויפריכטיקע. זאָג מיר דעם אמת, האָסט מיך קיין מאָל ניט סימפּאַטיזירט ?

— געשעצט אַלס געלערנטן און באַוווסטזיניקן.

ער איז געוואָרן אומעטיק און ווייטער געפרעגט :

— האָסט שוין אַ חבר ? — מיט אַ ציטער האָט ער געוואַרט אויף איר ענטפער.

— איך גיי מיט אַ חבר, נאָר איך האָב אים ניט צוגעזאָגט, אַז ער איז שוין מיינער. דערווייל האָב איך זיך פאַר קיינעם נאָך ניט פאַרפליכטעט.

ער איז געוואָרן מונטערער.

— איך וויל זאָלסט גוט באַטראַכטן, וואָס איך וויל דיר פאָרלייגן. קום מיט מיר ! לאָמיר שטעלן אַ חופּה. איך וועל דינגען אַ וווינונג אין וואַרשע. דו וועסט פאַרזעצן דאָס לערנען. האָסט געחלומט לערנען פּסיכאָלאָגיע. און איך בין זיכער, אַז דו וועסט מיט מיר זיין גליקלעך. אויב דו ווילסט נאָך ניט חתונה האָבן, וועל איך וואַרטן.

— וואָס מאַכן דיינע עלטערן ?

— איך האָב זיי וועגן דיר דערציילט. דאָס איז מיין מאַמעס פאָרשלאָג. איך וועל קריגן אַ פּאָסטן, און איך וועל פאַרדינען. איז וואָס זאָגסטו דערויף ?

— איך וועל זיך באַטראַכטן. איך וועל דיר שרייבן מיין ענטפער. ס'איז שפּעט, מ'דאַרף זיך אומקערן אַהיים.

— אפשר גייען מיר אַריין אין אַ קאַפע ?

— ניט כדאי.

— דער קיבוץ קאָן דיך נאָך אויסשליסן ? — האָט ער געשפּאָסט. און

ווידער געוואָרן ערנסט. — איך וויל פון דיר אַ קלאָרן ענטפער, ווי דו וועסט פאַרלייגן, אַזוי ווערן מיר איינאָרדענען אונדזער לעבן. איך וויל מיין לעבן פאַרבינדן מיט דיר. נאָר מיט דיר.

זי האָט אים געגלייבט. אין קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטערט. זי האָט ניט געקאָנט געפינען דעם ענטפער, נאָר געטראַכט: „איך גיי אין אַ צווייטן וועג. אַ גאַנץ אַנדערן וועג". ער איז געווען אומרויִק. ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער איז געפאָרן אומזיסט, נאָר ס'איז גוט געווען זי צו זען נאָך אַ מאָל.

— נו, גיי איך צו דער באַן. איינס אַ זייגער האָב איך אַ צוג קיין וואַרשע. איז ווילסטו ניט פאָרן מיט מיר? קום! באַשליס! בייט דיין אָרט לעבן! ווען אַ מענטש גיט אַ צווייטן גליק, איז ער אַליין אויך גליקלעך.

— הער זיך איין, טייערער חבר, דו ווייסט דאָך מיין איצטיקע אידעע. איך וויל קומען קיין ארץ־ישראל, גיין אין קיבוץ און העלפן בויען אַ היים פאַרן געדרודפטן פאָלק. דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ כבוד.

— די אַראַבער וועלן קיין מאָל ניט מסכים זיין דערצו. דאָס איז אַן אוטאָפּיע. — האָט ער פאַרזיכטיק גערעדט, ניט געוואָלט זי דענערווירן, נאָר געטראַכט, אַז זי איז שטענדיק נאַיִוו. — גוט, איך פאַרנעם זיך ניט מיט פּאָליטיק. וויסן זאָלסטו אַז איך נעם ניט אָן די ווערטער דיינע פאַר אַן ענטפער. באַטראַכט זיך און אין צוויי וואָכן שפּעטער גיב מיר אַ פּאָזיטיוון ענטפער.

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך, זי אָנגעקושט און אַוועק צום באַן.

דינה איז געגאַנגען אין קיבוץ און זיינע ווערטער האָבן געקלונגען אין אירע אויערן: „קום, שטודיר, דו האָסט דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט פאַרזעצן דאָס לערנען". זי איז אַריין אין שלאָפצימער גלייך צום בעטל. נאָכגע־טראַכט, זיך געראַנגלט מיט זיך. פּנחס איז איר געווען נענטער פון אַלע. אַ געטרייער, פּשוטער, רעדט ווייניק. טיפע גראָע אויגן. ער גייט מיט מיין וועג. זי האָט געטראַכט וועגן איר צוקונפט ביז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן.

.20

חברים איילן זיך. אַלע פּנימער צעשטראַלט. אייניקע עסן דעם פרישטיק שטייענדיק, אַנדערע שלינגען די ביסנס אומצעקייט. מ'פּיירט זיך ווי קליינע

קינדער. מ'גייט אויף אַ שפּאַציר אין וואַלד. די חברים זאַמלען זיך אין עס־זאַל. אָנגעטאָן ריין, שבתדיק. מ'שפּאַנט גרופּעסווייז, ווען מ'איז געקומען הינטער דער שטאָט האָט מען גלייך דערפילט אַ ריינע לופט. די לונגען האָבן געאָטעמט פרישער, פרייער. ווו מ'איז פאַרבייגעגאַנגען, האָבן גע־שמעקט סאָסנע־ביימער. מ'האָט געשפּאַנט אין ברייטע שורות און געטראָטן אין זאַמדיקן וועג און אויפגעזונגען אויפן קול. די טענער האָבן זיך צעטראָגן ווייט אַרום. איינצלנע חברים זענען געגאַנגען אַליין, געשוויגן, זיך איינגעקוקט אין די גרינע פעלדער, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיי געזען צום ערשטן מאָל. פאַרבייגעגאַנגען אַ סאַד מיט פּרוכט. די רויטע עפּל האָבן אַרונטער־געבויגן די צווייגן. פייגל האָבן געזונגען, אַ פּאַטש געטאָן מיט די גראָע פליגל און אַוועקגעפלויגן. אויף פעלדער האָבן פּויערים, אָנגעטאָן אין ווייסע העמדער, געשניטן די פולע זאַנגען. דינה, פּנחס און נחמן זענען געגאַנגען צוזאַמען. נחמן האָט געטראַכט פון זיין חברה, וועלכע איז אין ארץ. ער האָט שוין לאַנג ניט געהאַט קיין בריוו פון איר. שמעון איז צוגעקומען צו זיי.

— דערציייל, וואָס שרייבט אסתר? האָט דינה זיך נאָכגעפרעגט.

— זי וואַרט אויף מיין קומען. איר איז אין דער היים אומעטיק. זי שרייבט. אַז זי איז שוין צוגעוווינט צום קיבוצישן לעבן, בענקט אַהער.

— אין וואָס פאַר אַ קיבוץ ווילסטו גיין אין ארץ? — האָט נחמן גע־פרעגט און זיינע קליינע, קורצזיכטיקע אויגן האָבן זיך האַלב צוגעמאַכט.

— וווהין מ'וועט מיך שיקן. איך האָב ניט קיין ספּעציעלע פאָדערונגען.

— און ער איז זייער דאַנקבאַר געווען דער מזכירות וואָס זיי דערמעגלעכן אים עולה זיין צוזאַמען מיט אסתרן.

— פאַר וואָס זאָלסטו ניט בעטן אין עין חרוד, אַן איינגעאָרדנטער אַלטער קיבוץ.

— האָסט אַ טעות, חברל. דאָרט ווו דו בויסט, שאַפסט, פילסטו זיך אַ סך בעסער. נו, כ'וואָלט שוין וועלן זיין אויף דער שיף.

טובה איז געגאַנגען מיט איר חבר יאָשע. ער איז איין הויך מיט איר. אַ שטילער, רויִקער, פאַרקעמט מיט אַ שרונט אין אַ זייט. טובה נעמט אַרויס דאָס שפּיגעלע פון הויזנטאַש און קוקט זיך איין מיט זאָרג:

די זומער־שפּרענקעלעך גייען ניט אַראָפּ, זיינען נאָך געלער, און די

האָר פון גאָלד־קאָליר גלאַנצן אויף דער זון.

— וואָס אַרן דיך די פּינטעלעך? ביסט שוין געפעלן — האָט יאָשע שטיל אָקצענטירט.

זי האָט זיך פאַררויטלט און קאָקעטיש איבערגעפרעגט:

— געפעלן זאָגסטו? וועמען?

— דו צווייפלסט?

— איך ווייס, אַז פון אונדזער גיין וועט גאָרניט ניט זיין.

— פאַר וואָס רעדסטו אַזוי?

— דו ביסט יונג, דו דאַרפסט נאָך גיין דינען. מ׳וועט דיך פריִער פון פּוילן ניט אַרויסלאָזן.

— איז וואָס? מיר האָבן ניט קיין צייט? וועלן מיר זיך שרייבן. איך וועל קריגן אורלויב, וועל איך קומען, מירן זיך זען.

— גיי שוין גיי מיט די פּאַפּירענע ליבעס.

זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול, און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן נאַקן.

— כ׳מיין אַז דו וועסט אפילו ניט שרייבן.

— אַ קיבוצניק גלייבט מען ניט בכלל? ווען איך בין געווען אין דער היים אויף חופש, האָסטו ניט געענטפערט אויף מיינע בריוו.

— טובה, דו האָסט ניט געשריבן. מען האָט זיך נאָכגעפרעגט ווען דו קומסט, און וואָס דו שרייבסט און איך האָב ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב זיך געשעמט און געליטן.

— און איך האָב געוואַרט אויף דיין ענטפער און זיך ניט דערוואַרט. כ׳האָב זיך געשעמט פאַר מיינע שוועסטער. אפשר איז דיין בריוו פאַרלוירן געגאַנגען.

זי האָט אים ניט געגלייבט. ער האָט ניט געוווּסט ווי זי איבערצוצייגן אַז ער זאָגט אמת. ער איז געווען באַליידיקט.

גאָרין מיט סימען האָבן געזונגען אויפן קול. פּנחס האָט שוין עטלעכע טעג געוואָלט פרעגן ביי דינהן וועגן גדליהן. ער איז ניט געווען דרייסט. און איצט האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ פרעג געטאָן:

— דינה, האָסט די וואָך געהאַט אַ גאַסט. כ׳האָב דיך אַרומגעזוכט, האָבן

חברים געזאָגט אַז האָסט אַ גאַסט, און ביסט מיט אים אַוועקגעגאַנגען.

— איך וועל דיר אַ צווייט מאָל דערציילן.

— קוק נאָר סאַראַ מזיק! — האָט גאָרין באַמערקט אויף אַ וועווערקע, וואָס איז אַנטלאָפן אויפן בוים.

זיי זענען אַריין אין וואַלד. געצל האָט זיך גלייך געזעצט אונטער אַ בוים מיט זיין חבר שמאי. זיי האָבן ביידע אויסגעזען ווי ברידער. ער האָט זיך פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טאַשן־טיכל און געזאָגט מיט געשמאַק:

— אַך, וואָלט איך איצט אַריינגערוקט אַ קישקע ווורשט מיט אַ גאַנצער חלה! — און דערביי אַ פּאַטש געגעבן זיין חבר אין פּלייצע; אַז יענער האָט אַזש אַ געשריי געגעבן פון ווייטיק.

— ביים פרעסן מאַכן מיר אַ לעבן.

— איר בראָט זיך פון היץ.

— בראָטן זיך דאָס איז אַ צווייטע זאַך. מיר קריגן גוטע פּאַרציעס עסן. איצט בין איך אויך הונגעריק.

ניט ווייט פון וואַלד איז געשטאַנען אַ קליין שטיבל. אַ הונט אויפן קייט האָט זיך פון צייט צו צייט צעבילט. אייניקע בחורים האָבן זיך אויסגעצויגן אונטער אַ בוים, אַנדערע האָבן גערעדט צווישן זיך. די ביימער זענען געשטאַנען גלייך, אַנגעקוקט די יונגע מענטשן, וואָס זענען געקומען געניסן פון זייער שאָטן. אויפן האָרצן איז געוועזן לייכט. פּינקטלעך איינס אַ זייגער איז געקומען אַ וואָגן מיטן מיטאָג. ס'האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק קעלנערס און צעטיילט די פּאַרציעס צווישן די חברים. ציזשעווסקי איז צוגעקומען צו פּנחסן מיט דינהן, געזעצט זיך נעבן זיי. ער האָט דערציילט נייעס פון שטעטל. מרים, אין די גרויסע ברילן, האָט זיך נעבן זיי איינגעהערט אין פּנחסעס דערציילונגען. חברה האָט זיך געוויצלט, דערציילט אַנעקדאָטן. נאָכן עסן, האָט יצחק אָנגעהויבן דעם שמועס. מ'האָט זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד. בערנאַרד האָט געעפנט די שיחה. דער שליח פון ארץ, מ., האָט גערעדט אויף דער טעמע: „25 יאָר עמק". פון מאָל צו מאָל האָט דער רעדנער אויסגעווישט די ברילן, גערעדט שטיל און לאַנגזאַם. נאָך דער שיחה האָט זיך אַנטוויקלט אַ וויכוח:

— די צרה איז, אַז די אַלע שליחים, וואָס קומען פון ארץ, דערציילן

נאָר פּאָזיטיוו, זיי דערציילן ניט וועגן שוועריקייטן, זיי גרייטן ניט ריכ־טיק צו די חברים צום קיבוץ אין ארץ, — האָט פּנחס זיך אַרויסגעזאָגט.

— צו וואָס דאַרפן מיר וויסן ? מירן דאָרט קומען, וועלן מיר שוין פילן אויף אונדזערע ביינער — האָט ריטער געזאָגט.

— לאָמיר שוין דאָרט זיין — האָט גאָרין געזאָגט, אָנשפּאַרנדיק זיך אין אַ בוים.

— קיבוץ איז ניט קיין שלעכטער שטייגער לעבן. פריי פון געלט, אָבער אויך פריי פון צאָלן שטייערן, פריי פון פּרנסה־עול — האָט ריכטער צוגע־געבן. און געטראַכט, אַז ער וועט חתונה האָבן מיטן שיקסל און זיי וועלן גיין אין קיבוץ אין ארץ.

— איך מיין אויך, אַז פאַר אַ בחורה איז דער קיבוץ אַ באַקוועמע זאַך. זי דאַרף אַרבעטן, אָבער ניט פירן קיין קיך, קיין ווירטשאַפט. די קינדער דערציט דער קאָלעקטיוו. בלייבט איר צייט צו לייענען, גייסטיק זיך אַנט־וויקלען — האָט דינה געזאָגט.

די קאַמאַרן האָבן געביסן. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל. די חברים זענען געגאַנגען אַהיים. אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט דעם פּאַסטעך טרייבן די קי פון פעלד. אַ פּויערטע פון אַ דערבייאיק שטיבל האָט געטראָגן צוויי עמערס מיט וואַסער פון ברונעם.

— חברים, ניט זינגען. גיין שטיל. — האָט יצחק געמאָלדן.

פּלוצעם זענען צוגעשפּרונגען אייניקע פּעסטע שקצים, צעשלאָגן עטלע־כע חברים און זענען אַנטלאָפן. מ'האָט זיי געגומען נאָכיאָגן, נאָר ניט גע־קאָנט כאַפּן.

.21

אַ ווייכער שניי ווי אמתער פּוך האָט פּאַרדעקט דעם אַרום. אין עס־צימער האָט מען אַריינגעשטעלט צוויי אייוועלעך. האָבן די מיידלעך צוגע־רוקט די גרינע בענק נאָענט צו די אויוונס. אייניקע האָבן געלייענט, אַ טייל —געשטריקט. זיי האָבן אויסגעקליבן אַ יושב־ראש, וועלכער זאָל אַכטונג געבן, מ'זאָל ניט רעדן צו הויך, ניט שטערן דאָס לייענען. חברה האָט פּראָ־טעסטירט, געטענהט : „דאָ איז ניט קיין לייענזאַל".

— קוק נאָר אָן די באַבעס! ווערן דערפרוירן! — האָט כאַצקל געלאַכט. געמיינט האָט ער זיך צו וויצלען, נאָר זיין קול האָט זיך באַקומען ערנסט.

— ווען איך וועל לעבן, וועל איך אויך אייניקלעך דערלעבן — האָט פעסיע אים געענטפערט אַ באַליידיקטע, ניט אויפהייבנדיק די אויגן פון סוועטער, וואָס זי האָט געשטריקט, און קאָקעטיש געשמייכלט ווי צו זיך אַליין.

אריה מיט שלמהן האָבן שפּאַצירט איבערן זאַל און גערעדט איבער דער שלעכטער השפעה פון שכנותדיקן דייטשלאַנד. ביי איין טיש איז געזעסן סימע מיט אַ לערער און געלערנט עברית. פּנחס איז אַריינגעקומען און געמאָלדן, אַז ער האָט אָפּגענומען אַ טעלעפאָן פון צוויי חברים, אַז זיי פאַרלאָזן דעם קיבוץ און נעמען צו די אַרבעט־פּלעצער ווו זיי אַרבעטן. חברים האָבן זיי קריטיקירט.

— מ׳דאַרף זיין אָן עקשן און וואַרטן אויף עליה — האָט גאָרין געזאָגט צו יצחקן, וועלכער האָט אויפגעהאָנגען אַ מעלדונג אויפן טאָוול.

— מיר האָבן שוין גערעדט דערפון אין מזכירות. מ׳וועט דאַרפן זאָרגן וועגן אַ צווייטן וועג ווי צו קומען אין ארץ.

די חברים האָבן פיל גערעדט וועגן די צוויי אַנטלויפערס וואָס האָבן נאָך צוגענומען ביים קיבוץ די אַרבעט־פּלעצער. מינע, אַ נידעריקע, אין לאַנגע הויזן, איז צוגעקומען מיט אַ טעפל וואַסער און געזאָגט:

— חברים, ווער ס׳וועט מאָרגן עסן קאַרטאָפל, וועט ווערן מוכשר. די מזכירותניקעס וועלן היינטיקע נאַכט שיילן קאַרטאָפל. — און זי איז גיך אַוועק אין קיך.

מיט אַ מאָל איז געוואָרן טומלדיק. זיי האָבן פּלוצעם דערזען אַריינ־קומען מענדלען, חברה האָבן אים געדריקט די האַנט:

— איר זענט אַ יאָט מיט ביינער. אָבי מ׳האָט געזאָגט, אַז איר קומט מער ניט אין קיבוץ. ווי איז געווען דער חופש אין דער היים? — האָט מען זיך געוויצלט אויף זיין חשבון.

— האָסט געבראַכט גוטע זאַכן? גיב אַהער! — האָט ריטער געלאַכט.

מענדל איז געשטאַנען אַ רויִקער, געווען צופרידן, וואָס מ׳נעמט אים וואַרעם אויף:

— איר וועט באַקומען... — האָט ער געענטפערט.

— חברה, לאָזט אים זיך זעצן עסן, לאָזט אים זיך אָפּרוען, — האָט גאָרין געבעטן.

מענדל האָט זיך צוגעקוקט צו יעדן באַזונדער. ער האָט זיי שוין אַ חודש צייט ניט געזען. אַלץ האָט אים אויסגעזען ניי.

יצחק האָט אים אַרומגענומען. זיי האָבן זיך צעקושט.

— איז ווי פילסטו זיך ? געזונט ?

— אין אָרדענונג.

— און וואָס הערט מען אין שטעטל ?

— ווער ס׳קאָן, עמיגרירט. מ׳איז פאַרזאָרגט. מ׳רעדט פון אַ קריג.

— נאָר קיין קריג זאָל ניט זיין ! — האָט יצחק געזאָגט, און געוואָלט רעדן אויף אַ צווייטער טעמע. — נו, מענדל, קום, מירן עסן אָונטברויט. היינט וועט זיין די מסיבת חנוכה. יצחק קאַצענעלסאָן וועט היינט קומען.

נאָכן עסן האָט מען אויסגעשטעלט די בענק. חברים האָבן זיך אויס־געזעצט. דער וועד התרבות וועלכער ציילט דרייסיק חברים, האָט צוגע־גרייט דעם פּראָגראַם פון אָונט. בעני, דער פון מיטעלן וווקס, מיט די שיטערע האָר אויפן קאָפּ, האָט געמאָלדן דעם אינהאַלט פון היינטיקן אָונט. גערעדט האָט מיט דער „ר". שאַרף דורך דיברילן אָנגעקוקט דעם אָרום. דאָס ערשטע אַרטיקל האָט געליינט גאָרין. ער האָט געליינט צו שטיל, און ס׳איז געווען טומלדיק. ווען ס׳איז געקומען די ריי פון באַוווסטן הומאָ־ריסט, זעליג, האָבן חברים געלאַכט נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן לייענען. ער האָט אָפּגעחוזקט פונעם לעבן פון קיבוץ. נאָך אים האָט געליינט פּנחס : „איך דאַרף אַ פּאָר שיך". די הומאָרעסקע האָט קריטיקירט די וואָס נעמען ניט אין באַטראַכט די יסורים פון ניט האָבן קיין שיך. חברים זענען געווען צופרידן. יצחק האָט געמאָלדן, אַז קאַצענעלסאָן האָט געבעטן מ׳זאָל אים אַנטשולדיקן. ער איז קראַנק אויף אַ גריפּע און קאָן היינט ניט קומען. דער כאָר פון קיבוץ האָט געזונגען „בולבעס" און אַנדערע לידער און צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם פאַרענדיקט די מסיבה. דער זייגער איז שוין געווען צוועלף. די מזכירותניקעס האָבן אָנגעטאָן ווייסע שירצן און אַריין אין קיך שיילן קאַרטאָפל.

—בערנאַרד, זע זאָלסט ניט צעשניידן די הענט, — האָט שרה אים געוואָרנט.

זיין פּול, רויט פּנים איז געווען פאַרפּלאָמט פון וואַשן ס׳געפעס אין קיך. ער האָט זיך געאײלט צוגרייטן פּעקלעך עסן, וואָס די חברים נעמען מאָרגן מיט צו דער אַרבעט.

— יצחק, שלאָף ניט איין, — האָט מענדל זיך געוויצלט.

— מ׳וועט מוזן קויפן אַ מאַשין צו שיילן קאַרטאָפל, — האָט פרידע געזאָגט.

— חברה, הערט אַ מעשה, וואָס היינט איז געשען, — האָט חיים דערציילט. — אַ חבר, וואָס איז געקומען צוריק מיט צוויי טעג אין קיבוץ אַריין, האָט פאַרבלאָנדזשעט אין שלאָפצימער פון די בחורות. ביי טאָג האָט ער געבראַכט זיינע וועש, אַוועקגעלייגט אונטער חנהס קישן. אין אָוונט, ווען חנה איז געקומען צו איר בעטל, האָט זי געטראָפן מענערוועש. באַלד איז געקומען דער חבר; זי האָט אים אויסגעלאַכט. ער האָט זיך פאַרשעמט, געכאַפּט זיינע וועש און אַנטלאָפן נידעריקער מיט אַ שטאָק, געפונען... זיין בעטל.

זיי האָבן געלאַכט. מ׳דאַרף נומערירן די בעטן. יצחק האָט דערמאָנט דעם „דיבוק" וואָס זיי האָבן היינטיקע וואָך געזען אין טעאַטער. פרידע האָט דערציילט ווי זי האָט געזען די אָפּערע „פאַוסט". כּדי ניט איינצושלאָפן, האָט מען זיך דערציילט מעשיות פון דער היים, גערעדט פון דינהס שוועסטער, וואָס האָט פאַרלאָזן דעם קיבוץ נאָך צוויי מאָנאַט. זי האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו פּשוטער אַרבעט און געפאָרן אַהיים. זיך באַקענט מיט אַ טוריסט פון בראַזיל, חתונה געהאַט און אַוועקגעפאָרן מיט אים אין בראַזיל.

— אָבער דינה איז אַן אַנדערע — האָט שרה באַמערקט.

— דינה אַרבעט ניט קיין שווערע אַרבעט — האָט יצחק צוגעגעבן.

22.

די שטימונג אין קיבוץ איז אַ געשפּאַנטע. אין די צימערן רעדט מען צווישן זיך אין דער שטיל. אין עסזאַל שטייען גרופּעס חברים און מ׳סודעט

זיך. פאַרשידענע השערות ווערן אַרויסגעזאָגט. מ׳איז פאַרזאָרגט, און טאַקע נייגעריק. אַלץ שטייט אויף די פיס. מ׳פרוווט טרעפן די סיבות וואָס חברים פון מרכז זיצן שוין אַ וואָך צייט אין לאָדזש, און האַלטן אָפּ ביז שפּעט אין דער נאַכט זייערע זיצונגען. ענדלעך איז געקומען דער טאָג. די מזכירות האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג. אַלע זענען געקומען אין עסצימער, געוואָלט וויסן די „קאָנספּיראַציע" און פרידע האָט איבערגעגעבן די נייעס:

— מיר זענען חושד צוויי חברים אַז זיי האָבן אַ קאָנטאַקט מיט קאָמוניסטן. צוויי זייערע חברים האָבן ביי אונדז געגעבן געבעטן. מיר האָבן געפאָרשט. חנה מיט נעכען זענען פאַרמישט אין דעם ענין.

זי האָט גערעדט שטיל. אַקצענטירט יעדעס וואָרט מיט גרויס פּחד — און איבערגעגעבן דאָס וואָרט דעם חבר פון מרכז, ב.

— פאַר אונדז איז קלאָר, אַז די קאָמוניסטן ווילן אַריינדרינגען צו אונדז אין דער באַוועגונג. זיי ווילן אַריינדרינגען אין אַ גרויסער אַרבעטער־געזעלשאַפט. מיר זענען סאָציאַליסטן, נאָר ניט קיין קאָמוניסטן. מיר זענען אויף דער וואָך. זיי וועט זיך דאָס ניט איינגעבן. צווישן זיי און אונדז שטייט אַן אייזערנע וואַנט. זיי זענען קעגן עליה.

ער האָט גערעדט מיט כּעס. די אויגן אַראָפּגעלאָזט אויפן טיש, ווי ער זאָל לייענען פון אַ צעטל. די חברות, וואָס האָבן דערלויבט צו נעכטיקן אַ נאַכט אין קיבוץ קאָמוניסטן, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס פון דער פּאָליציי, דאַרף מען אויסשליסן, און וואָס שנעלער. שטעלט אייך פאָר, ווען די פּאָליציי זאָל זיי געפינען ביי אונדז — פאַרמאַכט זי דעם קיבוץ.

— ס׳איז כּדאי צו הערן ברייטער די פאַקטן פון די צוויי חברות. אפשר האָבן זיי דערלויבט צו נעכטיקן, ווייל זיי זענען זייערע שטאָטישע. זיי ווייסן אוודאי ניט אַז דאָס זענען קאָמוניסטן, — האָט גאָרין געזאָגט.

דינה האָט פאָרגעשלאָגן:

— מ׳דאַרף ניט אויסשליסן, ס׳איז דאָ צייט. כּדאי זיי איבערשיקן אין אַ קלענעם קיבוץ. דאָרט וועט מען זיך קאָנען אָריענטירן, צי זיי געהערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אפשר האָבן זיי פון גאָרניט ניט געוווּסט.

— קיינער האָט דאָ ניט קיין פּערזענלעכן אינטערעס — האָט פרידע געזאָגט. — מיר האָבן זיי געפאָרשט און מיר דאַרפן זיי באַזייטיקן. קאָמו־

ניסטן האָבן ביי אונדז ניט קיין אָרט.

מ'איז איבערגעגאַנגען אויף ווייטערע טעמעס: אויסצוקלייבן אַ סדרן־עבודה, ווייל דער אַנפירער וועט אין צען טעג אַרום אָפּפאָרן אין ארץ. נאָך דעם האָט מען באַשלאָסן צען טעג ניט צו עסן קיין פּוטער צום ברויט, און פאַר דעם געלט גיין אין יידישן טעאַטער זען „באַסטאָן", ווייל קיין בודזשעט אויף טעאַטער איז ניטאָ.

נאָך דער פאַרזאַמלונג, ווי שטענדיק, האָבן חברים נאָך ביז שפּעט גערעדט וועגן די ענינים. טייל האָבן קריטיקירט די מזכירות, וואָס זי האָט פריִער די חברות אויסגעשלאָסן און ערשט שפּעטער דעם ענין געבראַכט צו דער פאַרזאַמלונג. אַנדערע האָבן קריטיקירט, פאַר וואָס דאַרפן אַרבעטער עסן גאַנצע צען טעג טרוקן ברויט, אָן פּוטער. טייל האָבן זיך געפרייט וואָס מ'וועט זען „באַסטאָן" און צוגעזונגען: „באַסטאָן, באַסטאָן". אַנדערע האָבן געטראַכט, מורא געהאַט צו רעדן, פאַר וואָס מ'האָט אויסגעשלאָסן די צוויי חברות. פיינע קינדער. דינה איז גלייך נאָכן ענדיקן די פאַרזאַמלונג אַוועק אין שלאָפצימער, גיך אויסגעבעט דאָס שמאָלע בעטל, זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ מיט דער דינער קאָלדרע און נאָכגעטראַכט וועגן די אַלע פּראָבלעמען. זי האָט זיך דערמאָנט אין יוספן, אַ חבר פון טורגיעל, וועלכער האָט איר דערציילט וועגן די גרויליקע פּייניקונגען, מיט וועלכע די פּאָליציי האָט אים געפּייניקט אַלס קאָמוניסט. „פאַר וואָס?" — האָט ער געפרעגט. „ווייל די מענטשן קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען פאַרן אַרבעטער? פאַר וואָס זאָל אַזאַ פּאַרטיי זיין אומלעגאַל?" זיינע רייד האָבן איר ווי געקלונגען אין די אויערן. זי האָט באַדויערט די צוויי חברות, וואָס מ'האָט אויסגעשלאָסן. „אַזעלכע נאַיִווע, פיינע, שטילע מיידלעך. איז אין ארץ אויך אַזאַ שטרענגע אָרדענונג? איז וואָס פאַר אַ צוקונפט דערוואַרט אונדז דאָרט? די אַראַבער זענען ניט מסכים מיטן יידישן ישוב, מאַכן פּאָגראָמען. צי וועלן זיי אַ מאָל יאָ מסכים זיין? וואָס איז דאָס פאַר אַ פּראָבלעם? אַלע פעלקער קומט אַ לאַנד, נאָר יידן ניט? איז ווי דען קאָנען מיר בויען אונדזער צוקונפט אַלס פאָלק? פאַר וואָס ניט? באמת, פאַר וואָס? און ווי לאַנג קאָן מען דאָ זיצן? איז אפשר כדאי פאָרן קיין ווילנע, פאַרדינען געלט, קריגן אַ פּאָסטן און לערנען? ניין. איך וועל וואַרטן אויף

עליה".

אזוי האָבן געדאַנקען זיך געטרײסט. און אַ געפּיל האָט זי געמוסרט: „צווייפל ניט, גיי דיין וועג! אויב דו ווילסט איז עס אַ שיינע אידעע".

.23

ערב פּסח. שוין פון אין דער פרי איז דער עסזאַל אָפּגעשלאָסן. חברים רוימען, פּוצן, מ'גרייט זיך צום סדר. אַ טייל חברים, וועלכע זיצן שוין לאַנג אין קיבוץ, זענען געווען אומצופרידן. געוואָלט שוין פייערן דעם סדר אין ארץ. זיך דאָרט באַזעצן, פירן אַ משפחה, אָנהייבן אַ ניי לעבן. די חברים, וועלכע זענען דעם ערשטן יאָר דאָ, זענען נייגעריק צו זען ווי אַזוי מ'פייערט דעם פּסח אַנדערש ווי אין דער היים. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן היינט געבענקט אַהיים, צו טאַטע־מאַמע, צום סדר.

נאָך דער אַרבעט האָט מען זיך געאײַלט אין מחסן־בגדים. יעדער האָט אַרויסגענומען פון זיין שאַפע די ריינע וועש. נאָך פאַרן קלינגען האָט מען געעפנט די טיר פון חדר־האוכל. ווען מ'איז אַריינגעקומען, שוין ביי דער אָפענער טיר, איז מען געבליבן שטיין איבערראַשט. די שטאַרקע ליכט פון די גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן באַשיינט דעם אַרום. אויפן וואַנט הענגט אַ גרויסער פּלאַקאַט, אויף וועלכן ס'זענען אויסגעמאָלט די פיר בנים פון דער הגדה. אַ צווייטער גרויסער פּלאַקאַט מיט דער אויפשריפט: דור אחרון לשעבוד ודור ראשון לגאולה — דער לעצטער דור אין קנעכטשאַפט דער ערשטער — צו גאולה. צען לאַנגע טישן אויסגעשטעלט לענג אויס פון דער גאַנצער וואַנט, סערווירט ווייס. אויף יעדן טיש — בלומען, מצות, ווייַנגלעזלעך, פלעשער וויין און אַלע פּסחדיקע סימבאָלן צום סדר. ס'האָט אַרויסגעשיינט די גאָלד־קאָליר פון מאַראַנצן. אַלע חברים זענען אָנגעטאָן אין ווייסע בלוזעס.

אויבנאָן ביים טיש איז געזעסן די מזכירות. נעבן זיי די איינגעלאַדענע געסט פון שטאָט. ד"ר פיק מיט דער פרוי, אַרבעט־געבערס און אַנדערע באַקענטע צום קיבוץ. דער שליח פון מרכז, ש. ער איז העכער מיט אַ קאָפּ פון אַלע. ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס, מיטן ווייסן טאַשן־טיכל, צוגעגלעט די גלאַטע פאַרקעמטע האָר, וואָס האָבן זיינע שטערן־ווינקלען

נאָך טיפער געמאַכט, און אַרומקוקנדיק זיך, זיך אָוועקגעזעצט נעבן דעם סעקרעטאַר.

דער חבר פון קולטור־וועד, זעליג, האָט געעפנט דעם אָוונט. ער האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון באַפרייונגס יום־טוב, און געגעבן דאָס וואָרט דעם חבר ש. פון מרכז — פון וואַרשע. ש. האָט גערעדט מיט אַ זיכערן, שטאַרקן קול, מען האָט ניט געדאַרפט קיין הילכער אים צו הערן, ווי ער זאָל וועלן, אַז קיינער אין זאָל זאָל ניט כאַפּן קיין דרעמל פון מיד־קייט. ער האָט גערעדט וועגן דער באַפרייונג פון ייִדישן אַרבעטער און דער עיקר אין ארץ. ווען ער האָט געענדיקט רעדן, האָט מען געטרונקען דעם ערשטן כּוס, און אָנגעהויבן עסן. בעת דער הפסקה זענען חברים אַרויס־געטראָטן מיטן הומאָריסטישן טייל, וואָס האָט געהייסן הגדה, און וואָס חברים האָבן צוזאַמענגעשטעלט.

די שטימונג איז געווען אַ גוטע. נאָך דעם איז געווען אַ קאָנצערט, אונטער דער לייטונג פון פּראָפעסאָר פּייוויש. פון מאָל צו מאָל האָט געזונגען דער כאָר פון קיבוץ. ס'איז געוואָרן פריילעך. ס'איז געקומען דער באַליבטער פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן, ער האָט זיך ניט געלאָזט באַדינען — אַליין אויפ־געהאַנגען זיין מאַנטל אויפן מעשענעם הענגער, אָוועקגעלייגט דעם הוט. מ'האָט אים איינגעלאַדן צום טיש, אָבער ער איז שוין געווען נאָכן עסן. זיין פרוי איז געזעסן מיט די חברים און אים האָט מען אַרויפגעבעטן אויף דער בימה. ער האָט אָנגעהויבן זינגען מיט די חברים — שירה בציבור — פון מאָל צו מאָל פאַרגעלייענט זיינס אַ ליד אין ייִדיש און עברית. זיין וואַרעמער טעמפּעראַמענט האָט געווירקט אויף די פאַרזאַמלטע. מ'איז גע־וואָרן מיטגעריסן. אַלע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט מוט און פרייד און מ'האָט אים שטורמיש אַפּלאָדירט. דערנאָך — הענט אויף אַקסלען, און מ'האָט אָוועקגעטאַנצט אַ האָראַ, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

באַלד אין דער פרי האָט מען דערפילט אַ רויך אין קיך און אין עס־צימער. ס'איז געוואָרן אַן אָנגעלויף. די וואַטע־פאַבריק אונטער דער קיך האָט געברענט. ביז די פייערלעשערס זענען געקומען, האָבן חברים דערווייל גע־לאָשן. אַ האַלבער הילצענער דיל אין קיך האָט אָפּגעברענט. און צו דער קיך האָט מען ניט געקאָנט צוקומען. די שריפה איז געווען די טעמע פון טאָג.

און אַט זענען אָנגעקומען צוויי חברים פון פויזנער קיבוץ — אַן אָפּטיילונג פון לאָדזש, און דערציילט: אַז די נאַכט, זענען פּאָזנאַנטשיקעס באַפאַלן דעם קיבוץ, אים דעמאָלירט. דער קיבוץ ציילט אין גאַנצן דרייסיק חברים. די פּוילישע „גאָלדענע יוגנט" האָט צעבראָכן דאָס מעבל, דעם ראַדיאָ, אויסגעגאָסן דאָס פּסחדיקע עסן און געפּאַדערט, זיי זאָלן פאַרלאָזן פויזן. דער יידישער דאָקטאָר כהן, דער פריינד פון קיבוץ, איז געקומען זיי טרייסטן. ער דערציילט, אַז זיינע דריי קינדער ליידן אין שולע פון די אַנטיסעמיטן. צו אים קומען די אַנטיסעמיטן זיך היילן, נאָר דאָס איז ניט קיין שוץ פאַר אים. ער איז אויך אומרויק.

שלמה איז שוין געווען מיד פון די אַלע געשעענישן. ער איז אַוועק צו זיין בעטל און זיך צוגעלייגט. ער האָט געטראַכט פון דינהן. אים איז שווער זיך אָפּצוגעוווינען פון איר. ער זעט זי אָפּט גיין מיט פּנחסן — ער טרעט ניט אָפּ פון איר. אים האָט געערגערט וואָס ביים סדר איז פּנחס געזעסן נעבן דינהן און זי איז געווען פריינדלעך צו אים. וויפל ער באַמיט זיך ניט זי אויסצומיידן, העלפט עס ניט. ער טרעפט זי יעדן טאָג. יונה, די שיינע בחורה, וואָס איז ניט לאַנג געקומען און אַרבעט אין דער מתפּרה, קריכט אים נאָך. נאָר זי אינטערעסירט אים ניט. ער האָט אָנגעהויבן פאַרגלייכן פּנחסן מיט זיך און געקומען צום אויספיר אַז יענער שטייט ניט העכער פון אים. „איך האָב פיל מער געלערנט פון אים". — האָט ער געטראַכט.

.24

די שטימונג איז אַ געהויבענע. מ'גרייט זיך צו גיין צו דער פאַרזאַמלונג פון 1טן מאַי. אַלע וואַרשטאַטן פון קיבוץ אַרבעטן ניט. די קיך קאָכט ניט. מ'עסט היינט טרוקנס. דער וועטער איז אַ פּאַרוואָלקנטער, האָבן חברים געזאָגט.

— מירן בעטן דעם סאָציאַליסטישן גאָט ער זאָל אונדז מאַכן אַ גוט וועטער, — האָט יהודה זיך געוויצלט.

— ניט בעטן, פאַדערן! — האָט אריה אים פאַרריכט.

— שקט חברה! מיר גייען אין שטאָט, — האָט זעליג באַמערקט.

לכבוד דעם 1טן מאַי האָבן חברים באַקומען נייע שקאַרפּעטן און אויף די בעטן נייע דעקן. דעם עסזאַל האָט מען באַפּוצט מיט רויטע לענטעס. אויך אין וואַשצימער, ביי די טושן, האָט מען גערעדט פֿו 1טן מאַי.

— וואָס זאָגסטו צום נעכטיקן שמועס וועגן 1טן מאַי? — האָט מענדל געפֿרעגט ביי חיימען. דערביי געטרונקען ציקאָריע מיט טאָרט לכבוד דעם יום־טוב.

חברים האָבן געזאָרגט צו באַקומען וואַרעמע בגדים. פּלוצעם איז אַראָפּ־געפֿאַלן אַ שניי. „אַ שניי גאָר אין 1טן מאַי?" — האָט מען זיך געוווּנדערט. אַ טייל חברים זענען געזעסן ביים ראַדיאָ און זיך איינגעהערט אין די רע־פּערטאַזשן פֿון מאָסקווע. דער יומון, די טעגלעכע וואָנטצייטונג, איז היינט געשריבן מיט רויטן טינט. טייל חברים זענען אַוועק אין לאָקאַל פֿון די רעכטע פּועלי־ציון צו לעוון האָט גערעדט. ביסלעכווייז האָבן חברים פֿאַר־לאָזט דעם זאַל, ווייל זיי האָבן געוואָלט זעען די דעמאָנסטראַציע פֿון פּ. פּ. ס. ביי די 60 טויזנט אַרבעטער האָבן מאַרשירט און געטראָגן די רויטע פֿענער, אַ סך קאַריקאַטורן, בילדער פֿון די מאַרקסיסטישע פֿירערס, לאָזונגען און פֿאָדערונגען. אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך אַריינגעריסן ענדעקעס, געוואָלט אַרויסרייסן די פֿענער. די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיי אָפּגעשטויסן. די פּאָליציי האָט געהאָלפֿן די ענדעקעס. די דעמאָנסטראַציע האָט קעמפֿעריש פֿאַרגעזעצט איר וועג. און אַלע מאָל זענען צוגעקומען נאָך אַרבעטער פֿון די פֿאַבריקן. די חברים זענען געווען באַגייסטערט פֿון דעם בילד.

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן זע איך אַזאַ דעמאָנסטראַציע. איך ווייס, אַז אין דער היים האָט מען גערעדט, אַז דעם 1טן מאַי דאַרף מען ניט פֿאַרן קיין וואַרשע קויפֿן סחורה, צוליב די געשלעגן צווישן די דעמאָנסטראַנטן און דער פּאָליציי, — האָט דינה דערציילט.

פּנחס איז געגאַנגען פֿאַרטראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי אין יעדן 1טן מאַי זענען ביי זיי אין שטעטל געווען אַרעסטן. און דאָך פֿלעגן הענגען רויטע פֿענער. אין קיבוץ האָט מען אָנגעהויבן די פֿייערונג 6 אַ זייגער. אין מיטן איז געוואָרן פֿינצטער ביז מ׳האָט פֿאַרריכט די עלעקטריע. מ׳האָט זיך געשראָקן, מ׳זאָל ניט אָנפֿאַלן אויפֿן קיבוץ אַזוי ווי אין פֿויזן.

פּנחס האָט געטראַכט פֿון דינהן: „וואָס איז זי פֿאַר אַ מענטש? זי

פירט זיך אויף קאַמיש, קאַלט, צוריקגעהאַלטן. זי האָט מיך זיכער ניט ליב. ס׳איז אַ פראַגע, צי זי קאָן בכלל עמעצן ליבן. פריינדלעך איז זי צו אַלע. און אפשר האָט זי עמעצן ליב, און זי באַהאַלט עס פון מיר? און אפשר טראַכט זי פאָרן צו גדליהן? נאָר זי לייענט און לייענט נאָך דער אַרבעט. ווי אַזוי דערנענטערט מען זי צו זיך? זי באַמערקט גאָרניט אַז איך טראַכט נאָר וועגן איר און אינטערעסיר זיך ניט מיט קיינעם. און אפשר וויל זי ניט באַמערקן? זי זאָגט ניט אַז זי האָט מיך ליב, און זאָגט ניט אַז ניט. איר ענטפער איז שטענדיק: אין ארץ וועלן מיר זען. וואָס פאַר אַן ענטפער איז דאָס? זי זאָגט אפילו ניט צו אַז זי וועט וואַרטן אויף מיר. צוזאַמען וועלן מיר זיכער ניט עולה זיין״.

פנחס איז אַריין אין לייענזאַל, ער איז געווען פאַרזאָרגט, ניט געוווּסט ווי צו איבערצייגן זי אַז ער וויל זיין לעבן פאַרבינדן נאָר מיט איר. זי ווילצלט זיך, ווען ער זאָגט איר דאָס, שמייכלט זי און גלייבט אים ניט. ער האָט אין זיין טאָגבוך פאַרשריבן אַלץ וואָס דריקט אים. ער האָט קיין חבר זיך ניט געוואָלט פאַרטרויען. מורא געהאַט, צו ווערן אַן אביעקט פאַר רכילות.

דינה האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן, זי האָט געטראַכט וועגן דער איינ־דרוקספולער דעמאָנסטראַציע. זי האָט אויך געטראַכט פון פנחסן. ס׳איז איר געווען אָנגענעם וואָס ער איז אָפט נעבן איר. זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו באַשליסן. ער האָט שוין פיל מאָל געפאָדערט פון איר אַ קלאָרן ענטפער. זי האָט אַנאַליזירט זיינע פאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטריכן. אויך קאָנטראָ־לירט אירע אייגענע פעלערן, פנחס האָט אַ גוטן כאַראַקטער — האָט זי נאָכגעטראַכט, צי קען זי דאָס זאָגן אויף זיך?

אין עסצימער האָט איצט געברענט אַ קליין לעמפּל ביים ראַדיאָ. ס׳זענען נאָך געזעסן עטלעכע חברים, געשמועסט צווישן זיך. ריטער האָט דערציילט וואָס ער האָט געלייענט וועגן 1טן מאַי, וועגן די אומרוען אין פאַרשידענע לענדער, יעקב, דער ווילנער, האָט דערציילט ווי ער האָט איין מאָל בייגע־ווווינט אַ געשלעג בעת אַ רעדע פון ח׳ מ. ערעם. איין פּאַרטיי שטערט דער צווייטער. ער האָט דערציילט וועגן די אַרויסטריטן פון ד״ר וויינרייך פון די „ייוואָ־בלעטער״, פון זלמן רייזען און אַנדערע שרייבער. ער בענקט נאָך

דער סטראַשון־ביבליאָטעק, דאָרט ווו דער אָנגענעמער ייִד כייקל לונסקי האָט באַדינט יעדן לייענער. חברים האָבן זיך איינגעהערט.

.25

אין שטעטל ה. איז שטיין געבליבן די באַן. פיל מענטשן שטופּן זיך אַריין, ווילן פאַרכאַפּן אַ זיצפּלאַץ. דאָ קומט אָן אַ בלייכער ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט לאַנגע פּיאות, דער שווייס רינט אים פון שטערן ווי רעגן־טראָפּנס. ער שלעפּט מיט זיך צוויי קוישן אייער צו פאַרקויפן אין שטאָט. אַ ייִדענע, מיט אַ זאַק אין די הענט, שטופּט אָפּ אַ צווייטן און כאַפּט זיך געשיקט אַריין אין וואַגאָן. פּויערים קומען אַריין אין דריטן קלאַס. אין ערשטן קלאַס זענען אַריין אויסגעפּוצטע פּאַסאַזשירן מיט לעדערנע וואַליזקעס, וואָס טרעגערס טראָגן זיי נאָך. אין דריטן קלאַס קומט אויך אַריין דינה. זי פאָרט פון דער היים, ווו זי איז געווען זיך גרייטן צו עליה, נאָר ס'האָט איר פאַרפעלט געלט, פאָרט זי צוריק אין קיבוץ. דינה איז פאַרצווייפלט. זי ווייסט ניט ווו צו נעמען געלט. דער פאָטער אירער לעבט שוין ניט. אין שטוב איז די לאַגע אַ שלעכטע. זי האָט געטראַכט צו נעמען אורלויב פון קיבוץ און קריגן אַרבעט, פאַרדינען געלט און אפשר רעזיגנירן פון עליה. דעם געדאַנק האָט זי שנעל פאַרטריבן. דאָס קאָן זי ניט טאָן. זי באַמיט זיך ניט צו זאָרגן. פאַרגעסן. זי וועט זיך באַראָטן מיט פּנחסן וואָס צו טאָן.

ווי פון אונטער געדיכטע וואָלקנס האָט זיך באַוויזן אַ שטראַל. ניט ווייט פון לאָדזש איז אין צוג אויפגעשטיגן דער שליח מ. מ. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דינהן און זי דערקענט. ער האָט זיך געזעצט נעבן איר .

— האָבן מיר זיך ניט געטראָפן אויף דער זומער־קאָלאָניע נעבן לאָדזש ?

זי האָט עס באַשטעטיקט.

איז וואָס הערט מען ? וואָס שווייגסטו אַזוי פאַרעקשנט ?

— מ'מוז שווייגן, ווען ס'העלפן ניט קיין רייד.

— דאָס איז ניט קיין אַקסיאָמע. אַ מאָל דאַרף מען קעמפן, און שטאַרק קעמפן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי לעבט עפּעס איבער. ניט געוואָלט זיך גריבלען.

— דאָס לעבן איז שווער, פול מיט ליידן, אומגערעכטיקייטן. אַ סך עוו־לות ווערן באַגאַנגען. אַזאַ איז די וועלט. מיר שטרעבן צו אַ שענער לעבן. מ׳דאַרף גלייבן. ריכטיק איז דאָס פאָלקסווערטל: געלט פאַרלוירן גאָרניט פאַרלוירן, דעם גלויבן פאַרלוירן אַלץ פאַרלוירן, — האָט ער ווי פאַרחלומט גערעדט, ווי ער זאָל וויסן וואָס איר פּייניקט.

— גלייבן דאַרף מען קאָנען. און געלט דעציזירט פיל אין לעבן.

— **דאָס איז אמת. אָבער אמת איז אַ רעלאַטיווער באַגריף. מען מוז שטרעבן צו אמתדיקס, וועט זיין לייכטער צו לעבן.**

מ.מ. איז אַראָפּ פון צוג, זיך פריינדלעך געזעגנט. דינה איז געווען מיד. דאָך איז זי געגאַנגען צו פוס אין קיבוץ. פאַרטראַכט, אויף קיינעם זיך ניט אומגעקוקט. זי איז צוגעקומען צום טויער און אָנגעקלונגען, דער סדרן־עבודה האָט איר געעפנט. אַרום אים זענען געשטאַנען חברים פאַרזאָרגטע, אומרויִקע. דער סעקרעטאַר האָט געהאַלטן דעם טעלעפאָן ביים אויער. קיי־נער האָט אפילו ניט געדענקט אַז זי איז ניט געווען אין לאָדוש.

— וואָס איז געשען? — האָט דינה געפרעגט.

חיה מיט די קורצזיכטיקע אויגן האָט זי אָנגעקוקט און שטיל גע־ענטפערט:

— שמעון ליגט אין שפּיטאָל אין אַ האָפנונגסלאָזן צושטאַנד.

— און אסתר ווייסט?

— יאָ, זי זיצט נעבן אים די גאַנצע צייט. זי איז אין זעקסטן חודש.

ס׳איז אַריין פּנחס. זי דערזען, האָט ער זי אַרומגענומען, צוגענומען ביי איר די וואַליזקע און זי אַריינגעפירט אין עסצימער.

— קום צום טיש, ביסט אודאי הונגעריק.

ער איז אַריין אין קיך און געבראַכט ברויט מיט מאַרגאַרין. ער איז געזעסן נעבן איר, זי אָנגעקוקט אַ צופרידענער און זי דערמאָנט צו עסן.

— וואָס איז געשען מיט שמעונען?

— די גרעסטע דאָקטוירים האָט מען איינגעלאַדן. דער אולקוס האָט זיך צעגאָסן. ער האָט פיל געטאַנצט. זי איז געקומען ווייל זיי האָבן געזאָלט

צוזאַמען עולה זיין. אין קיבוץ האָבן אַלע געזאָרגט וועגן זיין לעבן.

אַ שטאַרקער רעגן האָט אַ זעץ געטאָן אין די שויבן. חברים זענען געווען פאַרזאָרגט. אויך דינה האָט ניט געקאָנט עסן, כאָטש זי איז געווען הונגעריק. יצחק איז אַריינגעקומען אין חדר־האוכל אַ בלאַסער, אַן אומגליקלעכער, אויפגעהאַנגען אויפן טאָוול אַ נעקראָלאָג „שמעון איננו״. די חברים האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צום שפּיטאָל.

.26

דער קיבוץ האָט אָפּגעדונגען אַ הויז אין אַנדזשעיעוו, ביי לאָדזש, און איינגעאָרדנט דאָרט אַ דאַטשע. יעדער חבר איז אַרויסגעפאָרן אַהין אויף צוויי וואָכן. דער עיקר זענען אַהין געפאָרן די אָפּגעשוואַכטע חברים. די צוויי קיבוץ־„קינדער״ — ריטער און פעפער. מען האָט זיי גערופן אַזוי, צוליב זייער פריילעכקייט און אָפטן וויצלען זיך. זיי האָבן שפּאַצירט אויפן שמאָלן זאַמדיקן וועג פון ביידע זייטן סאָסנעוואַלד. ווען זיי האָבן פון וועיטנס דערזען אָנקומען פּנחסן זענען זיי אַרויס אים אַנטקעגן, גע־פרעגט אים צי ער האָט געבראַכט פּאָסט. פּנחס האָט געשמייכלט, אַרויס־גענומען פון וואַליזקע אַ פּעקל בריוו און צייטונגען. העלע, די בלאָנדע, וואָס האָט געפירט די קיך, האָט אויפגענומען די געקומענע חברים. ריטער און פעפער האָבן דערציילט נייעס. פיש האָט חתונה געהאַט מיט חיהן. טובה האָט פאַרלאָזט דעם קיבוץ. ריטער פילט זיך ניט באַקוועם. זיינע גוטע חברים האָבן פאַרלאָזט.

— אַ שאָד, וואָס טובה האָט פאַרלאָזט, — האָט העלע באַדויערט.

— חברים, אַן פּאָליטיק, — האָט ריטער זיך געוויצלט.

— ריכטיק, אַן פּאָליטיק, — האָט העלע מסכים געווען. גענומען דאָס ניקלנע גלעקל און געקלונגען צום עסן.

— קוק נאָר דעם בורזשוי, ווי ער איז אָפּגעברענט, — האָט ריטער אָנגעוויזן אויף כאַצקלען. — ווייל ער איז דיק, רופט מען אים „בורזשוי״.

— נאָכן עסן גייען מיר באַזוכן גאַטס שאַפּונגען, — האָט משה גע־זאָגט, אַ גלעט טוענדיק דעם בויך. און זיי האָבן געזונגען „את מליוני המחר הגורל מסר״.

— איך האָב אַ פֿאָרשלאָג, ריטער זאָל שאַפֿן אַ קאָמפּאָזיציע און משה די ווערטער און מיר וועלן זיין דער כאָר, — האָט פּעפּער פֿאַרגעשלאָגן.

די טישן זענען ווייס סערווירט. מ׳האָט זיך אויסגעזעצט צום עסן.

— שקט! אין מסיחין בסעודה, — האָט פּנחס באַמערקט.

נאָכן עסן זענען אַלע צוזאַמען געגאַנגען שפּאַצירן. אַ צאַרט ווינטל האָט געגלעט ווי מיט אַ ווייכער האַנט. ווען צוויי חברות האָבן זיך געפּרוווט דערוווייטערן, האָט פּעפּער פּראָטעסטירט און באַמערקט אויף אַ קאָנגרעס־יידיש: „האַלאָ, חברות, אין קיבוץ מאַכט מען ניט קיין ראַנדעוווּ, נאָך אויף דאַטשע דערצו. מיר גייען אַלע צוזאַמען”. חברים האָבן געלאַכט אויפֿן קול. מ׳איז צוגעקומען צו אַ בערגל, זיך צוגעזעצט און געזונגען פֿאָלקסלידער און דער עיקר דאָס לעצטנס פֿאַרפֿאַסטע לידל: „אַ בראָך צו די יאָרן, מ׳קאָן ניט פֿאָרן”. ריטער האָט נאָכגעמאַכט טשאַרלי טשאַפּלין און פּאַט און פּאַטאַשאָן. מ׳האָט זיך באַמיט זיך צו פֿאַרווײַלן, צו זיין פֿריילעך.

— איצע מייער, איי ווײַ, דער פּאַציענג גייט. — האָט פּנחס אָפּגעלאַכט פֿון קאָנגרעס־יידיש. ער האָט גערעדט אַ ליטווישן יידיש. ער האָט זייער ליב געהאַט די יידישע שפּראַך.

העלע האָט דערמאָנט:

— קינדער, מ׳דאַרף גיין שלאָפֿן. יהודה האָט געהייסן זיך אויסשטעלן לויט דער הייך און אַריינמאַרשירן אין שטוב.

משה האָט אָנגעשריבן אַ ליד.

— חברה, דער משורר גייט — האָט יהודה זיך געוויצלט.

— וואָס פֿייניקט איר חלוצימלעך — האָט ריטער ווידער געלאַכט. — רעד ניט קיין סך. מירן שרייבן צו דיין סימפּאַטיע, אַז דו בענקסט נאָך איר, קומט זי גלייך צו פֿליִען — האָט פּעפּער אים געדראָט.

— מער זיץ איך ניט נעבן ריטערן, ער רעדט ווי אַן אַלטע יידענע, — האָט יהודה פֿאַרמאַכט די אויגן מיט די הענט.

די בחורות זיצן ווי די טויבן. די אויגן ביי ריטערן האָבן געגלאַנצט שטאַרקער און ער האָט אויפֿגעזונגען „עמק עבודה”.

— פּנחס, זינג אַ ליד! — האָבן חברים געלאַכט; געוווּסט, אַז ער קאָן ניט זינגען.

— חברים, שלאָפן! ס׳איז שפעט. — די בחורים זענען אַוועק אין די בעטן, זיך נעבעטער צוגערוקט און שטיל זיך דערציילט אַנעקדאָטן.

צו מאָרגנס נאָך פרישטיק איז מען אַוועק אין וואַלד. פנחס מיט גאָרינען, האָבן זיך אָפּגעזונדערט און געלערנט דעם „מאַניפעסט״. אַנדערע האָבן געלייענט ראָמאַנען. ס׳זענען אָנגעקומען נייע חברים. דינה, יאָשע, און האָבן דערציילט נייעס פון לאָדזש. ווען ס׳איז געוואָרן שטילער, האָט ריטער רעציטירט די „המצבה״. שפּעטער האָבן זיי געבעטן דינהן פאָרלייענען. חברים זענען אַרויפגעקראָכן אויף ביימער, און כאַצקל האָט פאָטאָגראַפירט. ס׳איז אָנגעקומען אַ נייע חברה און דערציילט, אַז אסתר האָט געבוירן אַ זון.

27.

נאָך מיטאָג האָט פרידע אַריינגערופן דינהן אין מזכירות. זי דאַרף איר עפּעס וויכטיקס זאָגן. דינה האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס קאָן זי וועלן מיט איר רעדן. פאַרן גאַנצן יאָר האָט מיט איר קיינער פון מזכירות ניט גערעדט. זי איז אַריינגעגאַנגען ניט דרייסט אין מזכירות. פרידע איז געווען אַליין. זי האָט אָנגעקוקט דינהן און שטיל, ווי זי זאָגט איר אָן אַ וויכטיקן סוד, געפרעגט:

— איר זייט גרייט היינט ביי נאַכט אָפּפאָרן פון לאָדזש?

— וואָס דאַרף עס הייסן?

— פון גאַנץ פוילן פאָרן 35 בחורות. פון לאָדזש, אייניע, קיין יוגאָסלאַוויע. דאָרט וועט איר אַלע זיין אין וואַך און איר וועט עולה זיין. דאָרט זענען פאַראַן איינצלנע בחורים, סערטיפיקאַטן האָבן זיי געקריגן דאָפּלטע, אַזוי, אַז יעדער עולה קאָן מיטנעמען אַ מיידל. נאָר פיקציעס מאַכן. אויב איר זענט גרייט היינט ביי נאַכט צו פאָרן אין וואַרשע, פון דאָרט פאָרן אַלע אָפּ.

דינה איז געוואָרן שטאַרק איבערראַשט. זי האָט ניט לאַנג געטראַכט. געהערט דאָס וואָרט עליה, האָט זי געענטפערט אַנטשלאָסן:

— כ׳בין גרייט. מירן זען יוגאָסלאַוויע.

— דאָס דאַרף זיין אַ הונדערט פּראָצענטיקער סוד. געזעגענען זיך ניט מיט קיינעם. מ׳שטייט אויף פאַר טאָג און מ׳פאָרט קיין וואַרשע.

דינה האָט זיך געזעגנט מיט פרידען און איז געגאַנגען זוכן פּנחסן. זי האָט אים געפונען ביי זיין בעטל, ער איז נאָר וואָס געקומען פון דער אַרבעט. ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרחידושט:

— וואָס איז געשען?

— וואָש זיך אָפּ, טו זיך איבער, ועסט אַראָפּקומען אונטן, אין גאָרטן: איך וועל דיר עפּעס דערציילן — האָט זי פריילעך געזאָגט.

פּנחס איז געווען זייער נייגעריק, ניט פאַרשטאַנען וואָס ס'קאָן זיין. זי האָט אים אָנגעקוקט און געזאָגט:

— גו, איך גיי און וואַרט אויף דיר.

ער האָט זיך זייער געאיילט, אין אַ קורצער צייט אַראָפּגעקומען. דינה האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— פּנחס, דו האָסט היינט באַקומען אַ בריוו פון דיין מאַמען?

— נעכטן.

— וואָס שרייבט זי?

— זי לאַדט אונדז איין, מיר זאָלן קומען. איך האָב איר געשריבן פון דיר. זי וויל דיך קענען.

— וואָס טוט זי?

— זי איז אַ שניידערין, נייט וועש. פון דעם דערנערט זי זיך, ביז איך האָב אָנגעהויבן פאַרדינען. האָט זי געהאַט אַ ברודער אין אַמעריקע. ער פלעגט אַלע מאָנאַט איר העלפן. איצט לעבט זי פון נייען אַליין.

— איך וויל דיר דערציילן אַ נייעס.

ער האָט אָנגעשטעלט די גראָע אויגן מיט אומגעדולד. זי האָט אים דערציילט. ער איז געוואָרן בלאַס און אין כעס געפרעגט:

— דו האָסט מיך אַפילו ניט געפרעגט. ניט געפונען פאַר נייטיק זיך באַראָטן מיט מיר. פאַר וואָס זאָלסטו ניט וואַרטן אויף מיר?

דעם ערשטן מאָל זעט זי אים אין כעס, אָן אויפגערעגטן. זי האָט גע־שוויגן — און נאָך אַ קורצן נאָכטראַכטן געזאָגט:

— ווען ס'שוין יאָ דאָ אַ געלעגנהייט צו פאָרן, קאָן איך זיך ניט אָפּ־זאָגן. ווען איך וועל זיין אין לאַנד, וועל איך זיך באַמיִען מ'זאָל דיך וואָס פריִער שיקן.

ער האָט איר ניט געגלייבט. געטראַכט, אַז מיט דער פיקציע קאָן זי אַ מאָל בלייבן אויף שטענדיק. און ער האָט געדריקט אומעטיק איר האַנט, געווען אומגליקלעך. ער האָט געפילט אַ פוסטקייט אַרום זיך. זי האָט געשמייכלט.

— פנחס, זיי אַ מאַנספּאַרשוין! די צייט וועט אַנטלויפן שנעל, און מיר'ן זיך זען. איך וואַרט אויף דיר.

ער האָט איר ניט געגלייבט. זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און שטיל געזאָגט:

— אויב דו וועסט מיך ניט פאַרבייטן אויף אַ צווייטע, וועל איך דיך ניט פאַרבייטן.

דריטער טייל

יוגאָסלאַוויע 1937

.28

די באַן האָט זיך געשטעלט אין פּאָדראַווסקאַ סלאַטינאַ. די בחורות פון פוילן מיט זייער באַגלייטער, מענדל ב. זענען געבליבן שטיין אויפן פּעראָן. אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטערלעך. דער וואָקזאַל — ווייס געקאַלכט. די גרויסע פענצטער האָבן אויסגעזען ווי פאַרשלאָפן. די באַן איז גלייך אָפּ־געגאַנגען. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט ווי אַ מיד אייזל, אַרויסלאָזנדיק פייער־פונקען. ביים וואָקזאַל איז געווען פאַרפלאַנצט אַ בלומען־גאָרטן. די לופט האָט געשמעקט. די ביימלעך — פייכט פון טוי.

חברים פון קיבוץ „במדבר" פון גאַליציע זענען געקומען איבערנעמען די געסט, צווישן זיי, ד"ר מאַניע, אַ הויכער, אַ יונגער, מיט ראָזע באַקן. ער האָט לאַנגזאַם אַראָפּגענומען די ברילן, זיי אויסגעווישט מיטן שפּיץ פון זיין בלוזע, אָנגעטאָן זיי צוריק, פאַררויכערט אַ פּייקע און געזאָגט אין דייטש:

— קינדער, קאָמען זי אין האָטעל סלאַטינאַ.

ער האָט גענומען צוויי וואַליזעס אין די הענט. אויך דער באַגלייטער מענדל ב. און שלום דער יוגאָסלאַווער, וואָס איז געקומען מיטן דאָקטאָר און די בחורות — אַלע זענען געגאַנגען אין האָטעל אַריין מיט די וואַליז־קעס. דער דאָקטאָר האָט געוואָלט זיי איינלאַדן עפּעס טרינקען. מענדל האָט געזען צו שפּאָרן געלט, און געפרעגט:

— צו וואָס דאַרפן מיר וואַרטן אין האָטעל?

— ווייל דער חבר מאַניע דאַרף גיין איינמעלדן די פּעסער. און מ'מוז וואַרטן. ביז מ'וועט קומען פון קיבוץ און אונדז מיטנעמען. אַכציק קילאָ־מעטער פון דאַנען, — האָט שלום אויפגעקלערט האַלב אויף יידיש, האַלב אויף דייטש.

מענדל ב. האָט געצײלט די חברות, צי אַלע זענען דאָ, און געבעטן:

— חברות, גייט אייך ניט פונאַנדער. מירן גלייך אָנהייבן גיין אין קי־בוץ.

ער איז געשטאַנען אין פענצטער, מיט אַ שטיקל פּאַפּיר אָפּגעווישט דעם טוי פון דער שויב און זיך אײַנגעקוקט אין זונאויפגאַנג. פאַרן אוועק־גיין האָט ד״ר מאַניע אַ פרעג געגעבן ביי דינהן פון וואַנעט זי איז. ער האָט געטראַכט: „די פּוילישע מענטשן זענען שוואַך אַנטוויקלט. זיי, די פּליטים פון דייטשלאַנד, וואָס מאַכן דורך די הכשרה אין גאַליציע, זענען אַלע פיזיש גוט אַנטוויקלט״. זהבה, די בלאָנדע, האָט זיך געזעצט ביי אַ טישל, געוואָלט שרייבן אַ בריוו אַהיים און צו איר חבר וועלכער איז גע־בליבן אין קעלץ. זי האָט געפרעגט ביי מענדלען אויפן אַדרעס פון קיבוץ. ער האָט זיך געוווּנדערט:

— שוין? האָב געדולד. מירן קומען אויפן אָרט וועסטו שרייבן.

זי האָט אַ פאַרשעמטע צוריק אַרײַנגעלייגט דאָס קאַרטל אין טאַש. עליזה, די שלאַנקע, מיט לאַנגע, געלאָקטע, טונקעלע האָר, האָט אַרומגע־שפּאַצירט אין זאַל פון האָטעל. איטע, די ברונעטע, איז געשטאַנען מיט איר שטאָטישער, רוחמה, און געשמועסט. דינה קוקט זיי אָן און פרעגט ביי זיי פון וואַנעט זיי זענען.

— פון בענדינער קיבוץ — ענטפערט רוחמה.

— ווי לאַנג וועלן מיר דאָ זיין? — פרעגט איטע ביי מענדל ב.

— מירן זיין אין קיבוץ אַ וואָך. מ׳וועט מאַכן פיקציעס און מיר וועלן עולה זיין, — האָט ער שטיל געענטפערט.

דאָקטאָר מאַניע האָט געמאָלדן, אַז ס׳איז געקומען אַ וואָגן נאָכן באַגאַזש — און די חברים וועלן גיין צופוס. ער איז געווען אָנגעטאָן אין קורצע, ווייסע הויזן און אַ בלאָער בלוזע. מענדל איז געווען שטיל, ווי פאַרזאָרגט, אומעטיק. זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג. ווו ניט ווו האָט אַ בעריאָזע־צווייג זיי פאַר־שטעלט דעם וועג. מ׳האָט געשפּאַנט איבערן שמאָלן, אויסגעטראָטענעם וועג. רוחמה האָט אויסגעטאָן די שיך, זי זאָל ניט אָנרייבן די פיס, געגאַנגען באָרוועס. חיהקע, די הויכע, דיקלעכע, מיטן נאַיוון פנים, האָט אויסגעזען ייִנגער ווי זי איז, זי האָט זיך דערנענטערט צו דינהן, געגאַנגען מיט איר.

מ׳איז פארבייגעגאנגען א וועלדל. חברות האבן זיך דערמאנט אין זייערע קליינע שטעטלעך, ווי זיי פלעגן קליבן פאר טאג אין וואלד יאגדעס אדער שוואמען.

— איז דאס שוין דער קיבוץ? אט דער רויטער דאך וואס שיינט פון וויטן — האט גאלדע געפרעגט.

— דאס איז דער פערדשטאל — האט ד״ר מאניע געענטפערט.

פון וויטן האט מען שוין געזען, ווי צוויי חברים האבן געשלעפט די אקסן ביי די הערנער און מיט זיי געאקערט דאס פעלד. מ׳איז צוגעקומען צום הויז, ווו דער דאך איז געווען געדעקט מיט שינדלען, די טעראסע — באהאנגען מיט גרינס. אין די זייטן — געדיכטע שאטנס פוןביימער. ביי די ביימער זענען געווען אויסגעשטעלט טישן מיט בענק. ווייטער פון די ביימער — אן אויוון צום באקן ברויט. חברות האבן זיך געזעצט ביי די טישן, און נחמה האט זיי איינגעלאדן צום פרישטיק. זי האט געפרעגט, שמייכלענדיק און פריינדלעך:

— חברים, ווער איז פון אויסטיילדינסט? דער סדרן־עבודה האט זיך געמאלדן, א ברייט־פלייציקער פון מיטעלן וווקס, מיט א לאנגער נאז, אויפ־געשטעלטע אויערן. ער האט גענומען דערלאנגען דאס עסן צום טיש. נאכן עסן האבן חזירים אפגעלעקט די טישן. די חזירים האט מען געהאדעוועט אויף צו פארקויפן. דער סדרן־עבודה, ארמאן, האט גענומען א שטיק האלץ און זיי אוועקגעטריבן. די חברות פון פוילן האבן זיך געוווּנדערט. פאר זיי איז עס געווען פרעמד. זיי זענען געזעסן מידע. איטע האט געבעטן א טרונק וואסער, איז געקומען עזרא און געבראכט טיי, פארזיסט מיט סאַ־כארין. ער האט געזאגט פריינדלעך:

— ביטע שיין.

ד״ר מאניע האט אנגערייצט אויף די חזירים דעם הונט אדאלף.

די בחורות זענען ארויף אויף א בוידעם. דארט האט מען זיי איינגע־ארדנט צום שלאפן. זיי האבן אויסגעשפרייט די דעקעס אויפן שטרוי און זיך צוגעלייגט אפרוען. מענדל ב. האט זיך אוועקגעלייגט אויף א באנק אונטער א בוים און איז איינגעשלאפן. מרים, א בלאנדע, נידעריקער פון מיטעלן וווקס, האט געזאגט:

— צי האָט איר באַמערקט אַז מענדל האָט ניט געגעסן, נאָר געריכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס?

זעענדיק די ערנסטקייט פון די בחורות, האָט זיי מרים געזונגען ראָמאַנ־טישע לידלעך, און דערציילט:

— אין ווילנער קיבוץ האָב איך געהאַט פיינע חברים! מ'האָט זיך אַזוי היימיש געזעגנט. מיר איז געווען ניט באַקוועם וואָס איך אייגע פּאָר, ווען ס'וואָרטן אַ סך באַשטעטיקטע אויף עליה. כ'מיין, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועלן מיר עולה זיין. נאָך עטלעכע טעג און מיר וועלן טרעטן אויפן חיפהער באָדן. — זי האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַ גוטע שטימונג.

אַלע זענען געווען מיד, פאַרבענקט, ווי שרעקנדיק זיך פאַרן מאָרגן. רות האָט צוגעקעמט אירע גלאַטע האָר. דינה איז געווען אומעטיק, ניט געוווּסט פאַר וואָס? זי האָט זיך באַמיט ניט אַראָפּוואַרפן דעם מאַראַל פון די חברות, האָט זי געשוויגן. ריבה האָט גערעדט פון איר פאָטער. זי האָט געוויינט, ווען איר פאָטער האָט זיך מיט איר געזעגנט און געטראַכט פון איר קיבוץ אין גראָכאָוו, וווּ איר חבר איז געבליבן. „ער זאָל מיך כאָטש ניט פאַרראַטן" — האָט זי געטראַכט מיט שרעק. חיהקע האָט געשמייכלט צו זיך אַליין, געטראַכט פון איר היים. זי איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן.

איטע האָט זיך געזאָרגט וועגן איר חבר, וועלכער איז אין ירושלים און שרייבט ניט מער. „אפשר האָט ער שוין חתונה מיט אַ צווייטער"? אירע קויל־שוואַרצע אויגן האָבן געגלאַנצט. כאַסיע פון קיבוץ „במדבר", די אַנ־פירערקע פון בגדים־מחסן, מיט אַ פּאַפּיראָס צווישן די פינגער, האָט גערעדט צו די אַרבעטערינס אין קינדער־מחסן וועגן די בחורות פון פּוילן מיט ביטול. „זיי זענען אָרעמע; געקומען מיט קליינע וואַליזקעס און ניט גוט אָנגעטאָן; זיי זענען ניט קיין שיינע". הערנדיק דאָס, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט:

— צי ווייסטו וויפל יאָרן זיי זיצן אויף הכשרה ביי זייער שלעכטע באַדינגונגען? נאָר וואָס איז אונדז וויכטיק? זיי דאַרפן דאָ זיין אַ וואָך צייט.

.29

די זון ברענט, ווי אַ פייער. ס'איז הייס און שווער. מרדכי, דער בעקער

מיטן ווייסן שירץ, אין קורצע גרינע הויזן, לאַנגע וואָלענע זאָקן, פאַרמאַכטע שיך, אויסגעשמירטע מיט טייג, האָלט אַ קויש מיט קערנער און צעשיט זיי איבערן הויף. קומען זיך צונויף הינער פון פאַרשידענע קאָלירן, גראָע, ווייַסע, געלע און האַלב־ווייסע, האַלב־שוואַרצע. די פעדערן גלאַט ווי מ׳וואָלט זיי אויסגעקעמט, ציִען אויס די געלע פיסקלעך און כאַפּן די קערנער. זיי שלינגען זייער שנעל, ווי זיי וואָלטן וועלן אַריינכאַפּן אַלע קערנער מיט אַ מאָל. שפּאַצירט זיך לאַנגזאַם אַריין אַ ווייסע גאַנדז, דעם קאָפּ פאַרריסן. דאַן לויפן די הינער אַוועק. קומט אַרמאַן מיט אַ ווייסער פעדער פאַרשטעקט אין גרינעם הוט, נעמט דאָס אייזן און קלינגט. קוקט אים מרדכי אָן:

— איז שוין פיר דער זייגער? צו וואָס קלינגסטו?

— יאָ, יאָ, מיין ליבער. פּינקטלעך פיר. לאַכילה! „פּאַדוויעטשאַרעק״.

ער האָט זייער ליב געהאַט די חברים, וואָס אַרבעטן גוט, האָט ער אַ פּאַטש־געטאָן מרדכין אין פּלייצע. ער האָט זיך געזעצט אָפּרוען אונטערן ניסנבוים און פאַרזוכט די זיסע שוואַרצע קאַווע, געגעסן ברויט מיט קעז, פאַרביסן מיט פּאַפּריקע. ס׳זענען געקומען די חברים און חברות פון דער אַרבעט אין פעלד אָפּגעברענטע, כמעט אַלע הויכע, פעסטע חברה, זיך געזעצט צו די טישן און געגעסן מיט אַפּעטיט. ווייטער אַ ביסל פון די טישן, אונטער אַ בוים, ביי אַ קליין טישל זיצט עזרא דער מזכירותניק. ער שרייבט אויף אַ מאַשין, באַרעכנט דעם מאָנאַטלעכן בודזשעט. מאיר, דער סעקרעטאַר, אַ הויכער, מיט אַ רונד, ווייס פּנים, טונקעלע קליינע אויגן, זיצט ביים טיש און קוקט אויף אַלע סתם אַזוי, גאָרניט זאָגנדיק. דאָרע, די קליינע, פון די פּוילישע חברות, אַ דיקע, מיט אַ הייזעריקער שטימע, פרעגט ביי מאירן, צי זי קאָן זיך זעצן אַקעגן אים. זי וואַרט ניט אויף קיין ענטפער, זעצט זיך, און שוין פאַרפירט זי אַ שמועס מיט אים. זי רעדט האַלב יידיש, האַלב דייטש. זי לאַכט און רעדט הויך אויפן קול.

— די יעקעס זענען ניט אַזוי דום, ווי דו מיינסט — שמייכלט מאיר.

— איך מיין גאָרניט. אין קעגנטייל. איר זייט אַלע שיינע מענטשן און וויכטיקע — האָט זי ווייטער איבערגעחזרט. — ווער איז דער חבר וואָס זיצט דאָרט? — שלום? — איך האָב אים געזען אין זאַגרעב.

— ריכטיק, ער איז די וואָך געקומען פון זאַגרעב.

שלום איז איר שטאַרק געפעלן. ער האָט שוין אָפּגעגעסן, געוואָרט מ׳זאָל קלינגען צו דער אַרבעט. און דאָרע פרעגט ווייטער ביי מאירן:

— וויפל חברים ציילט דער קיבוץ?

— 75 חברים, אָן די פוילישע חברות, — לאַכט ער — צווישן די 75 זענען דאָ 20 משפחות אָן קינדער. יעדע משפחה באַקומט אַ צימער. 5 רווקות און 30 רווקים.

מענדל איז געזעסן אויף אַ באַנק, טראַכטנדיק פון די דייטשע ייִדן, וועלכע לעבן איבער פיל רדיפות, וועגן די פּליטים, וואָס געפינען זיך דאָ אויף הכשרה.

ס׳איז צוגעקומען דער סדרן־עבודה און אים געמאָלדן:

— ס׳פעלן 2 דעקעס. ווער ס׳האָט זיי גענומען ווערט געבעטן צוריק־ברענגען זיי אין צימער נר. 8. ס׳ווערט אויך געבעטן צו האַלטן זויבער די טואַלעטע.

מאיר דערציילט:

— מיר האָבן 600 דונאַם באַדן און מיר באַאַרבעטן זיי. ס׳איז געווען אַ וויסטע אין די בערג. ס׳איז זייער שווער. פיל חברים קרענקען דאָ אויף מאַלאַריע.

דאָרע האָט זיך געשראָקן, נאָר געטראַכט: „גוט וואָס מיר פאָרן שוין אַוועק, אַזוי גלייב איך, כאָטש כ׳זע ניט קיין אָנהויב דערפון".

— וואָס מאַכט איר מיט די שאָף? — האָט זי געפרעגט, קוקנדיק אויף אריהן, וועלכער טרייבט זיי.

— מיר האָבן 200 שאָף. די וואָל פאַרקויפן מיר, דאָס פלייש עסן מיר, אויך די חזירים פאַרקויפן מיר. ס׳צו טייער דאָס פלייש. מיר האָבן 11 אָקסן, 15 מעלקעדיקע קי, 10 פערד. ביז איצט האָבן מיר געוואָרט איין יאָר אויף הכשרה. איצט וועט מען שוין מוזן וואַרטן צוויי יאָר. — האָט ער שטיל דערציילט.

— דו ביסט פון בערלין? — האָט מענדל, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט מיט אינטערעס צו זיינע רייד געפרעגט.

— איך בין פון יעקע־לאַנד. איצט איז עס היטלער־לאַנד. איך בין ריכ־טיק פון בערלין. דאָך, וואָלט איך וועלן אַ קוק טאָן ביי מיר אין שטוב ווי

ס׳זעט דאָרט אויס, מיינע עלטערן ווינען נאָך דאָרט.

— כ׳האָב געהערט, אַז ביי אייך זענען דאָ חברים, וואָס זענען געוועזן ביי היטלערן אין לאַגער?

— דריי חברים זענען געקומען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. זיי זענען אויסגעוויילט אין וועד פון קיבוץ. זיי זענען באַוווסטזיניקע, געוואָרן קאָמוניסטן. זיי שטודירן באַראָכאָוויזם. מיר ווילן זיי איבערצייגן. יעדן מאָנאַט פרעגן מיר זיי, צי זיי זענען שוין מיט אונדז. אין פאַל, ווען זיי וועלן זיך אידעיש ניט דערנענטערן צו אונדז, וועלן מיר זיי ניט באַשטעטיקן צו עליה און זיי ווילן עולה זיין. זיי פירן דאָ ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע, זענען זייער אָרנטלעכע מענטשן.

— ווו האָסטו געלערנט?

— אין אוניווערסיטעט, אויף כעמיע. שוין 3 יאָר, ווי כ׳האָב געמוזט פאַרלאָזן דייטשלאַנד.

— און דו אַרבעטסט אין מרכז.

— אין מחלקת עליה.

— אַך זאָ. — האָט מאיר אים אָנגעקוקט מיט דרך־ארץ.

דינה איז אַוועק שפּאַצירן מיט שרהן פון מאַציעוו. זיי האָבן באַקוקט די בערג און די פעלדער, דער וועג איז אַ ליימיקער.

— אַך, דינה! כ׳בין אַזוי אויפגערעגט! — האָט שרה געזאָגט און זיך פונאַנדערגעלאַכט. — כ׳בין פיר־אַ־ האַלב יאָר געזעסן אין קיבוץ, שטענדיק אַקטיוו. די בחורות האָבן מיך פיינט געהאַט, ווייל כ׳זאָג שטענדיק דעם אמת אין די אויגן. פלוצעם איז געקומען אַ ידיעה: ווער ס׳קאָן אין צוויי טעג זיך צוגרייטן צו עליה, זאָל זיך מעלדן. כ׳האָב זיך געמאָלדן. כ׳בין אפילו ניט געפאָרן זיך געזעגענען מיט מיינע עלטערן. איך קאָן מיר דאָס ניט שענקען. וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן? כ׳האָב ניט מער ווי איין פּאָר שיך און איין קליידל. פון פוילן קאָן מען אַהער ניט איבערשיקן. אין דער היים האָב איך פיל זאַכן. מיר ליגט אויפן געוויסן דאָס ניט געזעגענען זיך מיט מיינע עלטערן, — האָט זי פיל מאָל איבערגעחזרט.

— וואָס קאָנסטו שוין איצט טאָן? דו וועסט זיי אַריבערנעמען אין ארץ.

דינה האָט ניט געהאַט קיין חשק צו רעדן. שרה האָט פאַרגעזעצט:

— דאָס זענען קאַלטע קאָמפּרעסן... אַריבערגעמען! גוט צו זאָגן. אַזוי נעמט זיך דאָס אַריבער? מיין פאָטער — אַ משכּיל, אַ זיסער ייִד.

זי האָט אַרויסגענומען פון טעשל דעם בריוו פון די עלטערן, וואָס זי האָט געקריגן ניט לאַנג פאַר איר אַוועקפאָרן. און ער שרייבט אין עברית: „ווי איז מיר, טייערע טאָכטער, דו פאָרסט אַוועק אַן אָרעמע". „און מיין מוטער זאָרגט, וואָס זי וועט מיך שוין מער ניט זען". זי האָט נאָך גערעדט פון איר לעבן אין דער היים. דינה האָט זיך שוין מער ניט איינגעהערט. איר איז געווען שווער זיך צוגעוווינען צו איר הויכן און דינעם קול. זי האָט זיך פאַרטראַכט ווי זי האָט ניט קיין היים. שרה האָט ווייטער גערעדט:

— דינה, דו ביסט איצט ניט געווען דאָ? ביסט ווי אויפגעוועקט פון אַ טיפן חלום?

ריבה האָט געטראָגן אין פעלד צוויי קוישן עסן פאַר די חברים. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט געמוזט פון דייטשלאַנד אַנטלויפן, ווייל איר מאַן איז אַ ייִד. זי האָט זיי געזעגנט און זיי האָבן זיך געזעצט אונטער אַ בוים, גע־קוקט אויפן רויטן שטיבל, וואָס שטייט אויפן באַרג אַזוי איינזאַם. אין דער סאַזשלקע מיטן גרינעם וואַסער האָבן זיך געבאָדן קאַטשקעס. די גרינע קוסטעס — אַרומגעוואַקסן מיט הויכע לעפעכע. די אָקסן האָבן שוין גע־שלעפט דעם וואָגן מיט קאַניטשינע. דער ריח האָט פאַרשיכּורט. משה און אַרמאַן זיצן אויפן וואָגן, שאָקלען זיך ווי שיכּורים.

דינה האָט זיך דערמאָנט אין דער ווילנער ווילייקע, ווו זי פלעגט אין חופש, זומער, זיצן און לייענען. ווען אַנדערע שילערס זענען געפאָרן אויף דאַטשע. די פּראָווינצער זענען געפאָרן אַהיים.

פּלוצעם האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אונטער אַ געדיכטן בוים. דאָרע איז אָנגעקומען, אין קורצע בלאָע הויזן מיט אַ גאַרטל איינגעשטייפט. גערעדט מיט איר הייזעריקן קול, צו מאַירן:

— דו וועסט מיך לערנען דייטש און איך וועל דיך לערנען עברית, —האָט זי אים אַ פּאַטש געגעבן אין דער ברייטער פּלייצע. זי האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, געוואָלט זען ווי ער נעמט עס אויף...

דער ווייגאַרטן איז גרין, אָבער די ווייַנטרויבן זענען ניט רייף. דינה האָט זיך צוגעזעצט אונטערן אַלטן אייַנגעבויגענעם בוים. זי האָט געטראַכט: „וואָס טוט איצט פּנחס? אַ גוטער חבר, אַ נאָנטער". זי האָט געבענקט צום טומל אין קיבוץ, געבענקט צו אַ וואַרעמער סביבה. צום לייענזאַל. דאָ איז אַלץ אַזוי פרעמד פאַר איר, קאַלט.

ס'איז צוגעקומען עזרא, מיט אַ שטילן טאָן, רויִק האָט ער געפרעגט צי מען קאָן זיך זעצן? זי האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן, זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, געענטפערט פריינדלעך:

— ביטע, זיץ!

ער האָט זיך געזעצט פון וויַיטן, געטראַכט: „פון ערשטן בליק ווי כ'האָב זי דערזען, איז זי מיר געפעלן. אַזאַ טיפּ האָב איך ליב". ער האָט ניט דרייסט געפרעגט:

— דינה, ווי פילסטו זיך ביי אונדז? אַלע חברות האָבן זיך שוין איינ־געלעבט.

דינה האָט געשוויגן.

— ביסטו פון פוילן?

— פון אוקראַינע.

— זאָ.

ער האָט ווידער געפרעגט:

— חברה, דו האָסט געלאָזט אַ חבר אין קיבוץ?

זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— אפשר ווילסטו זיין מיין פּיקציע?

זי האָט אים אָנגעקוקט, ניט געענטפערט. ער האָט געטראַכט: „אַ פּיק־ציע קאָן אַ מאָל בלייבן אַ פּאָר. איך האָב זי גערן. זי איז אַזאַ סאָלידע, זעט אויס צו זיין אַ טיפּזיניקע. כ'האָב געלערנט פּסיכאָלאָגיע. איך דערקען אַ מענטשן".

— וווּ זענען דיינע עלטערן, עזרא?

— מיינע עלטערן זענען אין דייטשלאַנד.

— וואָס טוען זיי ?

— הענדלערס. זיי האָבן אַ גרויס געשעפט. זיי וווינען אין לייפּציג. צוויי ברידער מיינע זענען אַוועקגעפאָרן קיין דרום־אַמעריקע. די עלטערן פאַרלאָזן ניט דייטשלאַנד. זיי דענקען, אַז היטלער וועט קריגן אַ מפלה, און זיי וועלן ווידער לעבן רויִק. די וואָך האָב איך באַקומען אַ פּעקל, נאָר ניט פון זיי, פון דזשאָינט.

שׂרה איז צוגעקומען.

— מ׳קאָן זיך זעצן ?

— קום, זיץ — האָט זי דינה גענומען ביי דער האַנט, זי אַוועקגעזעצט נעבן זיך.

זיי האָבן אַלע דריי גערעדט פון דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור. עזרא האָט ניט פאַרשטאַנען גוט קיין ייִדיש. ער האָט געטראָפן וועגן וואָס מ׳רעדט. ס׳איז געוואָרן טונקל. זיי זענען געגאַנגען אין קיבוץ. חיים האָט זיי צוגעלויכטן מיטן לאַמטערן, די בחורות זאָלן זען ווו צו גיין צו זיך אין שייער אויפן בוידעם. אויפן וועג האָט דער ווינט פאַרלאָשן דעם לאַמטערן, אַרום איז געוואָרן פינצטער, מ׳האָט ניט געזען ווו צו גיין. ס׳האָט ווידער אָנגעהויבן רעגענען, דאָס ליים איז געוואָרן פייכט, זיך געקלעפּט צו די זוילן. חיהקע האָט פאַרלוירן אַ שוך. חיים האָט געצונדן שוועבעלעך און געפונען איר שוך. די בחורות זענען אַרויף אויפן בוידעם, אָנגעצונדן דעם לאַמטערן, אויסגעבעט זייערע געלעגערס. איטע האָט פאַרדרייט מיטן נאָז פון שלעכטן ריח. „פאַרדומפּן", — האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע און געשמועסט מיט איר חברטע וואָס שלאָפט נעבן איר.

— דאָס שטרוי ליגט שוין דאָ יאָרן און דאָס דאַרף זיין אונדזער געלעגער — האָט ראָזע געלאַכט.

— אַ לעבן ! אָן קישנס, אָן ליילעכער, נאָ דיר אַ צוגאָב צו אַלע צרות, האָט דאָרע גערעדט אויפן קול.

— ס׳איז דאָך צייטווייליק — האָט דינה באַרויִקט.

— חברות, איר זייט קיין מאָל ניט געשלאָפן אויף אַ זומער־קאָלאָניע ? אַזוי שלאָפט מען, אויף אַזעלכע געלעגערס — האָט רוחמה דערמאָנט.

— שקט, שקט, דער מאָנד שיינט אַזוי שיין און מיר דאַרפן דאָ ליגן

איינגעלייגט — האָט דאָרע געחוזקט פונעם דיטשישן לשון.

— די שווינע שלאָפן בעסער ווי מיר — האָט חיהקע באַדויערט.

— ווייניק געווען די בלאָטעס אין האַראַדישטש ? נאַ דיר נאָך גאַליצ־ניץ אויף מיין קאָפּ — האָט דאָרע ווייטער געמורמלט. זי האָט אויפגעזונגען אַ יידיש פאָלקסלידל, „מיין שטעטעלע בעלז".

— חברות, פון מאָרגן אָן הייבן מיר אָן אַרבעטן — האָט גאָלדע גע־מאָלדן מיט אַן אויסגעצויגענער שטים. ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ פּראָטעסט.

— חברות, מיר קומען פון קיבוצים. ס'איז אָנגענעם זיך אַרומצודרייען, גאָרניט טאָן. מיר זענען דאָ שוין דריי וואָכן. זיי וועלן אונדז געבן אַרבעטס־זאַכן.

דינה האָט געטראַכט: עפּעס געפעלט מיר דאָ ניט. ווער ווייס צי אין דעם שעדיול וועלן מיר עולה זיין".

— דער סדרן האָט געמאָלדן, אַז מיר דאַרפן אַרבעטן גלייך מיט זיי, ביז אַ וואָך פאַר דער עליה — האָט גאָלדע צוגעגעבן.

— אַזוי גאָר, איז ווען וועט זיין אונדזער עליה ? — האָבן חברות גע־פרעגט מיט פּחד.

— נאָך עטלעכע וואָכן דאַרפן מיר וואַרטן — אַזוי האָט מענדל געזאָגט:

— פריידיקן איז לייכט. זי האָט זיך באַפריינדעט מיטן סדרן־עבודה, דערפאַר וויל זי מיר זאָלן גיין צו דער אַרבעט — האָט ביילע זיך געכעסט.

— מיר דאַרפן זיך אָפּרוען, זיך צוגעוווינען צו דעם נאַסן קלימאַט. ס'וועט זיין שווער צו אַרבעטן צוועלף שעה אין טאָג, אַזוי ווי זיי אַרבעטן — האָט מרים אויפגעקלערט.

— חברות, איצט איז שוין שפּעט. איך גלייב, אַז ווען ס'וועט זיין שווער צו אַרבעטן, וועלן זיי ניט צווינגען. איצט לאָמיר רויק שלאָפן. אַ גוטע נאַכט — האָט דינה געראָטן.

— אייזן בעטאָן — האָט איטע געזאָגט אין אַ קאָנגרעס־יידיש.

פּלוצעם איז געוואָרן ליכטיק אויפן בוידעם. ס'האָט געגעבן אַ טראַך, ווי די וועלט וואָלט איינגעפאַלן. מען האָט זיך דערשראָקן. פאַרשטאַנען, אַז ערגעץ נאָענט איז אַריין אַ דונער. ס'האָט געבליצט. אייניקע האָבן זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ, זיך באַמיט ניט צו טראַכטן. שלאָפן איז געווען

שווער. אַרמאַן מיט חיימען זענען געקומען מיט לאַמטערנעס, געפרעגט צי ס׳רעגנט ניט אַריין אויפן בוידעם.

— נאָך דאָס פעלט אונדז. לאַנג לעבן זאָלט איר, טייערע יאַטן — האָט דאָרע געלאַכט.

ווי ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, איז געקומען דער שומר מיטן לאַמטערן און געוועקט די חברות, זיי זאָלן קומען אין קיבוץ. מ׳וועט זיי געבן אַר־בעטס־זאַכן, און זאָגן ווו צו אַרבעטן.

— שטייען זי אויף מיינע ליבע דאַמען. די אור איז 4.30.

ער האָט דעם פזמון פיל מאָל איבערגעחזרט ביז די חברות האָבן גע־ענטפערט, דאַן איז ער מיט דער געבויגענער פלייצע אַוועק.

— חברות, אויפגעשטאַנען! — האָט גאָלדע צוגעיאָגט, און די ערשטע זיך אָנגעטאָן — מירן אַרבעטן, וועט די צייט אַוועק שנעלער. לאָמיר זען ווער ס׳איז פלייסיק.

— מיין פלייצע איז צעבראָכן פון טייערן געלעגער! — האָט ראָזע זיך אויסגעגלייכט אַ פאַרשלאָפענע:

— און איך פיל ניט קיין גאַנצן איבר — האָט דינה אַ מידע זיך אָנ־געטאָן.

— איך וויל שלאָפן — האָט מרים געגענעצט זיך אָנטוענדיק.

דינה, שרה און גאָלדע זענען די ערשטע געגאַנגען אין קיבוץ אַריין. ניט געוואָלט פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. ס׳איז געווען גליטשיק, נאַס, אָבער אַ וואַרעם ווינטל האָט געצערטלט איבערן פּנים. אַרמאַן, אין די גומענע שטיוול, האָט געשלעפּט די טישן אין דרויסן און גענומען אויסקערן דעם עסצימער. אויף לינקס איז געשטאַנען די ברוינע שאַפּע מיט ביכער אין ענגליש און דייטש. אויף דער שאַפּע — וואַליזעס. צוויי אָפענע פענצ־טער אַרויס אויף דער טעראַסע. אויפן וואַנט — ד״ר הערצלס בילד, ווי ער זוכט אַ מדבר פאַר די גערודפטע פליטים. נעבן אַרלאָזאָראָווס בילד — מאַרקס מיט דער ברייטער באָרד.

ווען די חברות זענען געקומען אין עסזאַל, האָבן זיי שוין געהאַט 20 מינוט פאַרשפּעטיקט. דערפאַר האָבן זיי ניט באַקומען קיין פרישטיק. גע־

טרונקען בלויז טיי און אוועק אין פעלד צו דער אַרבעט. דער דאָקטאָר האָט דינהן איינגעאָרדנט אַרבעטן אין מחסן־בגדים. ער האָט געזאָגט, אַז זי איז צו שוואַך, פאַר פעלדאַרבעט. זי האָט געפּרעסט די העמדער.

כאַסיע, די אָנפירערין מיטן מחסן, האָט שטענדיק געלאַכט: „בקיבוץ במדבר אין דבר". דאָס איז דער גאַנצער עברית וואָס זי האָט געקאָנט. זי האָט זיך באַרימט, אַז זיי האָבן צוועלף הונדערט ביכער.

— אַלע האָבן מיר געמאַכט פּליטה פון דייטשלאַנד, — האָט זי קאָקעטירט מיט די ברוינע, שיינע אויגן און ראָזן אוואַל־פּנים. זי האָט זיך געפרייט, ווען זי האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט אין העברעיִש. — איך רעד פּערפעקט ענגליש, דייטש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש, נאָר עברית קאָן איך זיך ניט אויסלערנען, ווי טערקיש זעט עס מיר אויס. ווען מיר זענען אַנטלאָפן פון היטלערן, זענען מיר געווען אין איטאַליע. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט מיין מאַן. דאָס זענען געווען גליקלעכע צייטן. אין קיבוץ ווינטש איך ניט קיינעם צו האָבן אַ מאַן אַ דאָקטאָר. אימער איז ער באַשעפטיקט. אימער האָט ער קיין צייט ניט. אַלע פון גאַליציע, פון סלאָטינאַ, קומען זיך היילן ביי אים. פיל אָרעמע קראַנקע יוגאָסלאַוון — זי האָט זיך אויסגעצויגן, געגענעצט. — היינט האָב איך ניט קיין לוסט צו אַרבעטן. איך וועל אַ קוק טאָן וואָס איז מיט מיינע זאַכן צו עליה. זי האָט אַראָפּגענומען די קליינע וואַליזקע פון שאַפע, געעפנט זי און באַטראַכט די אַנטיקן. זיידענע וועש, ווי אַ רייכע כלה צו דער חתונה. אָנגעמאָסטן אַ ווייסע שנור פּערל, אַריינגעלייגט צוריק מיט אַ זיפץ. — אַ שאָד, וואָס חלוצים דאַרפן ניט טראָגן קיין צירונג.

דינה האָט זיך באַמיט צו אַרבעטן גוט און געטריי. געווען דאַנקבאַר, וואָס מ'האָט זי ניט געשיקט צו שווערער אַרבעט, כאָטש זי האָט זייער געוואָלט אַרבעטן אין פעלד. דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען, געזאָגט פריינדלעך שלום צו אַלע אַרבעטערינס, געשמייכלט צו זיין פרוי און געזאָגט אַז ער גייט צו אַ קראַנקן. דערביי דערזען זיין פּאַציענטין שפרה וועלכע גייט אויף דער מאַשין, זיך אָפּגעשטעלט נעבן איר, און געפרעגט:

— שפרה־לעבן, ווי גייט עס דיר?

— גוט, דאַנקע.

— דער קאָפּ ?

— טוט מער ניט ווײ.

— מאַניע, קום היר — האָט כאַסיען פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך מיט איר ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט פאַרריכט זײַן ווײַסן קראַגן פון דער בלוזע, אויסגעלייגט אים גלײַך. און צו אים געלאַכט: „ייִדישע חוצפּה״ און ער איז אַוועק מיט דער טעקע אין האַנט.

שפרה האָט זיך געווענדט צו כאַסיען.

— מײַן מאַנטל האָסטו אַוועקגעגעבן די פּוילישע בחורות ? איך דאַרף אַ צווייטן.

— קוואַטש, דו האָסט שוין אַ צווייטן. זי האָט זיך פאַרקרימט און גע־וואַנדן צו דינהן :

— דו ביסט אַ טיכטיק מיידל. מײַן פאָטער האָט ליב געהאַט גוטע אַרבעטער.

— ביי וואָס האָט ער באַשעפטיקט אַרבעטער ?

— ער האָט געהאַט אַ גרויס טעקסטיל־געשעפט.

— מאַן לייטעט — האָט זי זיך דערפרייט וואָס מ׳קלינגט צו פרישטיק.

— קינדער, מיר גייען עסן.

.31

צוזאַמען מיטן זונפאַרגאַנג, קערן זיך אום די חברים פון דער אַרבעט אין פעלד. די בחורים מיט די קאָסעס אויף די אַקסל. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ טומל, ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום קיבוץ. דער וואָגן איז געבליבן שטיין. דער מזכירותניק וואָס איז געקומען פון סלאָטינאַ, איז גלײַך אַריין אין חדר־מזכירות, אָפּגעשלאָסן די טיר, נאָר דאָס פענצטער איז געווען אָפן. די בחורות האָבן זיך געשטופּט צום פענצטער, זיך פרעגן, צי ס׳איז דאָ בריוו פאַר זיי. עזרא האָט גענומען דאָס פּעקל פּאָסט אין האַנט, אויסגעלייענט פאַר וועמען ס׳איז אָנגעקומען פּאָסט.

דינה איז געזעסן אונטערן בוים, און ווי נאָר זי האָט דערהערט איר נאָמען, איז זי שנעל צוגעלאָפן צום פענצטער, גענומען דעם בריוו און שנעל אים אויפגעריסן, געלייענט מיט גרויס אינטערעס. חברות האָבן זי אַרומ־

גערינגלט, געפרעגט פון וועמען דער בריוו איז. זי האָט דערציילט, אַז ער איז פון קיבוץ אין לאָדזש, פון דער מזכירות. מ׳וואַרט אויף עליה. דערווייל אַרבעט מען. ראָזע מיט חיהקען זענען צוגעקומען פאַרווייטעט, פאַרזאָרגטע און געזאָגט צו דינהן:

— דו ווייסט פון גאָרניט? נאָר אַכצן חברות וועלן די וואָך עולה זיין. די אַנדערע זיבעצן וועלן פאָרן מיטן קומענדיקן שעדיול. דו און מיר זענען צווישן די זיבעצן, וואָס בלייבן.

דינה איז בלאָס געוואָרן. ניט געקאָנט אַ וואָרט אַרויסריידן. ניט גע־גלייבט.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

ביילע האָט ברוגז געמורמלט:

— אַ מאָדנע בחורה, קיין מאָל גלייבט זי ניט. אַ פיינער יושר! איך בין די עלטסטע פון אַלע און דאַרף ווייטער בלייבן אויף הכשרה. אָך, ביילע, ביילע, האָסטו אַ מזל! — האָט זי גערעדט ווי צו זיך אַליין.

פּעסיע איז געגאַנגען צו מענדלען איבערפרעגן, פאַר וואָס זי דאַרף בלייבן אין גאַליציע.

מענדל איז געלעגן אויפן גראָז אַנטקעגן קיבוץ. געררויכערט אַ פּאַ־פּיראָס. רוחמה האָט געטענהט צו אים:

— וואָס איז געשען? זיבעצן חברות בלייבן דאָ אויף ווינטער?

מענדל האָט זיך אויפגעשטעלט, די הענט אין די הויזן־טאַשן, שטיל און רויִק געזאָגט:

— געדולד מוזט איר האָבן. איר דאַרפט ניט זאָרגן. מ׳זאָרגט שוין פאַר אייך. ס׳וועט זיין אין אָרדענונג. ס׳וועלן איבערגיין עטלעכע מאָנאַט און איר וועט אויך באַקומען סערטיפיקאַטן.

די חברות האָבן ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, ווי צו רעאַגירן אויף דער עולה. דינה מיט שׂרהן האָבן שפּאַצירט, שווייגנדיק. דינה האָט געטראַכט: „ווער האָט זיך געריכט אויף אַזעלכעס? און ווער האָט אַ רעכט צו באַ־שטימען, וועמען אָוועקשיקן און וועמען דאָ איבערלאָזן נאָך אויף זעקס־אַכט מאָנאַטן?". נאָר זי האָט ניט געהאַט די דרייסקייט צו זאָגן דאָס מענדלען. שׂרה, דערזעען אַז דינה איז זייער אומעטיק, האָט די ערשטע זיך אָפּגערופן:

— וואָס זאָלן מיר טאָן? מירן זיך דאָ איינגעוויינען צו לעבן נאָך א צייט.

ארמאַן האָט זיי באַגעגנט און פריינדלעך געפרעגט:

— ווי גייט עס אייך, קינדער?

— גוט אין דר׳ערד — האָט שרה געענטפערט מיט כעס, ווי ער זאָל שולדיק זיין.

דער קיבוץ האָט איינגעאָרדנט א געזעגענונג־אָוונט פאַר די וואָס פאָרן אוועק. ניט ווייט פון ווייִנגאָרטן האָט מען געמאַכט אַ פייער — א מדורה. חברים זענען געזעסן אַרום דעם גראָז און געזונגען: „קומו לעבודה״; „אנו עולים ארצה״ און אַנדערע לידער, אין עברית און אין דייטש. דער עקאָנאָם, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ חסידישער יונגערמאַן, הויך און מאָגער, האָט געטיילט חלה מיט ראָזשינקעס געבאַקן אין קיבוץ. דער סעקרעטאַר, מאיר, האָט גערעדט וועגן די אויפגאַבן פון די עולים. ווען ער האָט געענדיקט רעדן, איז געקומען אַרמאַן מיט זיינע באַגלייטערס — אַלע אָנגעטאָן אין ווייסע בלוזעס. מאיר האָט געמאָלדן אַז מענדל וועט רעדן. די לבנה און די שטערן האָבן באַלויכטן פון אויבן, און דאָס פייער אונטן האָט געברענט מיט דער גאַנצער קראַפט.

מענדל האָט גערעדט מיט געפיל צו די וואָס פאָרן ניט איצט. געטרייסט זיי און געענדיקט:

— צום ווידערזען אין אונדזער אַרבעטער לאַנד, שלום פאַר אַלע.

מ׳האָט נאָך געזונגען און אַוועקגעטאַנצט אַ האָרא.

דינה האָט געטראַכט:

„ער רעדט שיין און פיין, אָבער ווו איז די דעמאָקראַטיע? פאַר וואָס האָט ער אַליין באַשטימט ווער ס׳זאָל פאָרן און ווער ס׳זאָל בלייבן דאָ. פאַר וואָס האָט ער זיך ניט באַראָטן מיט אונדז?״

— ער אינטערעסירט זיך בכלל ניט מיט אונדז, — האָט גאָלדע זיך געכעסט אַ ניט־צופרידענע.

— ער איז אַ מרכזניק, דערפאַר איז ער אַזוי גרויס ביי זיך — האָטביילע געטענהט.

— ער האָט אַזאַ כאַראַקטער — האָט פערל אים פאַרטיידיקט.

מענדל האָט באַמערקט אַז די חברות, וועלכע פאָרן ניט איצט, האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל ברוגזע, איז ער אַוועק שמועסן מיט זיי און זיי געזאָגט:

— חברות, היינט איינס אַזייגער ביי נאַכט פאָר איך אַוועק. קומט אין אייער צייטווייליקער וווינונג, — האָט ער געשמייכלט.

אויפן בוידעם איז דער לאַמטערן, אַ פאַררויכערטער, געהאָנגען אויפן סלופּ. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן שטרוי אַרום אים. מינוטן האָט געהערשט אַ פּאַניש שטילשווייגן. מענדל האָט מיטגעפילט די חברות, פּונקט ווי ער וואָלט שולדיק געווען וואָס ס׳איז ניטאָ גענוג סערטיפיקאַטן.

— חברות! ס׳געשען אַ ניט־פאָראויסגעזעענער צופאַל. ס׳איז ניט קיינעמס שולד דערין. ס׳געשעט, ביים געבן די סערטיפיקאַטן, אַז ענגלאַנד רייסט אַראָפּ פון דער צאָל וואָס זי פאַרעפנטלעכט. מען רעכנט אַז אין אַ דריי־פיר מאָנאַט אַרום וועט זיין אַ שעדיול. איר מוזט האָבן געדולד. אפילו מ׳וועט באַקומען זייער ווייניק, זענט איר אויפן ערשטן אָרט. דער מרכז אין פוילן וועט שוין זאָרגן אַז מיט אייך זאָל זיין אַלץ אין אָרדענונג. איך האָב גערעדט מיט דער מזכירות אין גאַליציע, זיי זאָלן אייך איינאָרדענען, אַז איר זאָלט ניט ליידן. איך פאָר איצט קיין בערלין. נאָך דעם קיין ציריך צום קאָנגרעס. אויב ס׳וועט נייטיק זיין, וועל איך קומען צוריק אַהער.

די חברות האָבן ניט געהאַט קיין דרייסטקייט צו רעדן, אָדער טענהן. ער האָט געוואַרט זיי זאָלן עפּעס זאָגן. און בתיה האָט זיך אָפּגערופן אַן אומעטיקע:

— פאַרסטו שוין טאַקע אַוועק? — זי האָט עס געזאָגט אַזוי, ווי זי זאָל מורא האָבן אַליין צו בלייבן — און איך זאָג דיר, מענדל, אַז דו האָסט ניט יושרדיק געפירט דעם ענין. מיך האָסטו געדאַרפט שיקן פון די ערשטע. איך בין שוין פינף יאָר אויף הכשרה. ווען דו וועסט פרעגן אין מרכז אויף בתיהן, וועט מען דיר זאָגן אַז האָסט מיך ניט יושרדיק באַהאַנדלט.

זי איז געווען צופרידן, וואָס זי רעכנט זיך אָפּ מיט אים. ער האָט גאָרניט געענטפערט. די חברות, וואָס פאָרן די וואָך אָפּ, האָבן געזעגנט צוזאַמען מיט די באַשטעטיקטע פון קיבוץ. אַ טייל חברות האָבן מענדלען באַגלייט צום וואַגאָן. און ער איז אָפּגעפאָרן אין סלאָטינאַ, זאָגנדיק: „סבלנות!״

צו מאָרגנס זענען די חברות, פאַריאושטע, ניט אַרויס צו דער אַרבעט,

געלעגן אויפֿן בוידעם און ניט געוואָלט עסן.
— ער האָט אונדז פֿאַרפּירט. וויפֿל מ׳האָט זיך אין דער היים געבעטן, בתיה־לעבן פֿאַר ניט, ווער ווייסט ווו איר פֿאַרט דאָרט. אָבער בתיה איז אַן עקשן, ניט געפֿאָלגט, און געפֿאָרן. נאַ! און ווייס וואָס עס הייסט עליה.
ראָזע האָט זי אָנגעקוקט:
— אפשר געדאַרפֿט פֿאָדערן ער זאָל אונדז צוריקנעמען אין פּוילן. צוריק אין מיין קיבוץ. אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט גערעדט מיט מענדלען.
עס זענען אַריבער עטלעכע טעג און די מיידלעך האָבן זיך באַמיט זיך צוגעוווינען צו דעם לעבן און זענען אַרויס צו דער אַרבעט.
גאָלדע רוט זיך אָפּ פֿון דער אַרבעט, זי זיצט אָנגעשפּאַרט אין אַן אָפּ־געהאַקטן בוים. נעבן איר זיצט אַרמאַן. ער טיילט דאָס עסן פֿון בלאָען, גרויסן טאָפּ. ער לייגט אויף די טעלערס מאַקאַראָנען מיט טאָמאַטן־זופּ און גיט צו דערביי שפּינאַט. שלום דיסקוטירט וועגן די פּוילישע בחורות און מיכליע שרייט אים איבער:
— אין ליטע שטייען די קיבוצים אויף אַ העכערן ניוואָ ווי אין פּוילן. ס׳איז אַן אַנדער מענטאַליטעט. אויך העכער ווי אין גאַליציע — און איך זאָג, אַז די גרעסטע אידעאַליסטן זענען ניט אין ליטע, נאָר אין פּוילן. אָבער די יעקעס אין יוגאָסלאַוויע זענען פּראַקטישער פֿון אַלע.
— ליבע חברים, אַלע וואָס געפֿינען זיך אין קיבוץ „במדבר״ און „דבר״ זענען גוט און טיכטיק, — האָט אליהו באַרויקט.
— חברים, לאכילה, — האָט אַרמאַן געמאָלדן — און געגעבן דעם ערשטן, אליהון, דעם טעלער גריניסן.
— כוואַלאַ ליעפּאַ (אַ דאַנק) האָט אליהו העפֿלעך געזאָגט.
— גענוג דיסקוטירט, קוואַטש, נאַרישקייטן — האָט אַרמאַן געלאַכט, און אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט ער שוין גערופֿן: לעבודה!
— ס׳איז נאָך דאָ צוויי מינוט — האָט גוסטאַוו באַמערקט.
— צו וואָס דאַרפֿן מיר עליה? אונדז איז גוט אין גאַליציע, — האָט אפֿרים געוווּנקען אויף די פּוילישע בחורות און גענומען די גראַבליע אין האַנט.
— מיר קאָנען אויך פֿאָרן אין מאַדאַגאַסקאַר — האָט גוסטאַוו זיך גע־

ווילצט. — אין ארץ וועלן מיר האָבן פיל צרות פון די אַראַבער.

גאָלדע האָט זיך איינגעהערט און געשאַרט דאָס היי מיט דער גראַבליע. ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ריח, ווי פון אַ גוטן פּערפום.

— חברים, ווען מען רעדט אַ סך, קלאַפּט ניט — האָט ציפּורה די בלאָנדע באַמערקט.

מיכליע האָט זיך דערוויטערט פון די חברים, זי זאָל קאָנען זיך אָפּט אָפּרוען. ווען זי האָט באַמערקט אַז אַרמאַן קומט, האָט זי גענומען אַרבעטן שנעל. דער דאָקטאָר האָט איינגעשפּאַנט די אָקסן, גענומען די לייצעס און אויפגעהויבן די בייטש אין דער הייך, זיי זאָלן שנעלער גיין. ער האָט פאַר־ריסן דעם קאָפּ און ברייט געשמייכלט. אַרמאַן איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן און צוזאַמען מיט אים געפאָרן.

אפרים האָט געשמועסט מיט זיינע חברים.

— די פּוילישע בחורות קאָנען ניט אַרבעטן. ווען מיר וועלן איצט ניט אַרבעטן, וועלן מיר ווינטער ניט האָבן וואָס צו עסן.

— מ'דאַרף אויך באַצאָלן די פרעמדע אַרבעטער, — האָט יוסף דער־מאָנט.

ווען מ'האָט זיך אומגעקערט אין קיבוץ איז שוין געווען פינצטער. די שטערן האָבן זיך באַוויזן צווישן די ביימער, ווי זיי וואָלטן זיך געישובט — יאָ אַרויסקומען, אָדער זיך באַהאַלטן אונטער אַ וואָלקן. די פּוילישע חברות האָבן זיך געפילט ניט נאָר ווי ניט־גלייכע מיט די חברים, נאָר ווי ניט־געבעטענע געסט.

— אין מחסן ווערט מען פאַרגליווערט. אין פעלד איז פיל בעסער צו אַרבעטן — האָט שפרה געטענהט.

— חברות, היינט מאַכן מיר אַ פאַרזאַמלונג, — האָט גאָלדע געמאָלדן אין פּויליש.

זיי זענען אַרויף אויפן בוידעם.

די פאַרזאַמלונג האָט געפירט שרה:

— חברות, מיר זענען ניט סתם ווייבער. מיר זענען חלוצות. מיר דאַרפן זיין ענערגיש און מוטיק. אַרבעטן גוט און האָפן. מיר דאַרפן זיין אָרגאַני־

זירט. מ׳דאַרף אויסקלייבן אַ סעקרעטאַרין וועלכע זאָל שרייבן בריוו און זיך פאַרבינדן מיטן מרכז, אין וואַרשע. און אַ סדרנית־עבודה, זי זאָל קומען אין קאָנטאַקט וועגן די אַרבעט־פּלעצער. די צוויי חברות זאָלן קאָנען דער־לידיקן אַלע אונדזערע פּראָבלעמען. אַזוי אַרום וועט אונדז זיין לייכטער דורכצושטופּן די צייט ביזן שעדיול. מירן פאָדערן מ׳זאָל אונדז שיקן אַ צייטונג אין עברית. ניט אַלע קאָנען דייטש.

— ניט אַלע קאָנען אויך גוט לייענען עברית — דאַרף מען פאָדערן אַ צייטונג אין יידיש, דעם „היינט" אָדער „דאָס וואָרט" — האָט דינה באַמערקט.

— אונדזער גלות איז געוואָרן פאַרלענגערט, וואָס קאָנען מיר טאָן, — האָט שרה פאַרגעזעצט. — אַ ברירה האָבן מיר? דער עיקר מוטיק!

— ווען מ׳פרעגט אונדז אין פּוילן, צי מיר ווילן דאָ וואַרטן, צי וואָלטן מיר איינגעשטימט? — האָט רוחמה געפרעגט.

— ניט אַלע, — האָט חיהקע זיך אויפריכטיק מודה געווען.

רוחמה האָט געוויינט. געטראַכט, אַז זי וואָלט בעסער געזעסן אין איר קיבוץ צוזאַמען מיט איר חבר. „אַזוי לאַנג וואַרטן — אפשר וועט ער זי פאַרראַטן."

— וויינען איז ניט קיין גבורה! — האָט איטע גערעדט. — דאָ איז אויך אַ קיבוץ. מירן דורכמאַכן נאָך עטלעכע מאָנאַט הכשרה.

דינה האָט גערעדט:

— חברות, צי מיר ווילן, צי ניט, וועט אונדז ניט העלפן. אויף צוריק איז ניטאָ קיין וועג. מיר מוזן זיך צופּאַסן צו דעם לעבן. איר ווייסט אַלע דאָס ווערטל: „ווען מ׳נעבעכטיקט איבער מיט די צרות, ווערט מען מיט זיי ווי אייגענע שוועסטער־קינדער". מיר דאַרפן זיך אויפלעבן מיט די חברים. מירן זיי אויפקלערן, אַז מיר זענען ניט געקומען פון רייכע היימען, אַזוי ווי זיי, מיר קומען פון יאָרן הכשרה, און מיר אַרבעטן לויט אונדזערע פּיזישע מעגלעכקייטן. מירן לייענען, לערנען עברית. צו וואָס פאַריאָמערן די צייט?

נאָך דינהן, האָט גערעדט ביילע:

— שוין צוויי פּעסער זענען מיר אויסגעגאַנגען — און איך בין ניט עולה

געוועזן. די יעקעס דאָ פֿאַרשטייען אונדז ניט. דער קלימאַט איז אַ שווערער. דאַרפֿן מיר שרייבן אין מרכז, מיר זאָלן צוריקפֿאָרן יעדע אין איר קיבוץ. ווער ווייס צי ס׳וועט נאָך זיין אַן עליה ?

די חברות האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, זיי זענען ניט איינשטימיק געווען מיט אירע רייד.

איטע האָט נערוועז געריסן אַ פּאַפּיר אין האַנט. שרה האָט ענערגיש פֿאָרגעשלאָגן :

— ניט פֿאַרצווייפֿלען ! איך לייג פֿאָר צו באַשטימען דינהן אַלס מזכירה און גאָלדע זאָל פֿאַרמיטלען וועגן אַרבעט.

דרייצן חברות האָבן געשטימט פֿאַר דינהן, פֿיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פֿון שטימען. פֿאַר גאָלדען האָבן געשטימט צען, צוויי קעגן, פֿינף האָבן זיך אָפּגעהאַלטן — און די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט.

אין די מינוטן האָבן אַרויסגעטאַנצט אַ צען חברים מיטן געזאַנג : „העבודה היא חיינו״. די חברות האָבן זיך דערשראָקן, געמיינט זיי זענען שיכור.

אַרמאַן האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט אָנגעפֿירט מיט דער גראַנדע. זיי האָבן טאַנצנדיק פֿאַרלאָזט דעם בוידעם, ווייל היינט האָט דער סעקרעטאַר חתונה געהאַט.

— מאָרגן פֿאָרן 28 חברים אַוועק אויף עליה, — האָט דינה דערמאָנט.

.32

כאַסיע מיט חיהקען וואַשן די וועש, אָנגעטאָן אין גומענע שירצן. כאַסיע רעדט פֿאַרבענקט : — „אַך, וויל איך פֿאָרן אויף חופֿש צו מיינע עלטערן״. זי טאַנצט ממש אונטער נעבן די וועש. מאַכט צו די אויגן, לאָזט אַראָפּ די לאַנגע וויִעס. ווי זי שפּילט פּיאַנע מיט די ווייסע, לאַנגע פֿינגער, אין די מולינעס. חיהקע האָט זי ליב.

— מ׳דאַרף איינאָרדענען אַ טאַנצאָוונט. דאָ איז דאָס לעבן שווערער. אין איטאַליע איז געווען וווּנדערבאַר. אַך, איטאַליע ! איך וואָלט שוין וועלן האָבן אַ קינד, אָבער אין גאַליציע איז ניט דערלויבט צו האָבן קינדער. איך האָב היינט באַקומען אַ פּעקל שאָקאָלאַד מיט אַ בריוו פֿון מיין מוטער. זי דערמאָנט מיך וועגן אַ קינד.

— „אסור!“ — האָב איך געשריבן.

זיי האָבן געענדיקט וואַשן און כאַסיע האָט אַראָפּגענומען פון זיך די שירץ:

— די אַרבעט האָבן מיר שוין היינט געענדיקט.

דינה מיט עטלעכע חברות זענען געזעסן אונטער אַ פלוימען־בוים. עזרא האָט געבעטן דינהן גיין מיט אים שפּאַצירן. זי האָט זיך געמאַכט ווי זי הערט ניט און געשמועסט מיט די חברות.

— דינה, דו וועסט געהערן צום וועד, צוקאָאָפּטירט אַלס פאַרשטייערין פון די פּוילישע חברות. אפשר ווילסטו אונדז לערנען יידישעס? — ער האָט גערעדט דייטש.

— אָט איז פאַר אייך אַ בריוו.

— איז וואָס שווייגסטו?

דינה האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט. אין בריוו איז געווען געמאָלדן, אַז גלייך ווי די ערשטע סערטיפיקאַטן וועלן אָנקומען, וועט מען זיי שיקן קיין פּוילן, און זיי וועלן אַלע צוזאַמען עולה זיין, אָן פיקציעס. וואַרשע איז אין פאַרבינדונג מיט גאַליציע. חברים אויף הכשרה זענען זיי מקנא, וואָס זיי זעען אַ ניי לאַנד מיט אַ נייעם סאָרט קיבוץ.

די חברות זענען געווען צופרידן פון בריוו.

— וואָס קלינגט מען ווייטער? — האָט רוחמה געפרעגט.

— אַ פאַרזאַמלונג, — האָט דינה געזאָגט.

— ווער פון אונדז וועט נעמען דאָס וואָרט? מיר קאָנען ניט אַלע רעדן. ביי זיי איז איצט באַגרענעצט די צייט. זיי האָבן פיינט אַז מ׳רעדט אַ סך, — האָט גאָלדע דערציילט.

אונטער די ברייטע, שמעקעדיקע ניסביימער, ניט ווייט פון די טישן, אויפן גראָז, זענען געזעסן די חברים, אויבן אָן דער סעקרעטאַר. אַ גרויסער לאָמפּ איז געהאָנגען אויפן בוים. דער סעקרעטאַר האָט געמאָלדן, אַז ווער ס׳וויל קאָן רעדן יידיש.

די חברות זענען געזעסן אַלע צוזאַמען, נייגעריק אויסצוהערן די פאַר־זאַמלונג.

— מ׳קאָן רעדן מאַמע־לשון, — האָט אליהו זיך געוויצלט.

דער סעקרעטאַר האָט געמאָלדן:

— זיבעצן חברות זענען ביי אונדז געבליבן וואַרטן אויפן נייעם שעד־יול. מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן, אַז זיי זאָלן אַרבעטן נאָר אַכט שעה. זיי דאַרפן אַרבעטן צוועלף שעה, גלייך מיט אַלע חברים, ניט באַלאַסטן די חברה. און די הויפטזאַך ניט פאַרשפעטיקן. דאָס פאַרשפעטיקן צו דער אַר־בעט דעמאָראַליזירט די חברים.

די חברות האָבן געפאָדערט פון דינהן זי זאָל נעמען דאָס וואָרט. זי האָט געזאָגט:

— לאָמיר וואַרטן, הערן וואָס ווייטער.

— די פוילישע בחורות ווילן ניט אַרבעטן, — האָט אַרמאַן ניט דרייסט געזאָגט.

דאָ האָט דינה באַקומען אַ צעטל, זי זאָל רעאַגירן. דינה האָט געפרעגט:

— ווער וויל ניט אַרבעטן? ביטע, גיט אויף אַ נאָמען. מיר זענען ניט געקומען אייך אויסנוצן. איר שטעלט אַוועק דאָס פּראָבלעם, ווי צווישן צוויי פיינטלעכע לאַגערן. מיר ווילן ניט לעבן אויף אייער חשבון, מיר אַרבעטן ווי מיר קאָנען. צוועלף שעה דאָס איז אַ צווייטע פראַגע. פון אייערע חברות אַרבעט אין פעלד נאָר איינע. איך גלייב, אַז אַלע חברים דאַרפן ניט אַרבעטן מער ווי אַכט שעה. מ'דאַרף האָבן צייט צו לייענען.

אפרים האָט מיט אַ פלעגמאַטישן קול געזאָגט:

— דאָ איז ניט קיין פענסיאָן. דער משק וועט גיין צו גרונט.

— פאַר וואָס דאַרף זיין אַ פּראָבלעם פוילישע בחורות, ליטווישע חב־רות, אַדער אַנדערע. חברים, אַלע זענען מיר חברים — האָט מרדכי גערעדט מיט כעס.

דער סעקרעטאַר האָט געהייסן אַפּשטימען ווער ס'איז פאַר צוועלף שעה אַרבעט, ווער פאַר אַכט שעה — און ער לייגט פאָר צען שעה. די פאַרזאַמ־לונג האָט אָפּגעשטימט זומער אַרבעטן צען שעה אַ טאָג. פיל חברים זענען צוגעקומען צו די חברות, זיי איינגעלאַדן שפּאַצירן. דינה מיט נאָך צוויי חברות האָבן געלייענט „דאָס וואָרט" וואָס זיי האָבן באַקומען פון וואַרשע.

.33

היינט איז אַ רוטאָג. מ׳אַרבעט ניט. ס׳איז זונטיק. אויפן בוידעם איז פינצטערלעך. ליגן די חברות לענגער אויף די געלעגערס און מ׳שמועסט. איטע זעצט זיך צו צו דינהן און בעט זי דערציילן פון זיך.

— דו האָסט אוודאי דורכגעמאַכט אינטערעסאַנטע זאַכן.

איטעס גרויסע, שוואַרצע אויגן גלאַנצן. זי שטריקט אַ סוועטער פון בלאָע וואָל. רוחמה ליגט לעבן פּערלען און לייענט איר דעם בריוו פון איר חבר, וואָס זי האָט נעכטן דערהאַלטן.

— מײַן משה איז אַ טײַערער יאָט, — ווי זי זאָל אים איצט זען נעבן זיך. זי איז פֿאַרבענקט. — איך גלייב, ער וועט מיך ניט פֿאַרראָטן. ער איז שוין געווען ביי מיר אין דער היים.

פּערל איז איר מקנא. זי האָט ניט קיין חבר. איר בענקט זיך נאָך אַ נאָענטן מענטש, זי זאָל קאָנען אים אַלץ דערציילן און זיך מיט אים באַראָטן. זי פילט זיך אַזוי ניט־זעלבשטענדיק. זי ווערט בלאַסער, ליגט אַזוי מיט ברייט־געעפנטע אויגן און הערט זיך איין אין רוחמהס רייד.

דינה טראַכט פון פּנחסן. זי באַקומט אָפטע בריוו פון אים. זי געדענקט זיין געזעגענען זיך מיט איר. „ווער ווייס, אפשר וועט ער זיך אָפּגעווינען פון מיר, און וועט זיך צוגעווינען צו אַ צווייטער?״ זי דערמאָנט זיך אין דעם חבר דאָ, וואָס זוכט זי כסדר, און זי זונדערט זיך אָפּ. עס שטויסט איר אָפּ פון אים. זי טראַכט, אַז פּנחסן וועט זי ניט פֿאַרבייטן. „מירן זען וואָס די צייט וועט אויפטאָן״.

— חברות, צו וואָס דאַרפן מיר הערן די מוזיק פון רעגן? קומט, לאָמיר אויפשטיין און גיין אין עסזאַל — האָט דינה פֿאַרגעלייגט.

— די בלאָטע איז גרויס, קיין שטיוול האָבן מיר ניט. מירן ניט קאָנען דערגיין אין די האַלבע שיך, — האָט איטע געזאָגט שטיל.

ס׳האָבן זיך געהערט שווערע טריט. אַרמאַן איז אָנגעקומען אין הויכע, גומענע שטיוול, אין אַ רעגן־מאַנטל. און האָט זיי אויפן קול באַגריסט:

— בוקר טוב, חברות! שטייען זי אוף ס׳קומט גלייך דער וואָגן, וועט ער אייך מיטנעמען אין קיבוץ. שוין צען אַ זייגער. עלף אַ זייגער וועט

פאַרקומען אַ פּרעסע־איבערזיכט.

זיי האָבן שנעל זיך אַנגעטאָן און אַראָפּ פון בוידעם. די פור איז גע־קומען. זיי האָבן זיך אויפגעזעצט און געקומען אין עסצימער. זיי האָבן אויף שנעל אָפּגעגעסן פרישטיק, מען האָט זיי אָנגעזאָגט די נייעס, אַז היינט גייען זיי אַריין וווינען אין אַ צימער. אין קיבוץ האָט מען רעמאָנטירט צוויי צי־מערן פאַר זיי אַלע. דינה מיט איטען זענען אַריין זען די צימערן. די ווענט — ווייס אויסגעקאַלעכט, צוויי פענצטער — צום הויף אַרויס. דער דיל — פון ליים, אייזערנע בעטן, איין בעט האַרט ביים צווייטן, אַנשטאָט מאַט־ראַצן, אָנגעשטאָפּטע זעק מיט שטרוי. ציכלעך מיט שטרוי אַנשטאָט קישנס. ווייסע ליילעכער. צו צוויי קאָלדרעס. אַן אַלטע שאַפע אויף די זאַכן. אין גרעסערן צימער וועלן שלאָפן צען חברות, וועט ער הייסן דער צענער־צימער. אין קלענערן צימער — זיבן חברות, וועט ער הייסן דער זיבענער־צימער. אַזוי האָט מרדכי דער בעל־משק זיי געזאָגט. אַ קליין טישל פאַר־שפּרייט מיט אַ רויטן פּאַפּיר. אויפן טישל — אַ נאַפטלאָמפּ. פאַראַן אויך אַ באַנק צום זיצן.

מרדכי האָט זיי אָנגעקוקט דורך די גרויסע ברילן, צי ס'אין אָרדענונג? אַרמאַן האָט זיך נאָכגעפרעגט:

— קינדער, ווי גייט עס? איר האָט זיך שוין צוגעווינט?

— ביי אייך איז אַרבעט און עסן, עסן און אַרבעט, — האָט דאָרע אָפּגעלאַכט.

— ווינטער מאַכן מיר תרבות־אַרבעט, זומער אַרבעטן מיר.

ס'איז געקומען דער דאָקטאָר, באַקוקט די צימערן און געשמייכלט:

— היפּש, — האָט ער איראָניזירט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ערשטן בעטל.

ס'איז געקומען אהרן מיט דער גיטאַרע, אָבער גלייך האָט מען אַראָפּ־גערופן צום פּרעסע־איבערזיכט. עזרא האָט זיך געזעצט נעבן דינהן. ער האָט זיך ניט איינגעהערט אין דעם פּרעסע־איבערזיכט. ער האָט געטראַכט פון דינהן, געוואָלט זיך מיט איר באַפריינדן. זי איז אַ שווערער נוס. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין היים, ווי גוט ער האָט געלעבט, רייכע עלטערן, ביז די רדיפות פון היטלערן. און איצט לעבט ער ווי אַ חמור. ער האָט

געוואַלט אַן אינטימע חברה. נאָר דינה אינטערעסירט אים. ער האָט זי אָנ־געקוקט פון אַ זייט, געשמייכלט.

.34

פיל פון די חברות האָבן זיך פאַרקילט, ווייל די באַקוועמלעכקייטן פאַר זיי זענען געווען אין דרויסן. זיי זענען געלעגן אין קראַנקן־צימער. צוויי חברות זענען געווען קראַנק אויף געלזוכט. ביילע איז שוין געוואָרן געזונט, אויך פערל. דינה ליגט שוין צוויי וואָכן קראַנק אויף די נירן. דער דאָקטאָר איז איר זייער געטריי, אינטערעסירט זיך, צי זי עסט, צי זי שלאָפט גוט. ער האָט איר געגעבן מעדיצין און איז אַוועק אין דאָרף באַזוכן קראַנקע. ווען ער איז אַריין אין אַ הילצערנער שטוב, האָט ער געמוזט איינבייגן דעם קאָפּ. אַ פאַרדומפּטער ריח האָט אים דעם אָטעם פאַרשטיקט. אויף אַ טאַפּטשאַן פון ברעטער איז געלעגן דער קראַנקער, איינגעדעקט מיט מאַנטלען.

— דאָברע דען, אַ גוט־מאָרגן, האָט דאָקטאָר מאַניע באַגריסט. ער האָט גענומען אַ בענקל, זיך געזעצט נעבן קראַנקן, געפרעגט וואָס אים טוט וויי.

— יאַקאַ ווראָטשינאַ, ווי איז די פיבער — האָט ער מיט אים גערעדט אין קראָאַטיש. ער האָט אים אונטערזוכט, געגעבן מעדיצין. קיין געלט האָט ער ביי אים ניט גענומען.

אויפן וועג אַהיים האָט דאָקטאָר מאַניע געטראַכט: „אָרעמע פּויערים, ווערן אויפגעגעסן פון מאַלאַריע און אַנדערע קראַנקייטן".

ווען ער איז געקומען צוריק אין קראַנקן־צימער, האָט ער געטראָפן דינהן מיט עזראַן שפּילן אין שאַך.

— אוודאי האָט דינה פאַרשפּילט. פּרויען מוזן פאַרשפּילן — האָט זיך דער דאָקטאָר געוויצלט. — דער פּסיכאָלאָג זאַקזשעווסקי האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער מוח פון אַ פרוי וועגט ווייניקער ווי דער מוח פון אַ מאַן, — און ער האָט געלאַכט אויפן קול.

— יאָ, נאָר אַ מאַן קאָן אַזוי שרייבן.

עזרא האָט געוווּנען, זיך געזעגנט און איז אַוועק. דער דאָקטאָר האָט דינהן פאַרגעלייגט צו שפּילן אַ פּאַרטיע. דער דאָקטאָר איז געווען מיד, זיך ניט קאָנצענטרירט ביים שפּיל, געטראַכט פון קראַנקן פון וועלכן ער איז

נאָר וואָס געקומען — און ער האָט פאַרשפּילט די פּאַרטיע. דינה איז געווען צופרידן, געלאַכט פון אים. ער האָט געשפּאַסט:

— כ׳האָב ספּעציעל פאַרשפּילט, מיין פּאַציענטין זאָל זיך פרייען.

ד״ר מאַניע האָט דערציילט, אַז ס׳טרעפט אַ שווער קראַנקער, בעכטיקט ער נעבן אים. ער האָט אַרויסגענומען דעם טאַשן־זייגער, אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— איצט גייט מען לערנען עברית. אַ שווערע שפּראַך. מ׳דאַרף זי רע־פאַרמירן. איך גיי אַהיים. ווען מ׳דאַרף מיך, זאָל מען מיך רופן. — ער האָט גענומען די טעקע און זיך געלאָזט גיין.

דינה האָט זיך באַמיט צו באַהערשן אירע פיינלעכע געדאַנקען. זי האָט זיך געערגערט וואָס זי קאָן ניט אַרבעטן און דאַרף ליגן אין קראַנקן־צימער. ערב ראש־השנה איז היינט, האָט זיך דינה דערמאָנט. אין קיבוץ האָבן זיך געשאַפן צוויי גרופּן. אַ טייל זענען געגאַנגען אין סלאַטינע אין בית־כּנסת, אַ טייל האָט פון זיי אָפּגעלאַכט, געזעסן ביים ראַדיאָ און גע־הערט מוזיק. שוין צוויי טעג ווי עס הענגט אַ ליסטע מיט נעמען אויפן לוח אין אַ שוואַרצער ראָם. ערשט היינט האָבן די בחורות באַמערקט זי. דאָס זענען געווען די נעמען פון זעקס חברות וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט.

ס׳איז אַרויפגעקומען שלום און געמאָלדן:

— פאַראַן אַ שעדיול.

חברות האָבן ניט געגלייבט, ווי קומט איצט אַ שעדיול? זיי זענען אַראָפּ אין עסצימער. שלום האָט געלאַכט:

— איר זיצט שטענדיק נאָך דער אַרבעט נאָר ביי זיך אין צימער. כּדי איר זאָלט אַראָפּקומען אונטן, אין עסצימער, מוז מען אייך אונטערפירן.

די דריי חברים קאָמוניסטן האָב זיך געזאָרגט, וואָס דער קיבוץ שיקט זיי אין שוועדן, לאָזט זיי ניט באַשטעטיקן אויף עליה. דערמעגלעכט זיי ניט עולה צו זיין אין ארץ.

.35

חול המועד סוכות האָט די מזכּירות באַשלאָסן צו פייערן דעם חג־הקציר.

שוין אַכט אין דער פרי האָבן אַרמאַן און נאָך פיר חברים זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, איינגעשפּאַנט די אָקסן און גענומען די פויקן, אַנגעטאַן פּאַפּירענע היטלען, צוגעפאָרן צום קיבוץ און אויפגעשפּילט „קומו, חברים". געזונגען, און ווייטער געפאָרן. מיט דער מוזיק זענען זיי אָוועקגעפאָרן צום שטאַל, געבראַכט שאָף, וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט טרייבן און זענען זיך צעלאָפן. אַרמאַן האָט זיי געטריבן צום קיבוץ. ערשט דאַן זענען זיי געוואָרן געהאָרכזאַם. די פערד זענען געווען אויסגעוואַשענע, די אויערן אויפגעהויבן און האָבן געוואַרט. די אָקסן האָבן זיך געשראָקן, געדרייט אויף צוריק די קעפּ, ווי וועלנדיק אַנטלויפן פון דער שמחה. דער הונט איז געשטאַנען נאָענט פון אַרמאַנען, דער דאָקטאָר האָט זיך געשטעלט נעבן זיי, געשמייכלט, גענומען אויסגלייכן די בלוי־ווייסע פענער.

אַזוי האָט מען געשפּילט, פאָרנדיק איבערן הויף אַהין און צוריק. חברים זענען געווען אין אַ גוטער שטימונג. מ'האָט זיך געפרייט און געלאַכט. שפּעטער האָט מען דאָס אַלץ פאָטאָגראַפירט. מ'האָט אויך איינגעאָרדנט אַ לאָטעריע און חברים האָבן געצויגן נומערן. איינער האָט געוווּנען אַ שאָקאָלאַד, איז די פרייד געווען גרויס. אַ צווייטער — פּאַפּיראָסן, אַ דריטער אַ קעמעלע. נאָך דעם האָט מען געטאַנצט אַ האָראַ און אויך אַמאָליקע טענץ, אַ וואַלס, אַ טאַנגאָ.

דער סעקרעטאַר האָט דערמאַנט ניט צו טאַנצן די בירגערלעכע טענץ: „מיר זענען סאָציאַליסטן". די חברות האָבן זיך פאַרטיידיקט: „איין מאָל אין יאָר מעג מען טאַנצן אַלע טענץ".

אין עסצימער איז געווען אַ סך ליכט. אונטער יעדן לאָמפּ איז געווען אויפגעהאַנגען אַ בילד אין רויטן פּאַפּיר און אויסגעשטעלט די גרינס וואָס מ'האָט באַאַרבעט דאָ אין משק. די מייערן האָבן אַרויסגעקוקט פון די זאַנגען, צווישן זיי די בוראַקעס און אַנדערע גרינסן. די טישן ווייס סערווירט. אויף יעדן טיש — בלומען. די ערטער צום זיצן זענען געווען נומערירט.

זיבן אין אָונט זענען אַריינגעקומען די חברים, אין טונקעלע אַנצוגן, אין ווייסע בלוזעס. די חברות אין גוטע קליידער. די פּוילישע חברות אין ווייסע בלוזעס און גראַנאַט־רעקלעך. אויבן אָן האָבן שמואל און אליהו פאַרגעלייענט זייער הומאָריסטישע צייטונג.

צווישן די חברים האָט מען פאַרטיילט אַ קאַרטל אויסגעשניטן פון קאַר־טאָן, מיט אַן אָפּגעמאָלטער קאַריקאַטור וואָס האָט קריטיקירט די חברים. דינה האָט באַקומען אַ קאַרטל: „וואָס נוצט מיר די חכמה, ווען נאַרישקייט גילט". דער סעקרעטאַר, אַ צייכענונג ווי ער האַלט אַ מיידל אויף די הענט, ווייל ער גייט אַרום מיט דאָרען און זיי האָבן באַשטימט חתונה האָבן. ער האָט געלאַכט. דער דאָקטאָר האָט באַקומען אַ קאַרטל ווו ער זיצט ווי אַ קיסר, מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ. מ'האָט געבראַכט פון סלאַטינאַ פּאָרצעלייענע געפעס. אויף די נייע, ווייסע טעלערס — געבראָטענע עוף. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. נאָכן עסן האָט מען אָנגעהויבן דעם קולטור־טייל. מ'האָט צערוקט די טישן, איינגעדרייט די לאָמפּן און דאָרע האָט רעציטירט מיט איר הייזעריקער שטימע: „שטיוול". די חברים האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם יידיש נאָר געזעסן רויִק. נאָך דעם האָט מען פאַרגעשטעלט צוויי חסידישע בילדלעך. דאָרע האָט זיך אָנגעטאָן פאַר אַ רבין. די חברים איז עס געפעלן. נאָך דעם זענען געווען רעציטאַציעס אין דייטש. שפּעטער האָט מען ווייטער געטאַנצט.

עזרא איז געזעסן ביי זיך אין צימער און געלייענט דעם „דבר" מיט דער הילף פון אַ ווערטערבוך. אַזוי האָט ער געלערנט עברית. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אים אַריינגעגנבעט אַ געדאַנק וועגן דינהן. „זי האָט שטאַרק ליב איר חבר, וואָס זי האָט געלאָזט אין קיבוץ. זי האַלט אין איין לייענען. אַלע חברות האָבן געלאָזט חברים, און דאָ פאַרברענגען זיי גוט די צייט מיט אונדזערע חברים. וואָס אינטערעסירט זי מיך ?" — האָט ער געטראַכט און ווי אָפּגעטריבן די געדאַנקען. „וואָס קאָן איך מאַכן ?" ער האָט זיך באַמיט צו לייענען.

נאָך דער פייערונג זענען די חברות אַרויף אין זייערע צימערן און קרי־טיקירט דעם אָוונט.

— איר האָט געדאַרפט זיין אין גראַכאָוו, וואָלט איר געזען וואָס פאַר אַ מסיבות עס זיינען דאָרט געווען — האָט רוחמה, אויסבעטנדיק איר בעט, געזאָגט.

— גוט איז דיר, אַז דאָס איז נעבן וואַרשע און די תרבותניקעס פון מרכז האָבן אָנטייל גענומען — האָט איטע באַמערקט.

— ווען ווערט מען שוין פון דאַנען פּטור ? — האָטביילע געפרעגט.

— ניט געזאָרגט, מירן נאָך האָבן בעסערע צייטן ! — האָט דינה גע־מונטערט.

— אַ מלוכה, — האָט ראָזע געחוזקט.

דאָרע איז געקומען, געבראַכט שאָקאָלאַד און געטיילט די חברות.

.36

די חברים האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט די חברות ביים אויסגראָבן די קאַרטאָפל פון פעלד. דאָרע מיט שמואלן טראָגן אַ קאַסטן קאַרטאָפל צום וואָגן. נאָך דער אַרבעט, ווען זיי זענען געקומען אַהיים, האָט דער סעקרעטאַר זיי געגעבן אַ בריוו פון וואַרשע. שוין דאָ אַ שעדיול. אין די וואָכן וועלן זיי שוין עולה זיין. דער בריוו איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. יעדע איינע האָט געוואָלט זען דעם בריוו מיט די אייגענע אויגן, שוואַרץ אויף ווייס. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן חברות פאַנטאַזירט, גערעדט, זיך געוויצלט, זיך געפרייט.

צו מאָרגנס האָט די מזכירות גערופן אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג. מ'האָט אויסגעקליבן אַ וועדת־עליה. די מזכירות האָט געמאָלדן, אַז זי האָט באַ־קומען פון בערלין 26 סערטיפיקאַטן און די חברים, וואָס קענען ניט קיין באַראַכאָוויזם, לייגט ער פאָר זייער עליה ניט צו באַשטעטיקן. אַלע האָבן געלאַכט. מ'האָט אַ סך גערייכערט. ס'איז געווען וואַרעם. חברים זענען געווען געשפּאַנט. עזרא האָט פּראַטאָקאָלירט, געקלאַפּט אויף דער שרייב־מאַשין. מאיר, דער סעקרעטאַר, האָט געקוקט וויפל צייט יעדער איז געווען אויף הכשרה און לויטן סטאַזש האָט ער פאָרגעלייגט די קאַנדידאַטור צו באַשטעטיקן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען געפירט די פאַרזאַמלונג.

שפרה האָט דערציילט :

— אין שלעזיע האָבן מיר געהאַט פיל ערגער ווי אין גאַליציע. מיר זענען געווען אַכט חברים אויף הכשרה, געאַרבעט ביי אַ פויער צו פערצן שעה אַ טאָג. אַזוי אַ גאַנץ יאָר. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט מיין חבר. פאַר פּסח האָבן מיר חתונה געהאַט, — האָט זי דערציילט אין דייטש פאַר די פּוילישע חברות. איר מאַן האָט זי אָוועקגערופן, זאָגנדיק דערביי :

— ווען ניט היטלער, ימח־שמו, וואָלט איך שוין געווען אַן אַפּטייקער. איך האָב דריי יאָר געלערנט אין אוניווערסיטעט.

מרדכי האָט זיי אָנגעקוקט ווי ער וואָלט זיי ניט געגלויבט. דאָ זעט שפּרהס מאָן אויס ווי אַן אמתער פּויער.

— איצט איז שפּעט — האָט שפּרהס מאָן ממשיך געווען — אַ צווייט מאָל וועל איך אייך דערציילן פון היטלערן, וואָס ער מאַכט מיט קאָמוניסטן און ייִדן. די יעקעס ווייסן עס. נאָר פּאָר פּוילישע איז עס אַ נייעס.

אַבאַ האָט געהאַט געבורטסטאָג, האָט ער איינגעלאַדן צו זיך אין צימער זעקס חברים. געטרונקען ראַקי, פאַרביסן מיט ווייסע זעמל און וואורשט. זיי האָבן געשמועסט, קריטיקירט די פירערס פון קיבוץ.

— ווען מרדכי, דער בעקער, האָט אָנגעצונדן דעם אויוון צו באַקן ברויט און ביים אָנצינדן פאַרגאָסן נאַפט, האָט מען אים באַשטראָפט, צו־גענומען אויף אַ וואָך זיין לאָמפּ פון צימער. — איך בין פון אַ דאָרף, נאָר געלערנט אין שטאָט, אין אוניווערסיטעט, געמאַכט אַ לעבן, געהאַט פיל חברות, באַזוכט קאָנצערטן — האָט אבא דערציילט. און מרדכי האָט דער־ציילט:

— ווען מיר זענען געווען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, זענען מיט אונדז געזעסן צוויי פּוילישע חברים, זייער באַוווסטזיניקע און געלערנט דעם קאָ־מוניסטישן מאַניפעסט, שטודירט ענגעלס שריפטן, און לענינס שריפטן.

זיי האָבן דערהערט אַ יאָמערײַ, ווי פון שאָקאַלן, אָבער דאָס זענען געווען קראָאַטן, וואָס האָבן ניט ווייט פון דאַנען געדאַווענט צו די הייליקע בילדער. די חברים זענען שוין געגאַנגען אין זייערע צימערן, האָבן זיי באַמערקט אַז אין עסצימער איז לכטיק און ס׳איז אַ גרויסער טומל. דאָס האָט דער סעקרעטאַר געמאָלדן די פּוילישע חברות, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון וואַרשע זיי זאָלן זיך גרייטן אויף מאָרגן צו עליה.

צוויי וואָכן שפּעטער איז אין חיפהער פּאָרט, אין איינער און דער זעלבער שעה אָנגעקומען אַ שיף פון יוגאָסלאַוויע און אַ שיף פון פּוילן. אסתר מיטן קינד זענען אַראָפּ פון שיף און פּנחס האָט פון ווייטנס דערזען דינהן. ער איז צוגעלאָפן און געשריִען: „דינה!“, זי דעריאָגט, אַרומגענומען און געמורמלט: „שווערע אַכט חדשים געווען“.

ביאָגראַפֿישע נאָטיצן

איך בין געבוירן אין האָלאָב, ניט ווייט פֿון קאָוועל, וואָלין, אין יאָר 1912. ווען כ׳בין אַלט געווען 10 יאָר, האָב איך געשריבן לידער. כ׳האָב די לידער פֿאַרגעלייענט מײַנע חברטעס. כ׳האָב פֿון קינדווײַז אָן געשטרעבט צו זײַן אַ לערערין. כ׳האָב געלערנט אין דער פּוילישער שולע. אין דער היים האָט מײַן פֿאָטער שטענדיק געהאַלטן אַ לערער און אַלע קינדער האָבן געלערנט העברעיש. רוסיש האָט מיך געלערנט מײַן עלטסטער ברודער שמו־אל. דאַוונען האָט מיך דער פֿאָטער געלערנט. ייִדיש האָט מיך מײַן עלטערע שוועסטער, דינה, געלערנט. חשבון האָט מיך מײַן צווייטע שוועסטער, רבקה, געלערנט — און דײַטש האָט מיך געלערנט מײַן עלטערער ברודער, דוד. דאָס אַלץ נאָך איידער כ׳בין געגאַנגען אין שולע.

אין יאָר 1928 בין איך געוואָרן זייער באַווירקט פֿון מײַן לערער און געשטרעבט צו פֿאָרן לערנען אין ווילנע. מײַן פֿאָטער האָט מיר ניט דער־לויבט צו פֿאָרן. מײַן עלטערע שוועסטער, רבקה, איז שוין געווען נאָך דער חתונה. האָב איך איר דערציילט וועגן מײַן שטאַרקן פֿאַרלאַנג און רבקה האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפֿן. זי האָט מיר געגעבן געלט צו פֿאָרן קיין לוצק. דאָרט האָבן מיר געהאַט פֿרײַנד. אין אַ שבת פֿאַר נאַכט האָט מיך מײַן חברטע רייזל באַגלייט צו דער באַן, און איך בין אוועקפֿאָרן קיין לוצק צוגרייטן זיך צום לערער־סעמינאַר אין ווילנע. אין אַ צוויי חדשים שפּעטער בין איך געפֿאָרן קיין ראָוונע. מ׳האָט געמאָלדן אַז מ׳וועט עפֿענען אַזאַ סעמינאַר אין ראָוונע. נאָך דעם ווי איך האָב גערעדט מיטן פּראָוואַלטער, רייז, פֿון דער תּרבות־גימנאַזיע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ׳וועט אין ראָוו־נע ניט עפֿענען קיין לערער־סעמינאַר. בין איך אַוועק קיין ווילנע. אין באַן בין איך געזעסן זייער אומרויִק. ווײַל כ׳האָב ניט געהאַט קיין געלט און קיין אַדרעס צו וועמען צו פֿאַרפֿאָרן. כ׳בין געווען הונגעריק און אומגליקלעך. נאָך מאַלאַדעטשנע האָט אַ פֿרוי פֿון אַ יאָר פֿופֿציק זיך באַקענט מיט מיר, פֿרוי לימאַן, אַ ווילנערין. זי האָט מיך געפֿרעגט צו וועמען איך פֿאָר, כ׳האָב

איר דערציילט דעם אמת. זי האָט מיך איינגעלאַדן איך זאָל פאָרפאָרן צו איר. זי וווינט מיט אַ טאָכטער און מיט אַ זון. אויב מיר וועט געפעלן, וועל איך בלייבן וווינען ביי איר, אויב ניט, וועל איך מיר זוכן אַ וווינונג — אַזוי האָט זי צו מיר גערעדט. כ׳בין געווען גליקלעך פון איר פאָרשלאָג. זי האָט געהאַנדלט אין מאַלאַדעטשנע און נאָך דאַנערשטיק ביי נאַכט איז זי אַהיימגעקומען אויף שבת. אויף מאָרגן האָט זי אָנגעזאָגט אין געשעפט, ווו זי קויפט פּראָדוקטן, מ׳זאָל מיר געבן אויף איר חשבון. איר טאָכטער האָט מיר רעקאָמענדירט פּויליש-לעקציעס ביי אַן עלטער מיידל מיט איר ברודער. אין מיין ערשטער וואָך אין ווילנע האָב איך שוין פאַרדינט, כאָטש זייער ווייניק. אין דער היים איז די לאַגע געוואָרן אַ שלעכטע. אויך ביי דער שוועסטער אין געשעפט איז געווען שווער. ביי פרוי לימאַן האָב איך געוווינט צוויי יאָר. כ׳האָב עס געטאָן מער אויס דאַנקבאַרקייט. דערנאָך האָב איך געוווינט ביי קאַפּעלאָוויטש אין אַ צימער אַן פענצטער, צוזאַמען מיט נאָך אַ מיידל. נאָר די בעל-הביתטע האָט מיר געגעבן איר מיידעלע צום לערנען. איך האָב געלערנט אין לערער-סעמינאַר ביי ד״ר טשאַרנאָ. ביז צען אין אָוונט בין איך געווען פאַרנומען מיט געבן לעקציעס. נאָך דריי יאָר לערנען, בין איך אַריין אין סעמינאַר פון גננות. ס׳איז געווען ווייניק געלט צו צאָלן פאַרן לערנען. כ׳האָב באַקענט אַ חברה אוירבאַך און מיט איר געוווינט ביי מוראַוניקן. די אַלע ביי וועלכע כ׳האָב געוווינט, זענען געווען צו מיר גוט אַן אַ גרענעץ. דאָך האָב איך געבענקט אַהיים.

לידער האָב איך געשריבן ביזן 30סטן יאָר. שפּעטער בין איך איבער־געגאַנגען שרייבן פּראָזע. אַלע פינף יאָר אין ווילנע בין איך אָפּגעקומען מיט ברויט מיט הערינג, אָדער מאַרמעלאַדע. בלויז שבת האָב איך געגעסן מיטאָג אין סטודענטן־קיך. כ׳האָב די גאַנצע צייט געהאַט בלויז פיר קלייד־לעך, צוויי ווינטערדיקע און צוויי זומערדיקע, און איין פּאָר שיך. אין 32סטן יאָר האָב איך געענדיקט לערנען און דורך דער פּראָטעקציע פון מיינעם אַ באַקאַנטן, זרח, האָט מען מיך איינגעלאַדן צו לערנען מיט קינדער אין גרויס-סאָלעטשניק. מיר איז געווען זייער שווער צו פאַרלאָזן ווילנע. ווילנע איז מיר געווען זייער טייער — כאָטש כ׳האָב אין איר זייער פיל געהונגערט. אין סאָלעטשניק האָב איך געהאַט פאַר גאָר ביליק אַ שיין אויסגעמעבלט

צימער, ביי זייער פיינע מענטשן. מיטאָג האָב איך געגעסן ביי אַ פרוי. כ'האָב פאַרדינט נאָר צום לעבן. איך בין דאָרט געווען אַקטיוו אין סניף החלוץ.

אין ווילנע האָב איך געהערט צום החלוץ הצעיר. אין שטעטל, האָט מיך יעדן אָוונט באַזוכט דער קאָמוניסט זרח. ער האָט מיך אַגיטירט אידעיִש. דער פּראָגראַם איז מיר זייער געפעלן, נאָר איך האָב ניט געקאָנט מסכים זיין מיט זיין נעגאַציע פון ציוניזם און פון עליה. זרח האָט מיט מיר מיט־געאַרבעט אין החלוץ. מיר האָבן איינגעאָרדנט בשותפותע משפטים, איבער מנחם־מענדל, באַנטשע שוויג, אוריאל אַקאָסטאַ. די צייט איז געגאַנגען שנעל. זיין שוועסטער, אסתרקע, איז געווען מיין אינטימע חברטע. דאָך האָב איך באַשלאָסן פאָרן אויף הכשרה. כ'האָב געוואָלט עולה זיין. כ'האָב אויס־געפילט אַ שאלון אין ווילנער סניף. וואַרטנדיק אויפן אישור, בין איך גע־פאָדערט געוואָרן אין טורגיעל. דאָרט האָב איך געלערנט עברית און אויך געגרינדעט אַ סניף החלוץ. די חברים זענען געווען פון מיר שטאַרק צופרידן. נאָך דריי חדשים, בין איך אַוועקגעפאָרן אויף הכשרה אין קיבוץ אין לידע.

דער קיבוץ איז פאַר מיר געווען אַ ביטערע אַנטוישונג. די בעטן זענען געווען צוויי שטאָקיקע. אין יעדן בעט זענען געשלאָפן צוויי בחורות. ס'איז געווען שרעקלעך שמוציק און ענג, בפרט אין די זומער־חדשים. די ערשטע נעכט בין איך איבערגעזעסן. ס'איז ניט געווען קיין אַרבעט. מ'האָט גע־הונגערט. מ'האָט מיך געשיקט אויף אַרבעט צו אַ מאַדאַם אין קיך. כ'האָב ניט געקענט קיין שטוביקע אַרבעט, ניט געוווּסט ווי מ'מאָלט פלייש. כ'בין קראַנק געוואָרן אויפן מאָגן. דער סעקרעטאַר פון קיבוץ האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז ניט פאַר מיר. ער האָט מיר פאַרגעלייגט צו פאָרן אין ראַדון לערנען די חברים אין סניף עברית און יעדער וועט צאָלן אַ מינימום, וועל איך האָבן פון וואָס צו לעבן. אַן עברית וועט מען זיי ניט באַשטעטיקן צו הכשרה. דאָרט האָבן די חברים מיר געדונגען אַ צימערל, געשאַפן פּריוואַטע לעקציעס. ביי טאָג האָב איך געאַרבעט פּריוואַט, אין די אָוונטן — אין סניף. די מערסטע תלמידים־חברים זענען געווען געוועזענע ישיבה־בחורים. נאָר איינער איז געווען אַ בעקער, פלעגט ער לערנען עברית, שטייענדיק אין דרויסן לעבן פענצטער, ער זאָל ניט איינשלאָפן. מער ווי פיר חדשים האָב איך אין ראַדון ניט געוואָלט זיין. איך האָב זיך פאַרבונדן מיט דער מועצה

אין ווילנע, דערנאָך מיטן מרכז אין ווארשע. שטענדיק האָבן זיי מיך געשיקט פון איין סניף אין אַ צווייטן. נאָכן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָב איך געאַרבעט אין די סניפים אין גאַריי, אין יאַד און נאָך שטעטלעך.

אין יאָר 1934 בין איך געשיקט געוואָרן אין רוטקי-קאָבאָק ז. דער שליח פון מרכז האָט מיר געשריבן, אַז מיין אַרבעט וועט ווערן פאַררעכנט פאַר הכשרה, וואָס וועט מיר דערמעגלעכן עולה צו זיין.

קומענדיק אין רוטקי, בין איך שוין געווען פיזיש זייער אויסגעשעפּט. כ'האָב געלערנט די חברים פון החלוץ-הצעיר עברית. מיר האָבן איינגעאָרדנט ליטעראַרישע משפטים, געשפּילט טעאַטער. דאָרט, אין סניף, האָב איך באַקענט מיין לעבנס-חבר, זייער אַן ערלכער גוטער און איידעלער מענטש. וועלכער איז מיר אַ געטרייער לעבנס-באַגלייטער ביז היינט. פון רוטקי האָב איך געבעטן מ'זאָל מיך שיקן אין קיבוץ. אין יאָר 1936 האָט מען מיך געשיקט אויף אַ האַלב יאָר אין קיבוץ לאָדזש. אין יענעם יאָר איז אויך מיין חבר, יעקב, געקומען אין קיבוץ און מיך האָט מען געשיקט אין קיבוץ קיין פּויזן. דאָרט האָט מען מיך באַשטעטיקט צו עליה אין 1937.

אין 1937 יאָר האָבן מיר חתונה געהאַט און מ'האָט מיך געשיקט אין יוגאָסלאַוויע, אין אַ קיבוץ פון דייטשישע פּליטים. פון יוגאָסלאַוויע בין איך אין 38סטן יאָר, אין פעברואַר, אַנגעקומען אין ישראל, אין קיבוץ נס-ציונה. די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז געווען זייער אַ שלעכטע. מ'האָט גערעדט פון אַ וועלטקריג און ס'איז געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. דאָ האָב איך געזען, אַז איך בין ניט פּאַסיק פאַרן קיבוצישן לעבן — ניט פיזיש, ניט גייסטיק, און ניט געזעלשאַפטלעך. פאַר מיטאָג האָב איך גערייניקט די קלאָזעטן, נאָך מיטאָג, ווען יעקב איז געקומען פון דער אַרבעט, האָב איך זיך פאַרנומען מיט די פיר פרעמדע מיידלעך וועלכע האָבן זיך געפונען אין קיבוץ אויף דערציונג.

איך בין געווען זייער ניט צופרידן. אין יולי 1939 האָבן מיר פאַרלאָזט דעם קיבוץ. מיר זענען געווען נאַיִוו, ניט געוווּסט וואָס ס'טוט זיך אין שטאָט, ניט געקענט די לאַגע אין לאַנד. מיר זענען געקומען קיין תל-אביב. אַ וואָך צייט האָבן מיר געוווינט ביי אַ חברטע. מיר זענען געגאַנגען אין ווער-הפּועל בעטן אַרבעט. דער וועד-הפּועל האָט אונדז געשיקט אין בנימינה

רייסן ווייַנטרויבן. אָבער דער סעקרעטאַר האָט אונדז געהייסן נעכטיקן אין לשכת־העבודה און אָפּגעשיקט צוריק אין תל־אביב. מיר זענען ווידער גע־קומען אין וועד־הפועל, האָבן זיי מיך געשיקט אין מועצת הפועלות. פון דאָרט האָט מען מיך געשיקט אַרבעטן אין בית החלוצות אָן געלט, נאָר פאַר עסן. מיין אונטערבערויסט האָב איך מיטגענומען אַהיים און דאָס איז געווען מיין מאַנס עסן. מיר האָבן ביידע צוויי וואָכן געהונגערט. דערנאָך האָב איך באַ־קומען אַ חודש אַרבעט אין אַ קינדערקלוב, פאַר פיר פונט אַ מאָנאַט. מיר זענען געווען גליקלעך. איך האָב געקריגן פאַראויס צוויי פונט. פאַר אַ פונט אַ מאָנאַט האָבן מיר געדונגען אַ צימערל אין אַ צריף, אין תל־אביב, און אַ פונט איז געווען אויף עסן.

דעם 1טן סעפּטעמבער איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. דאָך האָב איך געקריגן אַרבעט אין קינדער־גאָרטן אין רמתיים און יעקב האָט געקריגן 2־3 טעג אַרבעט אין חודש אין אַ פּרדס. דאָרט האָבן מיר זיך באַקענט מיט קאָמוניסטן, און מיר זענען אַריין אין דער פּאַרטיי. כ'האָב נאַיִוו געגלייבט אַז מירן ענדערן די אָרדענונג, אַז מירן דערגרייכן אַ בעסער לעבן, אַ מער גערעכטן פאַרן אַרבעטסמענטש.

אין 42סטן יאָר, ווען די פּאַרטיי איז געוואָרן לעגאַל, האָבן זיך אָנגע־הויבן רדיפות קעגן אונדז. די הסתדרות האָט אונדז אויסגעשלאָסן, אַרויס־געוואָרפן מיך פון דער אַרבעט, יעקבן — ניט געגעבן קיין אַרבעט. אין יענעם יאָר איז שוין געווען פיל אַרבעט אין לאַנד.

אויף דער עצה פון ד״ר ראָטאַן, דאָקטאָר פון קופּת־חולים עממית, זענען מיר געפאָרן קיין נתניה. דורך זיין פּראָטעקציע האָט מען יעקבן צוגענומען אויף אַרבעט אין אַ פאַבריק ביי ברילאַנטן און איך בין געגאַנגען אַרבעטן ביים קטיף, שפּעטער אין דער ביאַליק־שולע. די עלטערן פון די שולקינדער האָבן זיך דערוווּסט צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי איך געהער, האָט מיר דער מנהל געזאָגט אַז די עלטערן ווילן ניט קיין סטאַליניסטישע מורה. האָב איך ווידער געקריגן פּריוואַטע לעקציעס. עקאָנאָמיש איז אונדזער לאַגע נאָך לאַנגע יאָרן געווען אַ שלעכטע.

רחל קאַנטאָר־שוואַרצבאַרד

1981